

שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ✶ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס' 18 ● חשון תשמ"ד ● תל-אביב ● נאָוועמבער 1983 ● נומער 18

מדיבורים למעשים

בכנס העולמי השלישי של לובלינאים, דובר הרבה על פרוייקט הנצחה רציני לעיר כמו לובלין. כמובן, שלא שכחנו להדגיש את חשיבות שיתוף-הפעולה בין הארגונים שלנו בתפוצות ובין המרכז הישראלי; השתתפות ילדינו ונכדינו בפעולות ה„לנדסמנשפט"; הדאגה לזקנים, בודדים וחולים — ועוד פעולות, בהן מצטיינים הארגונים שלנו בעולם ובמדינת ישראל. אבל תמיד קיימת הרגשה, שלא הכל נעשה במידה מספקת. אפשר להגיע לעוד הישגים, ולעבור מדיבורים למעשים.

אנו בפיגור רב בביצוע הפרוייקט הגדול להנצחת לובלין היהודית. אמנם הצלחנו עד-כה להוציא לאור שני ספרי-יזכור (ביידיש ובעברית); הקימונו מצבה בנחלת-יצחק; שני בתי-ספר אימצו את קהילת לובלין; נוסדו קרנות למלגות ועזרה ע"ש של בלה דובז'ינסקה, שבח לוונשטיין וחיים בס; קיים „חדר לובלין" בתל-אביב — ועוד פעולות. גם הארגונים בחוץ-לארץ הקימו אנדרטות לזכרם של קדושי לובלין ומנהלים פעילות ענפה, לפי המסורת של לובלין היהודית מלפני השואה. כעת הגיע הזמן להתמודד עם משהו גדול, רציני, מכובד, שהיקפו ואופיו יענו לתוכנה ורוחה של לובלין היהודית, החרותה בזכרוננו.

תרומות בסכומים ניכרים של הארגונים, ובראש וראשונה של יחידים, שביכולתם לתת (והם חייבים לעשות זאת!) למטרה קדושה זו — יאפשרו לנו לעבור מדיבורים למעשים. במדינה היהודית תונצח עיר ואם בישראל — לובלין היהודית.

„קול לובלין" — ח"י

בשעה טובה ומוצלחת, הגיע העתון שלנו „קול לובלין" לחוברת מס' 18 — מספר, שהתאזרח בלשון עממית עם שתי אותיות של הא"ב העברי — ח"י, שמשמעותו ביחד זה **חי, חיים**. השנתון שלנו, שב-18 חוברות הקדיש כל כך הרבה מקום ללובלין היהודית שנכחדה, נוסף לסיפורים על הנפטרים — הצטיין בראש-וראשונה בחיים, בהישגים, ביוזמה וביצירת קשר בין בני-עירנו באשר הם.

ידוע לנו, שיוצאי לובלין אוהבים את בטאונם ומצפים בחוסר סבלנות להופעתה של עוד חוברת. אבל האהבה הזאת חייבת גם להיות ממשית. בעתון צריכים גם לתמוך ולהבטיח את הופעתו הסדירה. לקריאה זו יש משמעות מיוחדת בתקופת היוקר הדוהר והאינפלציה.

בחוברת זו, מס' ח"י, נמצא שפע של חומר על הבית שנחרב, על הכנס העולמי ודיווחים על פעולות ה„לנדסמנשפטים". קריאה נעימה — כל עוד „קול לובלין" חי!

פון ווערטער צו מעשים

אויפן דריטן וועלט-צוזאַמענטרעף פון די לובלינער, איז אַ סך גערעדט געוואָרן וועגן אַ בכבודיקן פאַרייביקונגס-פּראָיעקט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַזאַ שטאָט ווי לובלין. פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט אויך נישט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פון צוזאַמענאַרבעט

←

די איצטיקע אויסגאַבע „קול לובלין" נומער 18, דערשיינט אויך אַ דאַנק דער מיטהילף פון אונדזערע בני-עיר לובאַ און משה קאַרן — לזכר זייערע אומגעקומענע עלטערן און משפחות:

שיינדל און **שלמה-לייב האַרן** און קינדער

פריידע און **בינם קאַצקער** (טאַשעמקאַ) און קינדער

כבוד זייער אַנדענק!

teatrnn.pl

צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין די תפוצות מיטן ישראלדיקן צענטער; פון אַריינציען די קינדער און אייניקלעך, כדי געבן אַ המשך אונדזער טעטיקייט; זאָרגן פאַרן עלטערן, איינזאַמען און קראַנקן מענטש — און אַנדערע אַקטיוויטעטן.

מיר זענען ווייט הינטערשטעליק מיטן רעאַליזירן דעם גרויסן פּראָיעקט צו פאַרייביקן די יידישע לובלין, הגם אויך ביז איצט איז מען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אַ באַווייז: די צוויי יזכור־ביכער (אין יידיש און אין עברית); דער מאָנומענט אין נחלת יצחק; די אַדאַפּטירונג פון דער לובלינער קהילה דורך צוויי שולן; די שילער־סטיפּענדיעס און קולטור־פאָנדן א. נ. פון בעלאַ דאָבזשינסקאַ ע״ה, שבח לעווענשטיין ז״ל און חיים בעס ז״ל; דאָס „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב — און אַנדערע אויפטוען. אויך די לאַנדסמאַנשאַפן אין די תפוצות האָבן אויפגעשטעלט מצבות און פירן אַ טעטיקייט, לויט די בעסטע טראַדיציעס פון דער אַלטער היים. אָבער איצט איז געקומען די צייט צו פאַרמעסטן זיך צו עפּעס גרויס, בכבודיקס, וואָס לויטן פאַרנעם און כאַראַקטער, זאָל עס אַנטשפּרעכן דעם גייסט און אינהאַלט פון דער אַמאָליקער יידישער לובלין, ווי זי איז איינגעקריצט אין אונדזער געדעכעניש.

אָנגעזעענע געלט־סומען פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט, און קודם־כל פון יחידים, וואָס קאָנען און דאַרפן געבן פאַר אַזאַ הייליקן צוועק — וועט דערמעגלעכן איבערצוגיין פון ווערטער צו מעשים, כדי אין דער יידישער מדינה זאָל אויף אַ ווירדיקן אופן פאַרייביקט ווערן די יידישע **לובלין און די עיר ואם** בישראל זאָל באַקומען איר אמתדיקן תיקון.

„קול לובלין" — ח״י!

אין אַ מזלדיקער שעה, איז אונדזער יערלעכע אויס־גאַבע „לובלינער שטימע" דערגאַנגען צום נומער 18 — אַ ציפער, וואָס האָט אינעם פאָלקס־לשון זיך איינגעבירגערט מיט די צוויי אותיות פון אונדזער אלף־בית, ח״י, וואָס צוזאַמען באַדייטן זיי לעבן. אונדזער זשורנאַל, וואָס האָט אין זיינע 18 נומערן געווידמעט אַזוי פיל אָרט דער אומגעבראַכטער יידישער לובלין און דערציילט וועגן די פאַרשטאָרבענע — האָט אָבער קודם־כל דעמאָנסטרירט לעבן, אויפטועןּ, איניציאַטיוו און איינגעשטעלט אַ פּערמאַנענטע פאַרבינדונג צווישן די לובלינער יידן, אַ ווו זיי האָבן זיך געפונען.

מיר ווייסן, אַז אונדזערע בני־עיר האָבן ליב זייער צייטונג און וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן דערשיינען פון נאָך אַ נומער. מיר ווילן אָבער, אַז די דאָזיקע ליבע זאָל ניט זיין קיין „פּלאַטאָנישע". אַ צייטונג דאַרף מען אויך שטיצן און דערמעגלעכן איר נאָרמאַל דערשיינען. דער דאָזיקער רוף איז באַזונדערס אַקטועל אין אַ תקופה פון שטייגנדיקן יקרות און אינפלאַציע.

אין איצטיקן ח״י־נומער פון „קול לובלין", איז פאַראַן אַ שפע מאַטעריאַלן וועגן דער אַלטער היים, וועגן וועלט־צוזאַמענפאָר און באַריכטן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

אַן אנגענעם לייענען — כל־זמן „קול לובלין" חי!

דער רעדאַקטאָר

ערב התיחדות
עם קדושי לובלין

ביום השנה ה־41 לחיסול הגיטו
על־ידי הרוצחים הגרמניים

יתקיים ביום ד׳ **י״א כסלו** תשמ״ד (23.11.83),
בשעה 7 בערב, בבית המלין, תל־אביב, וייצמן 30.

האולם יהיה פתוח משעה 6 בערב.

בתוכנית:

הדלקת 6 הנרות — **ניצולי השואה.**

יזכור — תלמידי ביה״ס שאימץ את קהילת לובלין.

„אל מלא רחמים" ו„קדיש" — החזן **יצחק רקובסקי.**

לזכור הנפטרים — **מתתיהו הורן.**

המנחה — **דוד שטוקפיש.**

בגליון זה משתתפים (לפי א״ב):

אין דעם נומער באַטייליקן זיך (לויט א״ב):

שרה ארליכמן־בנק • דן ארקין • מ. אדלר • ישראל אייזענבערג • אפרים איינשטיין • יונתן באַיאַרין • בראָניע וואַסערמאַן־עקהויז • משה זילבערבערג • א. זאַמדער • משה זאַלצמאַן • חיים זעלצער • אברהם זיטמאַן • קאָפּל מיזשריצקי • א. קוואַטערקאָ • טעשקע קאָרמאַן־פאָרשטעטער • נ. שמן • דוד שטאָקפיש • לייבל שיפער • Marlene Simons אאַנ״ד.

250 שקל

זה התשלום עבור דמי־חבר לשנת 1983 ו„קול לובלין מס׳ 18.

הסכום הנ״ל (כל תוספת תתקבל בתודה) נא להעביר לבנק הדואר

חשבון מספר 6־27638־4
ארגון יוצאי לובלין בישראל

בחוברת זו נמצאת המחאת בנק הדואר ואנו מבקשים להשתמש בה להעברת הכסף אלינו.

סטודנטים מסוריה על ספסלי ישיבת חכמי לובלין

הרב מנחם הכהן

יהודים דתיים, כאשר הם נמצאים בחו״ל, מתקרבים ונצמדים זה אל זה. הם אוהבים להתפלל בחברותא, לאכול ביחד את האוכל הכשר, שלפעמים לא קל להשיגו בחו״ל, ובכלל — הם מרגישים שיש משהו המקשר ביניהם.

שמחתי מאוד, איפוא, כאשר זיהיתי בין הנוסעים הישראילם לפולין את יעקב זילברשטיין. אני מכיר שנים רבות את יעקב זילברשטיין, איש „קרן היסוד״ שלרגל עבודתו היה בן־בית בבית „תנועת המושבים״. מפעם לפעם הוא נכנס לחדרי, מביא לי לוח־שנה, ואנו מחליפים מספר מלים.

יענק׳ל, בן העיר טומאשוב, שלמד בישיבה המפורסמת „ישיבת חכמי לובלין״ הגדולה שבישיבות אירופה שלפני השואה, הוא נכד למשפחת אדמו״רים. הוא עבר את כל מוראות השואה: בהיותו בן 16 נחטף ברחוב על־ידי קלגסים נאציים, והובל למחנה־ריכוז. את בני־משפחתו לא ראה יותר. שלוש שנים היה בבוכנוואלד, ואחר־כך — קרוב לשלוש שנים באושוויץ. פעמיים ספג מלקות, עונש שהרבה אנשים מתו כתוצאה ממנו. הנאצים לקחו ממנו את בריאותו, וגם ראייתו לקתה, אך הם לא הצליחו לקחת ממנו את החיוך, השפוך תמיד על פניו, ואת הלהט החסידי שלו.

מיד לאחר השואה בא יענק׳ל אל הרבי מגור. הרבי הביט בו ואמר לו: יודע אתה, אתה דומה לסבתא שלך. גם לה לא היה זקן... אבל, זקן או לא זקן — יענק׳ל נשאר חסיד. „מי שהחזיק פעם את ה,קלאמקע׳ (ידית הדלת) של חסידי גור, אינו יכול להינתק ממנה״, הוא אומר בחיוכו התמידי.

יענק׳ל הוא אחד מראשי ארגון הפרטיזנים היהודיים ואסירי הנאצים. לפולין נסע כחבר המשלחת הרישמית, ולקח עימו את בנו יחידו יוסי, צעיר בשנות העשרים שלו. הוא גם הצליח להכניס למזוודתו דגל ישראלי גדול־ממדים, כולל מוט, ובעת העצרת באושוויץ, הוא הניף לפתע את הדגל, בניגוד לתוכנית הרישמית. המארגנים הפולניים ניסו להוציא את הדגל מידיו, אך יענק׳ל לא נכנע, ולאחר עיכוב ארוך נמשכה התהלוכה — כשיענק׳ל צועד ודגל ישראלי בידיו, בתוך אושוויץ.

באופן טיבעי, התקרבנו יענק׳ל ואני, בעת הביקור בפולין. סיפרתי ליענק״ל בין היתר, כי ברצוני לבקר בלובלין.

שלט על הבניין

לובלין נחשבה לאחת הקהילות המפוארות בפולין. היהודים ישבו בלובלין כבר בתחילת המאה הי״ד. לובלין נחשבה למרכז מסחרי בעל ערך בינלאומי, שנהרו אליו לא רק סוחרי אירופה, אלא גם תורכים, ארמנים, קפריסינים, טטרים ועוד. יהודי לובלין עסקו גם ברפואה ובמדעים כלליים, במאה הזו היתה ליהודי לובלין גם הזכות לשאת נשק. משנת 1580 ואילך נתכנס בלובלין „ועד ארבע ארצות״, מעין פרלמנט בזעיר אנפין, אשר עליו נאמר בתעודה היסטורית, שהוא „כמו סנהדרין בלשכת הגזית״. כמובן שלימוד התורה עמד במרכז החיים וגדולי התורה בלובלין המלווים עד היום את תלמוד־בבלי בפירושיהם: המהרש״ל, המהר״ם, המהרש״א, הפיצו את לימוד התורה בלובלין.

לובלין גם היתה אחד המרכזים שהפיצו את החסידות בכל רחבי פולין ובה שכן רבי יעקב יצחק „החוזה מלובלין״ מאבות תנועת החסידות. בית־הכנסת המפואר של המהרש״ל בלובלין הכיל שלושת אלפים מקומות ישיבה. היה בה גם בית הכנסת של ר׳ שאול וואהל, שלפי האגדה היה מלך בפולין ליום אחד, ועד לחורבנה של פולין היו קוראים לעולים לתורה „ברשות אדוננו השר ר׳ שאול וואהל״.

היתה לי גם סיבה משפחתית לנסוע אל לובלין. בן־אחותו של סבי, רבי מאיר שפירא זצ״ל ממנהיגי יהדות פולין, היה ממקימי „ישיבת חכמי לובלין״ ועמד בראשה שנים רבות. כאשר שמע יענק׳ל על תוכניתי, אמר לי: בוא, ניסע יחד. למדתי בישיבה בלובלין, ורצוני לבקר בה.

וכך בוקר אחד, בשעה 6, יצאנו ממלוננו בוואַרשה, שכרנו מונית ללובלין, מרחק של כ־200 קילומטרים. הנהג הוואַרשאי שלנו לא הכיר את לובלין, ובהגיענו לעיר, הוא שכר נהג מונית מקומי, כדי שיוביל אותנו לישיבה. הנהג הלובלינאי, לעומתו, ידע היטב לאן פנינו מועדות, והוביל אותנו בביטחה אל הישיבה. בנין „ישיבת חכמי לובלין״ הוא עצום ומפואר. זיהיתי אותו מייד, על פי התמונות הרבות ממנו, שראיתי בילדותי בביתנו. הכל נשמר בו כפי שהיה בימי הזוהר שלפני המלחמה — פרט לדבר אחד: על חזית הבנין תלוי שלט גדול, האומר: „בית־הספר לרפואה של אוניברסיטת לובלין״.

„הג׳נוסייד בפלשתינים״

נכנסנו לקומת־הקרקע. עשרות תלמידים צעירים, חלקם לבושים בחלוקים לבנים, הסתובבו במסדרונות. הכל, בוודאי, כפי שהיה בישיבה. אלא שהצעירים הללו הם סטודנטים לרפואה: חלקם פולנים, אך לא מעטים מהם — אסיינים מלוכסני־עיניים, אפריקניים כהי־עור, וגם נציגי אזורנו, המזרח התיכון.

נגשתי לסטודנט בעל חזות מזרח־תיכונית ושאלתי אותו אם הוא מדבר ערבית. הוא הסתכל בסמל המדינה שעל דש מקטורני, והשיב לי בערבית, „אתה מפלסטין...״ עניתי בערבית, „אני מישראל, מאל־קודס״ (שמה של ירושלים בערבית). הוא שב ו„תיקן״ אותי: „אל־קודס, פלסטין״, אך אני התעקשתי, „אל־קודס, ישראל״.

לבסוף ויתרנו על המשך הוויכוח, והצגנו את עצמנו. היה זה בחור גבוה ויפה־תואר, בן העיר חומס שבצפון־סוריה. בינתיים התקרבו אלינו עוד שני ערבים, אחד מדמשק ואחד מרבת־עמון. לפתע, למרות הסיכסוך, הרגשנו כחטיבה אחת — שלשה ישראלים ושלשה ערבים, בני המזרח־התיכון, לעומת כל הפולנים.

שאלתי את הסורי אם ידוע לו שבית־הספר לרפואה, בו הוא לומד, שימש בעבר כישיבה. הוא השיב „כן״. לפתע, ללא כל קשר, אמר: „ודאי, ידוע לך שכעת אתם עורכים ג׳נוסייד בפלשתינאים בלבנון, אבל אתם אורחים כאן, והערבים הם מכניסי־אורחים, על כן אלווה אתכם בביקורכם״.

בליווית הסטודנט הסורי נכנסנו לאולם גדול, ששימש בעבר כבית המדרש של הישיבה. יענק׳ל לחש לי שמאומה לא השתנה בבניין. רק במקום בחורי הישיבה עטורי הפיאות ישבו סטודנטים וסטודנטיות, ועל הדוכן, במקום בו היה ראש הישיבה מגיד את שיעורו, עמדה מרצה ונתנה שיעור בביוכימיה.

פגישה עם הדיקאן

כאשר פתח הסורי „שלנו״ את הדלת, באמצע השיעור, עלתה חמתה של המרצה, והיא ביקשה מאיתנו בתקיפות לצאת. ה„מארח״ שלנו לקח אותנו לדיקאן הפקולטה, אשה, כדי לקבל את רשותה לערוך לנו סיור מודרך בבנין.

אגב, נשים בפולין ממלאות תפקידים רבים, חלקם כאלה

הנחשבים ל„גבריים" מובהקים. בנסיעותינו ברחבי פולין, שמנו לב לכך שכל מפקחי הבטיחות בבחסומי הרכבות, האחראיות על הורדתם והעלאתם של המחסומים, הם נשים. הוסבר לנו, כי הוחלט להציב בתפקיד זה רק נשים, לאחר שהתברר כי גברים רבים ששימשו בתפקיד זה שתו לשכרה, וגרמו לתאונות קטלניות. נשים, לעומת זאת, שותות פחות...

נכנסנו למשרדה של דיקאן הפקולטה. הסטודנט הסורי — בינתיים הסתבר לנו כי הוא עומד לסיים את לימודיו השנה — אמר בפולנית: „יש לי (!) כאן אורחים מישראל, יהודים השוחטים עתה את אחי ואחיותי בלבנון, אבל אני מארח שלהם, לכן אני מבקש את רשותך להראות להם את הבנין, שהיה בעבר ישיבה שלהם".

ביקשתי להרגיעו שאין אנו שוחטים את אחיו אך הוא אמר בזעף: „בגין, חוסיין, ערפאת וסאדאת — כולם בני־כלבים. אבל אתם אורחים שלי..."

הדיקאן, פולניה בהירת־שיער, כבת 60, חייכה. היא הבינה שמדובר בוויכוח פוליטי, וניסתה להסיט את הנושא. יענק'ל פתח עימה בשיחה, וסיפר לה שלמד בישיבה.

„אני בת לובלין", אמרה הדיקן. „כמובן שאני זוכרת את הישיבה. אני מצטערת מאוד, בכנות, על מה שקרה. לצערנו אין עכשיו יהודים בלובלין, ופשוט לא יכולנו להשאיר מיבנה מפואר כזה ללא שימוש. חשבנו שהדבר הטוב ביותר הוא לשכן בו את בית־הספר לרפואה שלנו".

הדיקאן נתנה, כמובן, את רשותה לנו לערוך ביקור בבנין. ולסורי — ללוותנו. יענק'ל, כולו נירגש, ביקר בחדר שבו התגורר, בעת שלמד. אחר כך הלכנו ל„מקווה", שכיום הוא משמש כמחסן רהיטים ישנים.

„פרק משניות"

בינתיים הצטרפה לסיורנו חברתו הפולניה של הסורי. ניסיתי לתהות על קנקנה הפוליטי. לשאלותי היא השיבה: „אני לא מתעסקת בפוליטיקה, אבל אני יודעת שהחבר שלי (הסורי, שהתעקש לא להציג עצמו בשמו) תמיד צודק..."

שעה ארוכה, עד הצהרים, סיירנו בבנין. למדתי פרק משניות לעילוי נשמתם של ראש הישיבה ר' מאיר שפירא והתלמידים. הסורי הביט בי, הבין כי זהו מנהג דתי, ולא אמר מאומה.

אגב, במשך כל הסיור היה פיו של הסורי מלא בשבחי ממשלת פולין, שהיא „דמוקרטית" ועושה רבות לקידום מדינות העולם השלישי. משום פולני — פרט לאלה הנושאים בתפקידים רישמיים — לא שמענו שבחים כאלה...

כשנפרדנו מ„מארחנו" הסורי, הודינו לו, ויענק'ל הוציא מתיקו שוקולד ומסטיק וביקש לתת לו, כשי קטן. הסורי הביט בממתקים. החזיר אותם ליענק'ל ואמר: „לא אקח את זה. מכם אני רוצה רק את פלסטין — ואת זה אני אקח!"

השבתי לו: „לאיש שהקים את הבית הזה קראו רבי מאיר שפירא והוא היה גם חבר ה„סיים" הפולני. לפני 15 שנה הועלו עצמותיו לירושלים (לאחר שהשתדלות ארוכה אצל ממשלת פולין נשאה פרי). הוא היה אומר: „יהודים נוהגים בליל הסדר חג החירות שלהם, לאכול ביצים קשות. מדוע? משום שהביצה מסמלת את העולם היהודי. ככל שמבשלים אותה — היא נעשית קשה יותר וחזקה יותר". דע לך גם אתה: ככל שאתם הערבים תהיו קיצוניים יותר, כך אנו הופכים קשים וחזקים יותר".

(„ידיעות אחרונות", 10.5.1983).

בית חולים ללא חולים

שרה ארליכמן (סויקה)

(זכרונות מלובלין תחת המגף הנאצי)

...אסון כבד נוסף פקד את עמנו השבוע. תאונה או פיגוע? עדיין אין תשובה, אבל דבר אחד ודאי: הבניין שקרס בצור, הרג 100 בני אדם צעירים על משפחותיהם. מי למות ומי ליסורים, ארוכה הדרך לשיקום.

תמונות בתים קורסים וחיפוש בתל החרבות, מחזיר אותי ללובלין של ספטמבר 1939. כמה חטטנו וחיפשנו קרובים וידידים.

האלונקות נושאות פצועים, מחזירות אותי שוב לעבר הרחוק שעדיין חיי בתוכי. לאותו יום 17 במרץ 1942. בלילה, לפתע הוארו רחובות האפלות של העיר. האור הרב לא גרם לנו שמחה, הוא עורר פחד איום. מה יהיה? ואמנם, זאת היתה התחלת הסוף! עברו מאז 40 שנה. גירוש בית החולים בלובלין הוא בתוכי. את החולים שעד כה טיפלנו במסירות ובתנאים קשים, פקדו אלינו להוריד באלונקות למקום האיסוף שבבניין השומר שבכניסה. אני זוכרת את פלצ'ר שפאק, שהיה מאושפז מאז מות בנו. מעל אלונקה קרא לי:

— סויקה, תסתירי את שמיכת פוך שלי בארון!

גרמני או פולני חיממו את גופם בשמיכה של היהודי הנרצח. לקחו את בני העיר הותיקים, את הפליטים, את השבו־יים, כולם שאיכלסו את „רזרבאט לובלין" ומצאו מקלט בבית החולים. אני זוכרת אשה ממחלקת יולדות, שאחרי שנים של עקרות, הצליחה ללדת תאומים בדיוק במרץ 1942. ראיתי את שמחת היולדת והיגון של האם.

החולים שהיו מסוגלים ללכת, חייבים היו להתייצב, ביחד עם העובדים לבדיקת תעודות. לשמאל או לימין — ציווה שליח השטן, והגורל נחרץ. עמדה אתנו אחות קאופמן, עם בתה היחידה. הפרידו ביניהן. האמא נפלה לרגלי החייל וביקשה להיות ביחד עם הבת. משהו זז בלבו הגרמני ופקד: „לינקס"! לשתיהן (שפירושו — מות לשתיהן). עובדים בני מזל עם תעודות בעלי תוקף נשארו למען עשית סדר ונקיון לקבלת חולים חדשים מבני „גזע העליון".

משונה בית־החולים ללא חולים. שקט שרר בכל החדרים. איש לא נאנח, איש לא ביקש תרופה נגד כאביו, איש לא ביקש שמיכה נוספת, בכדי לחמם את גופו הקר, איש לא ביקש תוספת מרק. הכל שתק. בית־החולים היה ריק, אבל מכל פינה ומכל מיטה הביטו בנו עינים עצובות של חולים, שאינם עוד. עצובות היו שיחות של הקבוצה שלנו. איש לא ידע מה עתידנו, לא ידענו את גורלם של משפחתנו.

אני עם חלק ממשפחתי ברחתי לוורשה. את התמונות מלובלין, ביחד עם אלה שהצטרפו בהמשך, אני נושאת אתי כמו כל האחרים עד סוף חיי.

(עפולה, 15.11.82).

„קול לובלין", שנתון ארגון יוצאי לובלין בישראל
תל־אביב, דיזנגוף 158.

המערכת — רעדאקציע: א. איינשטיין, צ. דסקל־וייסלפיש, ד"ר א. הורוויץ, מ. הורן, ע. פלד, ש. שטוקפיש, מ. שילד־קרויט. העורך: דוד שטוקפיש.

כדורגל בחפירת המוות...

דן ארקין

במיידנק, מקום המוות של יהדות לובלין, גם שם יש חפירות־מוות, המגדלת כיום עשב ירוק. שם, ב־3 בנובמבר 1943, ירו הנאצים ביום אחד והרגו 18,400 יהודים שהובאו מלובלין וסביבותיה. במחנה סגרו את העצירים בצריפיהם, והפעילו מערכת רמקולים שניגנה מוסיקה רועשת, כדי שלא ישמעו את טרטור המקלעים ואת זעקות האימה.

הגדר של מיידנק גובלת כיום בשיכונים הקיצוניים של הרבעים החדשים של לובלין. 50 מטרים מתא הגאזים יצא פולני לטייל עם כלבו בשעת אחר־צהרים נעימה. מעבר לגדר, ליד הקרמטוריום הבנוי לבנים אדומות, רדפו שלושה נערים פולניים אחרי כדורגל, שבעטו בכדור והוא נפל ליד חפירת המוות. הנערים השובבים צחקו וליהגו והתבדחו וחיפשו את כדורם.

לפני 40 שנה נורו למוות במקום הזה יותר מח״י אלף יהודים ביום אחד, מעלות השחר ועד שקיעת החמה. מהדהדות היו באוזני דבריו של הרב הראשי של ת״א־יפו הרב ידידיה פרנקל בטקס חנוכתו של בית הכנסת נוז׳יק בוורשה, בית הכנסת שבו התפללו הורי בילדותם. וכך אמר הרב פרנקל בקול רועם באוזניהם של נציגי ממשלת פולין, הכמורה הקתולית והניצולים והצברים שבאו מישראל: „אדמת פולין היא בית הקברות הגדול ביותר בעולם של בני העם היהודי״.

(„מעריב״, 22.4.83)

הרובע היהודי בלובלין במאה ה־17 (ציור)
יידישער קוואַרטאַל אין לובלין אין 17טן י.ה. (צייכענונג)

אויך יידן האָבן נישט געגלויבט...

משה זילבערבערג / דעיטאָן, אָהאַיאָ

נאָך אַ יאָר איז פאַרביי. דער אָנדענק און זכרון פון די זעקס מיליאָן קדושים איז ניט געוואָרן שוואַכער. פאַרקערט, יאָר נאָך יאָר ווערן די גרוילן און קאָשמאַר פון די יידן פון די יידן אין די געטאָס, קלאָרער און בולטער. דער יונגער דור אין מדינת ישראל און אין די תפוצות, אידענטיפיצירט זיך מיט די קדושים און גבורים פון גיא ההריגה אין אייראָפּע.

מיר, די קעמפערס פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, האָבן אויפגענומען אַן אויסזיכטלאָזן קאַמף, מיר האָבן געוו/סט, אַז מיר גייען אויף אַ זיכערן טויט. מיר האָבן געקעמפט נישט פאַר אונדזער לעבן און נישט פאַר אונדזער פרייהייט — דער קאַמף איז פון פאַראויס געווען אַ פאַרשפילטער. מיר האָבן געקעמפט פאַר אידעאַלן און באַגריפן, וועלכע שטייען העכער פון לעבן און טויט — כבוד פון יידישן פאָלק. מיר האָבן ניט געקענט פאַרלאָזן דאָס געטאָ און זיך אַרויסרייסן אין די וועלדער, פאַרמירן פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, ווייל די סביבה פון די פאָלאַקן איז געווען פאַררעטעריש און שנאהדיק צו יידן מער, ווי צו דעם אָקופאַנט דעם דייטש...

★

צוויי אָרגאַניזאַציעס האָבן עקזיסטירט און געקעמפט אין דעם וואַרשעווער ווידערשטאַנד. איינע — אַן אַלגעמיינע, האָט אַרומגענומען דעם „בונד״, קאָמוניסטן, און די ציוניסטישע גרופּירונגען; די אַנדערע איז באַשטאַנען פון בית״ר־ישע, רעוויזיאָניסטישע ריכטונגען, ווי אויך אומפּאַרטייאישע און רעליגיעזע. די ערשטע האָט געהייסן יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע״ — זשאָב (זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ). די צווייטע האָט געטראָגן דעם נאָמען יידישער מיליטערישער פאַרבאַנד, זש. ז. וו. (זשידאָווסקי זוויאָנזעק וואָיסקאָווי).

בראש פון דער ערשטער איז געשטאַנען מרדכי אַנילעוויטש. מיט דער צווייטער האָבן אָנגעפירט: פּאַוועל פרענקעל, ד״ר דוד וודאָווינסקי, לייב ראדאל פון קעלץ און צבי זילבערבערג פון לובלין. אַלטע, פאַרטייאישע חשבונות און פּאָליטישע קעגנזאַצן, אפילו אין אָנבליק פון דעם חורבן און אונטערגאַנג פונעם פוילישן יידנטום, האָבן לײדער, ניט צוגעיאָגט די פאַראייניקונג פון די קעמפנדיקע גרופּן...

אַ לאַנגע צייט פאַר דעם אויפשטאַנד, האָט דער פאָרזיצער פון יידישן נאַציאָנאַלן ראַט אין געטאָ וואַרשע, דער מנהיג פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, מנחם קירשענבוים, אָפּגעהאַלטן סעפּעראַטע זיצונגען מיט די פאָרשטייער פון די רעוויזיאָניסטן, ווייל די בונדיסטן האָבן ניט געוואָלט זיצן ביי איין טיש מיט די פאָרשטייער פון הצה״ר.

כ׳געדענק, ווען מיין ברודער צבי הי״ד און דער שרייבער פון די שורות האָבן זיך געראַטעוועט פון דער פאַגראָמירטער שטאָט לובלין און אָנגעקומען קיין וואַרשע, האָבן די ציוניסטישע פירער ד״ר ראובן בן־שם (פעלדשו) און ד״ר דוד וודאָווינסקי אונדז איינגעלאַדן צו באַזוכן דעם פרעזעס פון יודענראַט, אינזש. טשערניאַקאָוו, און אים איבערגעבן פרטים וועגן דער פאַרניכטונג פון לובלינער יידנטום. במשך אונדזער געשפרעך, וואָס האָט געדויערט העכער 2 שעה, האָבן מיר איבערגעגעבן איינצלהייטן דעם ראש הקהל, וואָס האָט פּאַסירט אין לובלין און אומגעגנט, ווי עדי ראיה, וואָס האָבן מיטגעמאַכט די אויסזידלונג און על־פּי־נס זיך געראַטעוועט קיין וואַרשע. לײדער, האָט אינזש. טשערניאַקאָוו, פּונקט ווי אַנדערע חשובע

יידן — געפירט שטרויס־פאָליטיק, ניט געוואָלט זען די ווירקלעכקייט.

מנחם קירשענבוים האָט מיך געפרעגט:

- - חבר זילבערבערג, וואָס הערט זיך אין לובלין? אמת, ס'איז שוין דאָרט רואיק?

— יאָ, ה' קירשענבוים — האָב איך אים איבערגעריסן — אויף אַ בית־עולם איז רואיק...

כ'האָב געשילדערט די פּיין און יסורים, טויט און חורבן פון לובלין. ער האָט ניט געקענט הערן די איוב־בשורות און אַ דענערווירטער אויסגעשריגן:

— פאַרשפּרייט ניט קיין גרויל־ידיעות. ערשטנס, זענען די לובלינער יידן ניט פאַרניכטעט געוואָרן אין בעלזשעץ, ווי איר זאָגט, נאָר זיי געפינען זיך אין ראָוונע און פּינסק, וווּ מ'האָט זיי פאַרשיקט. ס'זענען אָנגעקומען בריוו פון הרב תלמוד הי"ד, דער ממלא מקום פון הרב שאַפּיראָ זצ"ל און אַנדערע, און זיי שרייבן, אַז די קולטוס־געמיינדע האָט זיי איינגעאָרדנט. צווייטנס, האָב איך באַקומען אַן אינטערסאַנטע ידיעה פון מיין חברה, בעלא דאָבזשינסקא הי"ד, אַ ציוניסטישע טוערין, מיטגליד פון צ. ק. פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין פּוילן, אַז ס'איז רואיק אין לובלין, און אַז די גרעסטע טייל פון די יידן בלייבן ווייטער וווינען אין שטאָט...

כ'האָב אויפגעקלערט מנחם קירשענבוימען, אַז ס'איז אמת, אַז 7,000 יידן פון קנאַפּע פופציק טויזנט, זענען געבליבן אין לובלין, און אַריבערגעפירט געוואָרן קיין מיידאַנטאַטאַרסקי, אַן אָרעמער קוואַרטאַל הינטער דער שטאָט נאָענט צום טויטן־לאַגער מיידאַנעק — און ביי יעדן מאָמענט וועט מען זיי ליקווידירן. די העכער 10 טויזנט זענען ניט אין ראָוונע און פּינסק, נאָר אַלע זענען פאַרגאַזט געוואָרן אין בעלזשעץ.

אָבער די יידן האָבן ניט געוואָלט גלויבן, אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זאָל אַ פאָלק ווי די דייטשן, ווערן רוצחים... און וואָס איז געווען די רעאַקציע פון דער ציוויליזירטער וועלט, ווען דער רויך פון די גאַז־קאַמערס איז יאָ באַקאַנט געוואָרן?

דערמאָנונגען פון די מלחמה־יאָרן

בראָניע וואַסערמאַן־עקהאַוס / מעלבורן

די מחבריק, געוווינט אין לובלין ביזן אויסברוך פון קריג, איז ניצול געוואָרן פון די היטלעריסטישע לאַפּעס, צוזאַמען מיט איר מאַן, איינציקן זון און שוועסטערן. זי איז אויך אַרויסגעטרעטן אין יאָר 1965 ווי אַן עדות קעגן צוויי קריגס־פאַרברעכער, די רוצחים פון די קאָוולער יידן. זי האָט לעצטנס אָנגעשריבן, אין ענגליש און אין פּויליש, זכרונות פון יענער שרעקלעכער תקופה, ווי אויך דערינערונגען פון דער פאַר־מלחמהדיקער לובלין. מיר ברענגען דאָ אַ פראַגמענט פון בראָניע עקהאַוס' זכרונות.

I

פרייטיק גאַנץ פרי, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, זענען די דייטשן באַפאַלן פּוילן. נאָך אַ שוואַכן ווידערשטאַנד מצד דער פּוילישער אַרמיי, האָבן די דייטשן און די סאָוויעטן זיך צעטיילט מיט דעם באַזיגטן לאַנד און באַשטימט דעם טייך בוג ווי די גרענעץ צווישן דריטן רייך און דעם ראַטן־פאַרבאַנד. אין יענער צייט האָב איך און מיין משפחה זיך געפונען אין אָסטראָוו־לובעלסקי, וואָס איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. ס'איז פאַר מיר געווען געפערלעך צו בלייבן אין אָסטראָוו, ווייל כ'בין דאָרט געווען באַקאַנט מיט מיינע סאָציאַליסטישע אנשויונגען. איך דעצידיר זיך אַריבער צו קלויבן אויף יענער זייט בוג, צו די סאָוויעטן.

אַ געוויסן טאָג אין סעפּטעמבער, האָב איך זיך געזעגנט מיט דער מוטער, פאָטער און שוועסטערן. אַלע איז באַפאַלן אַ טרויער, נאָר קיינער האָט נישט געטראַכט, אַז מיר שיידן זיך אויף שטענדיק. מיט מיר איז אויך אַוועק מישא עקהאַוס, מיין צוקונפטיקער מאַן. איך געדענק, ווי מיין טאַטע האָט אונדז באַגלייט עטלעכע קילאָמעטער און ווי שווער ס'איז אונדז אָנגעקומען דאָס געזעגענען זיך. מיר האָבן יאָמערלעך

כיתה בגימנזיה ע"ש שפר בשנות השלושים • אַ קלאַס פון שפּער'ס גימנאַזיע אין די 30ער יאָרן • (צוגעשטעלט פון יעקב ווייסבראָט)

געווײנט. דער טאַטע האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון זיינעם אַ קוזין אין שטעטל פּיוסק.

די שאָסייען און וועגן זענען פול געווען מיט פליטים — צופוס, אויף וועגענער, מיט ראָוערן. מיר, מיט אונדזער ביסל אָרעמקייט אין די רוקזעק, האָבן זיך ענדלעך דערשלאָגן אין דער שטאָט קאָוועל, אַ גרויסער באַן־קנופּ, מיט אַ באַפעלקערונג פון עטלעכע דרייסיק טויזנט איינוווינערס — פּאָלאַקן, אוקראַינער און יידן (18 טויזנט). דער רוב יידן דאָרט זענען געווען איינגעאָרדנט.

אין קאָוועל האָט מען אונדז איינגעאָרדנט אינעם הויז פון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, ווו מיר האָבן געטראָפן אַ סך חברים און חברטעס פון דער באַוועגונג און פון תפיסה. אינעם הויז האָבן מיר באַקומען עסן, אויסגעהערט זייער אָפּט רעפעראַטן, דיסקוטירט. דאָרט האָט געהערשט אַ גרויסער באַלאַגאַן.

אין די לעצטע טעג פון אָקטאָבער 1939, זענען אומגעריכט געקומען קיין קאָוועל מיינע צוויי שוועסטערן: אַן עלטערע פון מיר, שיינטשע, מיט איר מאַן, אַ ברודער פון מישאַ'ן און אַ יינגערע פון מיר. די גאָר יינגסטע, שרה'לע, איז געבליבן מיט דער משפּחה. צופעליק איז זיי געלונגען צו באַקומען אַ מ'שטיינסגעזאָגטע וווינונג ביי אַ פּוילישן באַן־אַרבעטער, נאָר שנעל געמוזט פון דאָרט זיך איבערקלויבן אין אַן אַלטן, הילצערנעם באַראַק, נישט ווייט פון דער קאָליעיאָווע־גאַס, ווו סזענען נישט געווען די עלעמענטאַרסטע איינריכטונגען צום וווינען. ליידער, האָבן די יידן פון קאָוועל נישט אַרויסגעוויזן צו פיל פאַרשטענדעניש און מיטלייד פאַר די פליטים, די א.ג. „בעזשענצעס", וואָס זענען אַנטלאָפן פון מערב־פּוילן, אַן אָקופּירטע פון די דייטשן. שפּעטער, אַז די דייטשישע אַרמיי איז אויך אַריין קיין קאָוועל, זענען ווינציק יידן פון דאָרט אַנטלאָפן. זיי, פּונקט ווי מיר, האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט צו וואָס די היטלעריסטישע רוצחים זענען פעיק.

2

איך און מישאַ, מיין צוקונפטיקער מאַן, האָבן זיך אויפגעהאַלטן אינעם הויז פאַר געוו. פּאָליטישע אַרעסטירטע, אָבער נישט געווען באַשעפטיקט. האָבן מיר מיט נאָך באַקאַנטע געפאָדערט אַרבעט. אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז, אַ גרופּע פון 12 פּערזאָן, אַוועקגעשיקט אינעם פאָלוואַרק „זאַקאַזשעל" אויף פּאָלעשע. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ פאַרלאָזט הויז און אַ פאַרנאַכלעסיקטע ווירטשאַפט. וואַרשיינלעך האָט מען די אייגנטימער, פּאָלאַקן, אַרעסטירט און די דינערשאַפט איז זיך צעלאָפן. ס'איז נישט געווען דאָרט קיין שום אַרבעט פאַר אונדזערטוועגן. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ וויסטעניש, מ'האָט נישט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן. נאָך אַ געוויסער צייט באַשליסן מיר צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, הגם מ'האָט באַקומען צו עסן. נאָר דער פראָסט און קעלט האָבן זיך איינגעגעסן אין די ביינער. ס'איז דאָך געווען אין דעצעמבער 1939.

אומקערנדיק זיך קיין קאָוועל, זענען מיר אַוועק וווינען אינעם באַראַק מיט מיינע שוועסטערן. ס'איז געווען פאַר אַלע אומבאַקוועם, נאָר מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג. נאָך גרויסע באַמיונגען, האָב איך באַקומען אַרבעט אויף דער באַן־סטאַציע. מיין אויפגאַבע איז געווען צו פאַרשרייבן אויף פאָרמולאַרן די דאַטע, שעה, נומער פון וואַגאָן און זיין מאָדעל, צי ר'איז ליידיק אָדער אָנגעלאָדנט, אויב יאָ — מיט וועלכע סחורות. אויב ס'האָבן זיך געפונען קי, — האָט מען באַדאַרפט ספּעציעל אונטערשטרייכן. אַזעלכע וואַגאָנען האָט מען באַדאַרפט אָפּטשעפּען און אַוועקפירן די בהמות צום אָנטרינקען און אָנקאָרמען. בעת אַ נאַכט־דיזשור, האָב איך איינמאָל פאַרשריבן עטלעכע וואַגאָנען ווי ליידיקע, בעת זיי זענען געווען אָנגעלאָדן מיט בהמות. אַ פּוילישער באַן־אַרבעטער האָט דאָס באַמערקט און אין דער לעצטער מינוט ממש באַוויזן נאָך אָפּטשעפּען די דאָזיקע וואַגאָנען. דערמיט האָט מיר אָפּגעגליקט, ווייל מ'וואָלט מיר געמשפּט פאַר סאַבאָטאַזש, ווען דער טעות ווערט אַנטדעקט. בדרך־כלל זענען די פּוילישע באַן־אַרבעטער געווען האַרציקע מענטשן און זיי האָבן זיך צו מיר פריינדלעך באַצויגן.

אַ טאָג־ צי אַ נאַכט־שיכטע האָט מיך באַשעפטיקט 12 שעה. נאָר פאַקטיש איז זי אָפּט דערגאַנגען צו 14—16 שעה. פאַרן אָנהייב פון דער אַרבעט, זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, מיט אַ רעפעראַט. און נאָך דער אַרבעט האָט מען איינגעקויפט אין קאָאָפּעראַטיוו די נייטיקע פּראָדוקטן, נאָך וועלכע מ'האָט געמוזט אָפּט שטיין אין לאַנגע רייען.

3

אַ געוויסן פרימאָרגן אין חודש יוני 1940, ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט נאָך אַ נאַכט־דיזשור — האָב איך געטראָפן אַ ליידיקן באַראַק. קיינער פון מיינע נאָענטע זענען שוין נישט געווען דאָרט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די סאָוויעטישע מיליץ האָט אַרעסטירט די אַלע, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרשריבן צוריק צו פאָרן אינעם אָקופּירטן טייל פון פּוילן, ווו זייערע משפּחות האָבן זיך געפונען אונטערן דייטשישן יאָך. די פאַרהאַלטענע פליטים האָבן די רוסן אַוועקגעפירט אויף דער באַן־סטאַציע און זיי פאַרשפּאַרט אין וואַגאָנען, אין וועלכע מ'איז פאַרשיקט געוואָרן אין טיף רוסלאַנד. איך בין שנעל אַוועק אויף דער סטאַציע, ווייל צווישן די פאַרהאַלטענע זענען דאָך געווען מיינע צוויי שוועסטערן און שוואָגער. מישאַ האָט גראָד זיך געפונען אין לעמבערג. ווען ער איז פון דאָרט צוריק געקומען, האָבן מיר נאָך באַוויזן מיטצוגעבן דער משפּחה שפּייז און אָנטועכץ. ווער האָט זיך דעמאָלט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זיי האָבן מערער שאַנסן צו בלייבן לעבן ווי מיר, די פאַרבליבענע אין מערב־אוקראַינע? אַ גליק, וואָס די וואַגאָנען מיט די פאַרשיקטע זענען געשטאַנען עטלעכע טעג אויף דער סטאַציע. מיר האָבן באַוויזן צו געזעגענען זיך מיט די שוועסטערן און שוואָגער און זיי באַזאָרגן מיט נייטיקע זאַכן.

מישאַ און איך באַשליסן אָפיציעל צו הייראַטן. די צערעמאָניע איז געווען זייער אַ באַשיידענע און קורצע, אין דער אַנוועזנהייט פון עטלעכע פריינד. מיר נעמען אָן די סאָוויעטישע בירגערשאַפט, פאַרלאָזן דעם באַראַק און אָרדענען זיך איין אין אַ קליינעם, מעבלירטן צימער (אַ בעטל, טישל, שענקל און 2 שטולן), מיט אַ בשותּפותדיקער קיך. דער אייגנטימער פון באַראַק האָט אונדז אָנגעקלאָגט אין געריכט, ווייל די אַרויסגעשיקטע משפּחה איז אים שולדיק געבליבן דירה־געלט. פון אונדזערע באַשיידענע פאַרדינסטן האָבן מיר געמוזט אָפּצאָלן דעם חוב.

איך האָב ווייטער געאַרבעט אויף דער סטאַציע, און מיין מאַן — אין אַ סטאָלעריי־פאַבריק. מיר האָבן געהאַט עלטערן אויף יענער זייט בוג, איז דער קאָנטאַקט געווען אַ שוואַכער. דערפאַר האָבן מיר באַקומען בריוו פון ווייטן, קאַלטן סיביר, ווו ס'זענען געווען פאַרשיקט מיינע שוועסטערן און שוואָגער. די בריוו זענען געווען פאַרצווייפלטע. הונגער, נויט, פראָסט, שווערע אַרבעט. איך געדענק, ווי מיר האָבן געטרוקנט פּערפּל, געפּרעגלט גריוון, איינגעקויפט צוקער, רייז און אַנדערע פּראָדוקטן און אַלע 2 וואָכן געשיקט אַהין שפּייז־פּעקלעך. מיר האָבן זיך געטיילט מיט זיי אין אַלעמען, פאַר וואָס זיי זענען אונדז געווען זייער דאַנקבאַר.

4

אין אָקטאָבער 1940 האָב איך פאַרשוואַנגערט און אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער בוכהאַלטעריע אויף דער באַן־סטאַציע. דאָרט באַקענט אַ סך פּוילישע באַן־אַרבעטער, אגב

זייער גוטע מענטשן. מיט מיר האָט געאַרבעט אַ יידישע פרוי באַשע, וואָס איז יעדן טאָג געקומען אין ביוראָ פון קאַמיען־קאַשירסק. מיר האָבן זיך באַפריינדעט.

אין יענער תקופה איז די פּאָליטישע סיטואַציע נישט געווען אַזאַ פריילעכע. מיר האָבן געלייענט און געהערט וועגן דייטשלאַנדס מיליטערישע דערפאָלגן אין מערב־אייראָפּע — און נאָך אַלץ געגלויבט אין נסים. מיר זענען דאָך געווען יונג און אפילו ענטוזיאַסטיש. סוף מערץ 1941, איז מיין מאַן מישא גערופן געוואָרן אויף מיליטערישע איבונגען אויף עטלעכע חדשים. בעצם, האָב איך געקאָנט זיך באַמיען מ׳זאָל אים באַפרייען, ווייל כ׳האָב געשוואַנגערט און געווען איינע אין דער משפחה. נאָר מיין וועלט־אנשויונג האָט אפילו נישט צוגעלאָזט אַזאַ געדאַנק. איך האָב געגלויבט, אַז ס׳איז אונדזער חוב צו קעמפן מיטן פאַשיזם. די צעשיידונג מיטן מאַן איז געווען זייער אַ טרויעריקע. איך האָב זיך געשעמט צו וויינען — און פאַרזיכערט מישא׳ן, אַז כ׳וועל זיך אַן עצה געבן, הגם דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך געפילט זייער איינזאַם, נישט געוווּסט, צי כ׳האָב ריכטיק געהאַנדלט. ביי טאָג האָב איך געאַרבעט און ביינאַכט בין איך ניט געשלאָפן, די געדאַנקען האָבן פאַרמאַטערט...

אַזוי ווי נאַטשאַלסטווע איז געווען צופרידן מיט מיין אַרבעט, האָב איך אָפּט באַקומען צוגאָבלעכע טאַלאָנען אויף שפּייז. אויך באַשע האָט געהאָלפן מיט ברענגען פון קאַמיען־קאַשירסק קאָנפיטורן, פרוכט און נאַשוואַרג, וואָס האָט פאַרלייכטערט די שוואַנגערשאַפט. איך האָב דערוואַרט מישא׳ס צוריקקער פון מיליטער־דינסט אין סוף יוני 1941. איך האָב געקענט איבעררייסן די אַרבעט אַ סך פריער, נאָר פּלאַנירט אַ לענגערן אורלויב נאָכן געבורט.

פרייטיק, דעם 19טן יוני, בעתן אויפרוימען די וווינונג, האָב איך באַקומען ווייען און מ׳האָט מיך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. די קראַנקן־שוועסטערס האָבן זיך געוויצלט, אַז כ׳קאָן אַהיימגיין און קומען אין עטלעכע וואָכן אַרום. ס׳איז דאָ צייט. אָבער דעם זעלבן אָוונט איז געבוירן געוואָרן אַ יינגעלע. צומאָרגנס האָבן מיך באַזוכט פריינד, געווונטשן „מזל־טוב" און געברענגט מתנות.

דאָס שפּיטאָל ווו כ׳בין געלעגן, איז געווען גרויס. די מערהייט פּאַציענטינס זענען געווען די פרויען פון סאָוויעטישע מיליטער־לייט און באַאַמטע. זונטיק גאַנץ פרי, דעם 21סטן יוני 1941, האָבן אונדז אויפגעוועקט פון שלאָף שטאַרקע אָפּהילכן פון לופט־באָמבאַרדירונגען. אַ סברה, אַז די באָמבעס זענען געפאַלן נישט ווייט פון דאַנען. ס׳איז געוואָרן אַ מהומה, נאָר באַלד האָבן זיך באַוויזן סאָוויעטישע אָפיצירן און אַלעמען באַרויקט, אַז דאָס זענען בלויז איבונגען פון דער אַוויאַציע... אָבער מיט אַ 2 שעה שפּעטער, זענען די זעלבע מיליטער־לייט געקומען צו לויפן פאַרזאָרגטע און איבערגעשראָקענע, כדי מיטנעמען מיט זיך זייערע פרויען און די ניי־געבוירענע קינדער, ווייל זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל צו עוואַקוירן זיך...

איך בין געבליבן אַליין מיטן 2־טאָגיקן זונעלע אינעם גרויסן, ליידיקן שפּיטאָל. ווו זאָל איך גיין ? צו וועמען זיך ווענדן ? דאָס הויז ווו כ׳האָב געוווינט, האָט זיך געפונען נעבן דער באַן־סטאַציע, וועלכע איז שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן, ווייל קאָוועל איז געווען אַ באַן־קנופּ. איך האָב נישט אויפגעהערט צו פרעגן זיך אַליין:

— וואָס טאָן ? וואָס טאָן ? !...

(המשך קומט)

הגירוש הראשון מלובלין לעיירות הסביבה, ב־1941.
ערשטע אויסזידלונג פון לובלין אין די אַרומיקע שטעטלעך, אין 1941.

(די בילדער האָט צוגעשטעלט ש. גאָלדבערג)

די רעליגיעזע לובלין צווישן ביידע וועלט־מלחמות

אברהם זיטמאן

דער אנהייב פון צוואנציקסטן יארהונדערט מיט זיינע רעוואלוציעס אין פוילן־רוסלאנד און די ערשטע וועלט־מלחמה (1914—18), האט מיט זיך געברענגט א סך שינויים אינעם יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן אין פוילן. צו דער קהילה־פירערשאפט אין פיל גרויסע שטעט, האבן זיך דערשלאגן א סך יידן, וואס זענען ניט דווקא געווען שומרי תורה ומצוות. אזוי טיילוויז איז אויך געווען אין לובלין.

נאכן ערשטן וועלט־קריג, האט זיך דאס קהילה־לעבן אנגעהויבן ארגאניזירן אויף א ברייט דעמאקראטישן אופן, און לויטן מלוכה־געזעץ באדארפט ארומנעמען אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג. און אזוי האט פאסירט, אז ווען עס זענען אין לובלין, באלד נאך דער מלחמה, פארגעקומען קהילה־וואלן, איז אלס פרעזעס אויסגעקליבן געווארן אן אסימילירטער ייד, אדוואקאט ווארמאן. (אזוי איז אויך געווען אין פיל אנדערע, גרעסערע קהילות). צו זיין שבח מוז געזאגט ווערן, אז וואס אנבעלאנגט רבנות, האט ער זיך גערעכנט מיט דעם רצון פון די פרומע יידן (שפעטער האט ער, אגב, געשטיצט די קאנדידאטור פון רבי מאיר שפירא אלס לובלינער רב). אבער דאס איז פארט ניט געווען אן אידעאלער צושטאנד פאר אזא היסטאריש־פרומע קהילה ווי לובלין.

אויף דער איניציאטיוו פון די גדולי התורה והיראה, איז אין יענער צייט געגרינדעט געווארן די שלומי אמוני ישראל (וואס איז שפעטער פארוואנדלט געווארן אין דער אגודת ישראל), וועלכע האט פראקלאמירנדיק די אומאפהענגיקייט פון ארטאדאקסישן ציבור, געשטרעבט דערצו, אז די ארטאדאקסיע זאל צוריק איבערנעמען די פירערשאפט אין די קהילות. די אגודת ישראל אין פוילן האט דאס אויך מיט דער צייט דערגרייכט.

אויך אין לובלין איז די פירערשאפט פון דער קהילה צוריק איבערגענומען געווארן פון פרומען ציבור. דער ערשטער ארטאדאקסישער קהילה־פרעזידענט איז געווען דער באקאנטער נדבן און יחסן ר הערשל זילבער, זון פון בארימטן למדן און גביר ר׳ סענדער זילבער, אייגנטימער פון דער פסח׳דיקער בראנפן־פאבריק, באקאנט אונטערן נאמען „ר׳ סענדער זילבער ובניו״, פון די באוווסטע לובלינער חסידים.

דערנאך איז די קהילה־פירערשאפט איבערגעגאנגען צום באקאנטן אגודה־פירער און שפעטערן לייטער פון דער הנהלת „ישיבת חכמי לובלין״, ר׳ שלמה האלבערשטאט, א באקאנטער ראדזינער חסיד. און אזוי האט עס אנגעהאלטן ביז צום אויסברוך פון דער לעצטער מלחמה.

דאס לובלינער רבנות איז נאכן ערשטן וועלט קריג געשטאנען אונטער דער הנהגה פון גרויסן גאון און פוסק־הדור הרב ר׳ אלי׳ קלאצקין זצ״ל. א דאנק זיין פאזיטיווע באציאונג צום רעיון פון אגודת ישראל און אונטער דער השפעה פון די חסידישע רביים אין שטאט, איז לובלין געווען פון די ערשטע שטעט אין פוילן, ווו עס האט זיך ארגאניזירט א שטארקע אגודת ישראל און דאס האט פיל געהאלפן, אז לובלין זאל בלייבן א גרויסע ארטאדאקסישע פעסטונג. די ערשטע אסיפה פון אגודת ישראל איז צונויפגערופן געווארן פון די „שבעה טובי העיר״, ווי הרב מרדכי יוסף לייגער, זון פונעם „בעת יעקב״ האדמו״ר מראדזין — איזביצע, באקאנט מיטן נאמען ר׳ מאטל לייגער; די זין פון לובלינער רבין, האדמו״ר ר׳ אברהם אייגער זצ״ל, הרב ישראל נח אייגער און הרב יהושע אייגער; דער אנגעזעענער גערער חסיד (שפעטערער מיטגליד אין דער הנהלה פון ישיבת חכמי לובלין) ר׳ משה שצעריינסקי; דער באקאנטער נדבן ר׳ שמואל אייכענבוים (וואס האט זיך שפעטער בארימט געמאכט מיט זיין שענקען דעם פלאץ פארן בנין פון דער ישיבה); ר׳ דוד בעלער פון די טריסקער חסידים, ר׳ טובי׳ ליבערמאן פון די לובלינער חסידים און ענלעכע חשובי העיר. דער רוב פרומע האבן זיך טאקע אנגעשלאסן אין דער אגודה און שוין צו דער ערשטער כנסי׳ גדולה פון אגודת ישראל אין ווין אין יאר תרפ״ג (1923), איז פון לובלין געפארן א גרויסע דעלעגאציע, בראש פון הגאון ר׳ אלי׳ קלאצקין זצ״ל.

שפעטער איז די פירערשאפט פון דער אגודה איבערגעגאנגען צו יינגערע און מער ענערגישע כוחות, און כדאי אויסצורעכענען א צאל פון זיי, ווייל זיי האבן פיל בייגעטראגן דערצו, אז לובלין זאל פארבלייבן א תורה געטרייע שטאט לשם ולתפארת. געווען צווישן זיי דער תלמיד־חכם און בריליאנטענער רעדנער, בארימט מיט זיין שיעור־זאגן יעדן אוונט אין דער שול — דער ראדזינער חסיד ר׳ משה אייזענבערג (ער איז שפעטער געווען פון די נאענטסטע מיטארבעטער פון לובלינער רב ר׳ מאיר שפירא זצ״ל און האט אים אויך באגלייט אויף זיין רייזע קיין אמעריקע); ר׳ שלמה האלבערשטאט, שפעטערדיקער יושב ראש פון קהילה; ר׳ מאיר האלבערשטאט, פון די פירער פון פועלי אגודת ישראל; ר׳ ישראל מאיר אייגער, זון פון לובלינער רבי אדמו״ר ר׳ שלמה אייגער זצ״ל; ר׳ יוסף גאלדשטערן, דערנאך וויצע־פרעזעס פון דער לובלינער קהילה; ר׳ שמעון האלבערסבערג, יושב ראש פון צעירי אגודת ישראל; דער בראסלאווער חסיד ר׳ יצחק מאיר לעווין; און יבלח״ס הרב אברהם טווערסקי, זון פון טריסקער רבין זצ״ל, וווינט היינט אין אמעריקע.

א דאנק זייער עסקנות, איז פיל געשאפן געווארן אין לובלין. שפעטער האט זיך געשאפן די גרויסע „בית יעקב״ שול, אנגעפירט פון דער פרעזידענטין פון נשי ובנות אגודת ישראל, פרוי בלאזייר, די פרוי פון באקאנטן גביר און לובלינער חסיד ר׳ יחיאל בלאזייר.

לובלין האט ווייטער אויפגעהאלטן איר אמאליקע טראדיציע פון צדקה און חסד און געהאט א סך געזעלשאפטלעכע און סאציאלע אינסטיטוציעס. ספעציעל האט זיך אויסגעצייכנט דאס יידישע שפיטאל, איינע פון די אנגעזעענסטע יידישע שפיטעלער אין פוילן, וואס איז בשעתו געשאפן געווארן דורך דעם לובלינער רבין ר׳ אברהם אייגער זצ״ל, מיט דער הילף פון די יידישע דאקטוירים אין לובלין. די שטאט האט אויך געהאט א יתומים־הויז און א גרויסן מושב זקנים.

לובלין איז אויך צווישן די צוויי וועלט־מלחמות פארבליבן א שטאט פון א סך לומדים און חסידים. א גרויסע ראלע האבן דא געשפילט די חסידישע רביים האדמו״ר ר׳ שלמה אייגער זצ״ל און שפעטערדיקער נשיא פון ישיבת חכמי לובלין און זיין ברודער האדמו״ר ר׳ עזריאל מאיר אייגער זצ״ל, וועלכער האט שפעטער געוווינט אין פילעוו; דער טריסקער רבי אדמו״ר ר׳ משה מרדכי טווערסקי הי״ד, און דער ביאלער רבי אדמו״ר ר׳ יהושע העשיל ראבינאוויטש, אן אייניקל פון „יוד הקדוש״. דער חסידישער עולם האט זיך צום גרעסטן טייל צונויפגעשטעלט פון לובלינער, ראדזינער און גערער חסידים. עס זענען אבער אויך געווען אנדערע חסידים: טריסקער, קאזמירער, קאזשעניצער, אלעקסאנדער, סקערנעוויצער, סטריקאווער, קאצקער, סאקאלאווער, אומאנער, מאדזשיצער, פאריסאווער, פארציווער און אנדערע חסידים, מיט זייערע שטיבלעך.

בתי־תפילה און שילן זענען געווען איבער צוויי הונדערט, אריינגערעכנט די היסטארישע שילן, ווי דעם רבין ר׳ שכנא׳ס שיל; מהרש״ל־שיל; מהר״ם שיל; ר׳ שאול וואל׳ס שיל; דאס בארימטע קהל׳ס בית המדרש, ווו סאיז פארגעקומען דער יריד פון לובלין, און דעם חוזה׳ס בית המדרש, ווו א סך רביים און חסידים פלעגן קומען צופארן און מתפלל זיין, ווייל דאס איז געווען דעם חוזה׳ס מקום תפילה.

אַ ספּעציעל אָרט האָט אין די לעצטע צענדליק יאָר אין לובלין פאַרנומען דעם כהנ׳ס בית המדרש. דאָרט האָבן געלערנט קרוב צוויי הונדערט בחורים, ממש 24 שעה אין מעת לעת. דאָרט האָבן אויך געדאַוונט די אָנגעזעענסטע לובלינער חסידים ווי דער ראב״ד פון לובלינער ראַבינאַט הרב ר׳ יוסף הכהן פשיסכער. (גערופן דער וויסאָקער רב), אַ שטיף־זון פונעם כהן (דער רבי ר׳ צדוק הכהן זצ״ל) אָון די מיטגלידער פון לובלינער ראַבינאַט: הרב ר׳ ישעי׳ צעלניקער און הרב ר׳ שמעון וויזענבערג. אַ ספּעציעל אָרט אין בית־המדרש האָבן פאַרנומען דער גרויסער חסיד און שטיף־איידעם פון כהן זצ״ל הרב ר׳ ברוך דוד הכהן; דער גרויסער למדן און חסיד הרב ר׳ ברוך קאָצקער, וואָס איז געווען אין בית־דין פון לובלינער רב הגאון ר׳ אלי׳ קלאַצקין; הרב אַלטער וואַרשעווער און ר׳ יעקאַלע קאָצקער פון די גערער חסידים; הרב אהרן זשעליכאָווער פון די ראַדזינער חסידים, און נאָך אַנדערע לומדים און חסידים פון שטאָט. זיי אַלע האָבן אויסגעאיבט אַ געבענטשטע השפעה אויף דער שטאָט און אירע איינוווינערס.

אַ נייע תקופה פאַר לובלין האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער דערעפענונג פון ישיבת חכמי לובלין, וואָס האָט מיט זיך געברענגט אַ גוואַלטיקע התעוררות פאַר תורה און רעליגיעזע אַקטיוויטעטן. און צוגאָב צו דער „ישיבת חכמי לובלין”, האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג געגרינדעס צוויי חסידישע ישיבות: איינע מיטן נאָמען „אהבת תורה” פון לובלינער חסידים, אָנגעפירט פון ראש הישיבה הרב ר׳ ברוך קאָצקער, אונטער דער השפעה פון לובלינער רבין האדמו״ר ר׳ עזריאל מאיר אייגער זצ״ל, און אַ ישיבה „סוד ישרים” פון די ראַדזינער חסידים, שלמה ליינער הי״ד.

אַ וויכטיקע ראָל האָט אין לובלין געשפּילט דער ראַבינאַט, באַשטייענדיק פון זיבן מורי־הוראה: דער וויסאָקער רב, הרב פשיסוכער; הרב צעלניקער; הרב ווײַנריעב, הרב קירשענבוים; הרב וויזענבערג; הרב פינקעלמאַן און הרב זאַנדמאַן. אין די לעצטע יאָרן איז אויפגענומען געוואָרן אַלס מורא־הוראה, איינער פון די באַגאַבסטע תלמידים פון ישיבת חכמי לובלין, אַ גרויסער למדן און רעדנער הרב אלימלך תלמיד. נאָך דער פטירה פונעם לובלינער רב, האָבן די דערמאָנטע רבנים אָנגעפירט מיטן ציבורדיקן לעבן אין לובלין, ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה.

מוצאי ראש־השנה ת״ש האָבן די נאַציס ימ״ש אָקופּירט לובלין און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן דער אונטערגאַנג פון לובלין „ירושלים ד׳פּוילן”, אַ שטאָט וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן תורה והוראה פאַרן כלל ישראל, נאָענט צו פינף הונדערט יאָר.

דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז פאַרבונדן מיט לובלין דורך דורי־דורות, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער באַרימטקייט פון לובלין של ועד ארבע ארצות, האָט נישט געהאַט די אַמביציע צו וועלן שילדערן לובלין אין אַלע אירע לעצטע פאַזן. דאָס זענען ניט מער ווי „ראשי־פרקים” — און זאָלן די דאָזיקע שורות דינען אַ שטיקל עדות פאַר די צוקונפטיקע דורות.

(„דאָס יידישע וואָרט”, ניו־יאָרק, תשמ״ג)

לובלין 1946. קבוצת ילדים מ„יונגבור” (בורוכוביסטים צעירים).
אַ גרופּע קינדער פון „יונגבאָר” (יונגע באָראָכאָוויסטן) אין לובלין, 1946.

teatrnn.pl

אַ דערמאָנונג פון דער אַלטער היים

לייבל שיפּער

די צענטראַלע יידישע שול-אָרגאַניזאַציע אין פּאַרמלחמהדיקן פּוילן איז געפירט געוואָרן פון די אַרבעטער-פּאַרטייען „בונד" און „פּועלי-ציון לינקע". אַ געוויסן טאָג, שיקט די צענטראַלע אירס אַן אינס-פּעקטאָר צו קאָנטראָלירן די פּעדאַגאָגישע און אַד-מיניסטראַטיווע אַרבעט, ווי אויך די פינאַנסן, אין דער פאָלקס-שול אין פּיוסק, דעם חבר וואַראַבאָווסקי. ער איז געקומען קיין פּוילן פון ראַטן-פאַרבאַנד, דאָרט האָט ער, דאַכט זיך, געאַרבעט אַלס אויספאַרשער. מיט וועמען ער האָט געשמועסט וועגן שול-ענינים, פלעגט ער אַלץ פאַרשרייבן און בעטן די פּערזאָן זיך אונטער-צושרייבן. אָפּזייענדיק אַ פּאָר טעג, האָט ער נאָך דער אָפיציעלער אַרבעט ליב געהאַט צו שמועסן מיט די חברים פון דער פאַרוואַלטונג, און ווען ער האָט נאָך געטראָפן אויף איינעם וואָס האָט מיטגעמאַכט דעם בירגער-קריג, אַדער אַנטייל גענומען אין דער רעוואָ-לוציע — האָט ער געקאָנט מיט אים זיצן גאַנצע שעהן און אויספרעגן וועגן יעדער קלייניקייט.

אין אָוונט, נאָך דעם ווי מיר פירן אים צו אַ חבר שלאָפן, שמועסן מיר וועגן אים וואָס פאַר אַ מאָדנע מענטש ער איז. אַ חבר פון דער פאַרוואַלטונג, אברהם פרידמאַן, אַ בונדיסט וואָס האָט מיטגעמאַכט די רעוואָלוציע, מיט וועמען ער פלעגט פיל ריידן און אויספרעגן, גיט אַ זאָג: „עפּעס געפעלט מיר נישט דער אינספּעקטאָר. ווער ווייסט, צי איז ער נישט אַמאָל אַן אַגענט, אַ שפּיאָן... עפּעס פאָרשט ער אַזוי, קריכט אין דער נשמה"... ווען אַ טייל חברים און איך פּרווון מבטל מאַכן זיין חשד, ס'טייטש: אַ מענטש קומט מיט אַ באַשטעטיקונג פון ציש"אָ. אָבער זיין שרעק טראָגט זיך איבער אויף אַנדערע. יעדער דערמאָנט זיך עפּעס אַן אַנדערן פאַקט, ניט אַנדערש, אַז ביי אים אין טעקע ליגן אַלע געשיכטעס... אונטער פרידמאַנס איינ-פלוס באַשליסט מען, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי צו גנבענען די טעקע. (אגב, פּיאַסק האָט אויך אַ צונאָמען „פּיאַסקער גנבים...") און ווער זאָל זיין דער גנב? אַזוי ווי איך בין דער יינגסטער (18 יאָר) אין דער שול-פאַרוואַלטונג, אַ פלינקער יאַט, דאַרף איך ווערן דער גנב...

איך שריי: „איר זייט משוגע געוואָרן?" אָבער זיי בעטן ביי מיר רחמים, איך זאָל ראַטעווען טאַטעס פון קינדער. אפילו דער אינטעליגענטער לערער פּאַליק מעלמאַן איז אַרונטער געפאַלן אונטער דער פּאַניק.

דער פּלאַן איז געווען אַזאַ: אַזוי ווי מאָרגן פאָרט שוין וואַראַבאָווסקי קיין לובלין, זאָל אויך איך מיט-פאָרן, אין ערגעץ-ווו אין לובלין, ס'זאָל נישט פאַלן קיין חשד אויף פּיאַסק, זאָל איך צוגנבענען די טעקע.

אין יענע צייטן פלעגט מען פאָרן קיין לובלין אין אַ בויד געשפּאַנט אין פערד. איך האָב געטראַכט, אַז איבער דער נאַכט וועלן זיי זיך איבערקלערן. אָבער — אַ נעכטיקער טאָג. אין דער פרי קומען אַ טייל זיך געזעגענען און ווען מיר קריכן אַריין אין דער בויד, ווינקען צו מיר חברה: „געדענק דיין אויפגאַבע"... אין בויד, פרעגט מיך דער אינספּעקטאָר: „חבר שיפּער, וואָס עפּעס פלוצלינג קיין לובלין? נעכטן האָט איר מיר גאָרנישט געזאָגט, אַז איר דאַרפט פאָרן אַהין. נו, גוט, מיר וועלן זיך קאָנען אויסשמועסן".

מיר ווערט קאַלט און וואַרעם. איך טראַכט: אים פאַלט גאָרנישט איין, אַז באַלד וועט אים דער יונגער חבר אָוועקשלעפּן זיין טעקע. אויפן וועג פרעגט ער מיך פאָרשנדיקע פראַגן וועגן שול-ענינים, און דער-ציילט אויך וועגן בירגער-קריג אין רוסלאַנד. מיינע נערוון זענען אָנגעשטרענגט — אַ קלייניקייט: איך דאַרף ווערן אַ גנב! און ביי וועמען? אַ דעלעגירטן פון דער צענטראַלער שול-אָרגאַניזאַציע. מ'האָט אָבער דאָך מיך געשיקט, דערצו געגעבן אויף הוצאות, און דער עיקר — ראַטעווען טאַטעס פון קינדער...

פלוצלינג קומט מיר אונטער אַ געלעגנהייט צו נעמען די טעקע. ווען די בויד פאָרט פאַרביי דעם האָ-טעל אויף קרולעווסקע-גאַס, בעט ער דעם בעל-עגלה, ער זאָל זיך אָפּשטעלן אויף אַ מינוט, ווייל ער לויפט אין האָטעל אָפּנעמען זיין וואַליזקע, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט. ער גיט מיר אַ זאָג: „כאַפּט אַ בליק..." אַרום מיר זיצן באַקאַנטע שטעטלישע יידן — וואָס וועלן זיי זאָגן: „זעט-נאָר זעט, לייבל נעכעלע-משה-שלמה'ס יינגל איז גאָר אַ גנב"...

איך האָב פון לאַנג געהאַט באַשלאָסן, אַז איך וועל היינט קיין גנב נישט ווערן און אַז דער חבר-אינספּעקטאָר איז נישט קיין געהיים-אַגענט. ווען מיר זענען געקומען אויף דער סטאַציע, האָט ער זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט און געדאַנקט פאַרן באַגלייטן קיין לובלין. אים איז נישט איינגעפאַלן, אַז ווען נישט מיין קלאָרער שכל, וואָלט ער געהאַט צרות פון דעם יונגן חבר'ל...

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די פּיאַסקער חברים פון דער שול-פאַרוואַלטונג, זענען נישט געווען אינגאַנצן אַזוי שולדיק מיט זייערע פאַרדאַכטן און איבערגעטרי-בענער האַנדלונג.

נאָך מיין נישט אויספירן די גניבה, באַשליס איך אַריינצוגיין אין לאָקאַל פון „פּועלי-ציון" אויף ריינעק 10 און דערציילן די געשיכטע. איך האָב מיר פאָר-געשטעלט, אַז דאָרט וועט זיין פרייליך... ווען איך קום אין לאָקאַל, טרעף איך דאָרט דעם חבר משה פישל קאַפּער, שיע בורשטיינס שוואָגער. דאָס איז געווען אַן עלטערער, אינטעליגענטער בחור, וואָס איז אַמאָל גע-

די ערשטע יידישע לוויה אין באַפרייטן לובלין

אברהם קוואַטערקאָ

צווישן די פיל צענדליקער ידיעות וועגן דעם אויפקום פון אַ ניי יידיש לעבן נאָכן גרויסן חורבן, וועגן דער אײַנאָרדענונג פון די לעבנגעבליבענע, וועגן דעם אָרגאַניזירן קולטור־אימפּרעזן, טרעפן מיר אויך אָן אויף אַ באַשרייבונג פון דער ערשטער יידישער לוויה אין לובלין נאָך דער באַפרייונג.

דער דאָצענט פון דער לובלינער אוניווערסיטעט א״נ פון מאַריאַ קורי־סקלאָדאָווסקאַ, ד״ר ז. ווינער איז אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע.

ד״ר ווינער איז געווען אַ פּאַרטיזאַנער, ער איז דער ערשטער ייד, וואָס איז באַערדיקט געוואָרן אויפן יידישן בית־עולם אין לובלין.

די נאַציס האָבן, ווי באַקאַנט, סיסטעמאַטיש פאַרניכטעט, אַרויסגעריסן מצבות פון אַלע יידישע בית־עולמס. די מצבות מיט די העברעישע און יידישע אויפשריפטן האָבן געדינט אַלס ברוק־שטיינער, מיט וועלכע עס זענען געפּלאַסטערט געוואָרן די וועגן, וואָס האָבן געפירט אין די טויט־לאַגערן. אַזאַ מצבות־וועג האָט געפירט צום באַוווסטן לאַגער — דעם קבר פון די לעמבערגער יידן — אויף יאַנאָווסקע־גאַס אין לעמבערג, ווי אויך אין שעדלעץ און אַנדערע שטעט.

אויף דער לוויה איז אָנוועזנד געווען דער לייטער פונעם רעסאָרט פאַר בילדונג ביים פּוילישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג ד״ר סקזשעשעווסקי, וועלכער האָט אין נאָמען פון דער רעגירונג מספיד געווען דעם טראַגיש־אומגעקומענעם יידישן געלערנטן. עס האָט אויך גערעדט דער לעקטאָר פון לובלינער אוניווערסיטעט — פּראָפ. ד״ר ראאבע.

אַ רירנדיקן הספד האָט געהאַלטן ראַבינער ד״ר ר. סאָפּרין־פעלדשו, וועלכער האָט אין נאָמען פון יידישן ישוב געזעגנט דעם טראַגיש־אומגעקומענעם יידישן געלערנטן.

יידישע קינדער געראַטעוועטע פון מאַידאַנעק

דער זעלבער נומער ביולעטין ברענגט ממש אַ אומגלויבלעכע ידיעה, וועלכע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַלס אמת, אַז אין דעם הויז פון פּוילישן רויטן קרייץ אויף דער ווישינסקי־גאַס אין לובלין, געפינט זיך צווישן אַנדערע יידן, אַ גרופּע יידישע קינדער — יתומים אָן עלטערן און קרובים.

דער גרעסטער טייל פון זיי זענען קינדער פון מאַידאַנעק. צוזאַמען מיט זייערע עלטערן, זענען זיי געבראַכט געוואָרן פון פאַרשידענע עקן לאַנד אין דעם פאַרניכטונג־לאַגער מאַידאַנעק, ווו ס'האָט אויף זיי געוואַרט דער זעלבער גורל, ווי אויף די אַנדערע, וואָס זענען אַהין געבראַכט געוואָרן אין חודש יולי יאָר 1944.

ווען די דייטשן זענען געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן די שטאָט אין איילעניש, האָבן זיי נאָך באַוויזן אויסצומאָרדן די עלטערן זייערע. די יידישע קינדער איז ממש דורך אַ נס געלונגען ניצול צו ווערן פון די רוצחישע הענט.

אויסער די געראַטעוועטע קינדער פון מאַידאַנעק, געפינען זיך נאָך אין דעם הויז קינדער, וואָס זייערע עלטערן האָבן זיי אָפּגעגעבן צו באַקאַנטע נישט־יידן נאָך פאַרן פאַרניכטן די יידישע שטעט און שטעטלעך. איצט ברענגען די נישט־יידן צוריק די קינדער און גיבן זיי איבער דעם יידישן קאָמיטעט.

די אויפזיכט איבער די קינדער האָט דער לובלינער יידישער קאָמיטעט. די קינדער פילן זיך גאַנץ גוט אין דער היימישער סביבה צווישן יידן.

אַן אַנדער נומער פונעם ביולעטין פון דער יידישער פּרעסע־אַגענטור דערציילט, אַז דעם 31־סטן דעצעמבער 1944 איז אין לובלין פאָרגעקומען אַ פייערלעכע דערעפענונג פונעם יידישן יתומים־הויז אויף דער ראַדזשיווילאָווסקע־גאַס. אין דריי שיינע, רחבותדיקע צימערן, האָט דער אָרטיקער יידישער קאָמיטעט אײַנגעאָרדנט אַ וואַרעמע היים פאַר עטלעכע צענדליק יידישע יתומים. די קינדער זענען אײַנגעטיילט געוואָרן אין צוויי גרופּן. די ערשטע נעמט אַרום יתומים אין עלטער פון 4—10 יאָר, און די צווייטע — קינדער פון 10 ביז 15 יאָר.

אין אַ ספּעציעל־אײַנגעריכטן זאַל פאַרברענגען די קינדער אַ גאַנצן טאָג ביים לערנען און פאַרוויילונגען.

די ווענט פונעם יתומים־הויז זענען באַצירט מיט לאָזונגען און צייכענונגען, געמאַכט מיט קינדערישע הענטלעך, און אַ וואַנט־צייטונג א״נ „אונדזער היים", אין וועלכער די קינדער דערציילן אויף זייער אופן זייערע זכרונות פון די איבערלעבונגען אין די וועלדער, בונקערס און היילן, ברענגען צום אויסדרוק זייערע געפילן, באַשרייבן זייערע טרוימען און שטרעבונגען...

די פאַרבעטענע געסט האָט באַגריסט די פּעדאַגאָגישע לייטערין פונעם הויז, דאַניעל.

אין אַ קורצער רעדע האָט דער פאָרזיצער פון צענטראַלן קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן, ד״ר עמיל זאָמערשטיין, אויסגעדריקט דעם גלויבן, אַז די פאַרזאַמלטע דאָ ניצול־געוואָרענע קינדער וועלן אויסוואַקסן אַלס נוצלעכע בירגער און ווירדיקע יידן.

די קינדער האָבן געזונגען יידישע און פּוילישע לידער. דערנאָך איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ קאָנצערט די באַקאַנטע יידישע פאָלקס־זינגערין דיאַנאַ בלומענפעלד.

(„פאָלקס־שטימע", 2.10.82 — „לייענענדיק יידישע היסטאָרישע דאָקומענטן").

ווען אין פּיאַסק דירעקטאָר ביי זיין שוואָגער אין דער גאַרבעריי. ער האָט אָנטייל גענומען אין דער פּאַרטייאון שול־אַרבעט. אַז איך דערצייל אים די געשיכטע, האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט — און ער דערציילט מיר:

— איך געפין זיך איצט אין מיטן טאָג דאָ, ווייל זיי דערוואַרטן דעם אינספּעקטאָר וואָראָבאָווסקי. באַלד וועט זיין אַ זיצונג מיטן קאָמיטעט פון דער „באָראָכאָוו־שול". זיי האָבן טעלעגראַפיש אַרויסגערופן דעם לערער אברהם פריינד, וואָס איז געווען דער פאָרשטייער פון פּועלי־ציון אין דער צענטראַלע פון ציש״אָ אין וואַרשע, כדי ער זאָל פאַרטיידיקן די באָראָכאָוושול. זיי קענען אים, אַלס בונדיסט, וואָס וועט זוכן עבירות, צו שיקאַנירן די באָראָכאָוו־שולן". ווייזט אויס, אַז אַ ביסל אמת איז יאָ געווען... מיט זוכן חטאים ביי אַנדערע פאַרטייען.

מען האָט מיר דערלויבט צו זיין אויף דער זיצונג. איך האָב זיך צוגעהערט צו אַ שטאַרקן צוזאַמענשטויס צווישן אים און חבר פריינד. דער לעצטער האָט דערציילט די געשיכטע פון וועלן צוגנבענען ביי וואָראָביאָווסקין די טעקע, ווייל אויך אין פּיאַסק זענען געווען פאַרדאַכטן... ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אַ ביסל פאַרלאָרן, אָבער פּלוצלונג זיך צעשמייכלט און מיר געזאָגט:

— נו חבר שיפער, פאַר וואָס האָט איר נישט אויסגעפירט אייער שליחות? איך וועל דאָס שטענדיק געדענקען — און דריקט מיר די האַנט...

אַ באַזוך אין לובלין, 1982

קאַפּל מיזשעריצקי

1

אַז מען קומט אין די עלטערע יאָרן, וואַכט אויף אין זכרון די קינדער־און יוגנט־תקופה, ווי אויך דאָס אָרט וווּ מ׳איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. הגם יעדער ווייסט, אַז דאָס אַלץ איז אויסגעגלייכט מיט דער ערד, ווינציק סימנים זענען געבליבן, דאָך ווילט זיך נישט שלום מאַכן מיטן גע־דאַנק, אַז אַזוי טאַקע איז עס. ס׳ווילט זיך צוריק קומען אין דער פאַרגאַנגענער צייט. ווען מיין פרוי און איך האָבן באַש־לאָסן צו זען דאָס לעבן פון יידישע ישובים אין דער וועלט, איז גענומען געוואָרן אין חשבון מדינת ישראל, וווּ מיר זענען שוין געווען צוויי מאָל, ווייל דאָרט איז דאָך דער אָנ־האַלט פון גאַנצן פאָלק.

מיר האָבן אויך געוואָלט באַזוכן פוילן, דאָס לאַנד וווּ מיר זענען געבוירן.

אַ סך האָבן געפרעגט: וואָס זוכסטו דאָרט? נישטאָ מער קיין יידיש לעבן, אפילו די חורבות זענען נישט געבליבן. אויף זייער אָרט — נייע הייזער, אָבער אָן יידן. דאָך האָט געעגבערט אין מוח: מ׳דאַרף פאָרן, כאָטש אויף קבר ישראל וועסטו נישט קאָנען גיין, אָבער מיידאַנעק וועל איך באַזוכן, ווייל דאָרט האָבן אונדזערע טייערע זייערע נשמות אויסגע־הויכט. מען דאַרף אויסטרינקען די פולע מאָס ביטערניש, וואָס וועט אפילו נישט זיין קיין טראָפּן דערפון, וואָס זיי האָבן דורכ־געלעבט. מיט די דאָזיקע געדאַנקען זענען מיר אָנגעקומען אויפן פלי־פעלד פון אָקענטשע ביי וואַרשע.

די אַמאָליקע יידישע וואַרשע איז נישטאָ, אָבער די הויפּט־שטאָט איז איבערגעבויט. נייע געגנטן מיט פילשטאָקיקע היי־זער. איך גיי אַרום איבער די גאַסן און זוך אַ יידיש פּנים. די אַמאָליקע יידישע געגנט — נייע הייזער־בלאָקן, ברייטע גאַסן מיט אַמאָליקע נעמען: קראָכמאַלנא, סמאָטשאַ, דזיעלנאַ, מילאַ, קאַרמעליצקאַ. נייע נעמען זענען אויך צוגעקומען, ווי: אַניעלעוויטשאַ, לעוואַרטאָווסקיעגא — אָבער אָן יידן. קומען מיר צו צום פּלאַץ, וווּ עס שטייט דער דענקמאָל פון אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דאָס איז דער אָנדענק פון יענעם לעבן, וואָס האָט דאָ געדויערט במשך יאָרהונדערטער. אַז מ׳איז דאָ אין וואַרשע, ווי באַזוכט מען נישט דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, דעם בית־עולם אויף אָקאָפּאָווע, די נאָזשיק־שול, די רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־שטימע״, דאָס יידישע טעאַטער און די קיך, וווּ עטלעכע יידן קריגן אָן אָרעם מאָלצייט. זענען דאָס דאָך די לעצטע פּאָזיציעס פון די 800 יידן אין וואַרשע און פון עטלעכע טויזנט אין גאַנץ פוילן — פון אַ ישוב וואָס האָט געציילט מיליאָנען.

מיט דער באַן פון וואַרשע קיין לובלין, פאָרן מיר דורך די סטאַציעס: וואַווער, אָטוואָצק, צעלעסטינוו, גאַרוואָלין, פולאַוו, נאַלענטשוו און מאָטיטש — שטעטלעך, וווּ ס׳האָט אַמאָל געדייעט יידיש לעבן. און היינט...

2

שבת נאָכמיטאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין לובלין. די זעלבע נאַכט האָבן מיר באַזוכט דעם יידישן קלוב פון קול־טור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אויף דער קראָקעווער פאָר־שטאָט 13. מיר באַגריסן זיך מיט דעם פאָרזיצער משה אַדלער, וועלכער אינפאָרמירט אונדז, אַז דעם זעלבן אָוונט וועט פאָר־קומען אַ רעפעראַט פון פּראָפעסאָר אַננאַ זשוק, וועלכע וועט רעדן אויף דער טעמע „וועגן תלמוד און רעליגיעזער ליטע־ראַטור פון דעם 17טן און 18טן יאָרהונדערט״.

עס הייבן אָן זיך צונויפקומען מענטשן. איך צייל שוין באַלד 35. איך זיץ און שטוין: מען האָט מיר געזאָגט, אַז אין לובלין וווינען ביי די 20 יידן, און דאָ האַלט איך שוין ביים ציילן דריי צענדליק. און זיכער זענען דאָך אַלע נישט געקומען צום רעפעראַט. אויך די טעמע וואָס וועט באַהאַנדלט ווערן. ווייזט זיך אַרויס, אַז די פּראָפעסאָרין אַננאַ זשוק האָט זיך אינטערעסירט און שטודירט דאָס יידישע לעבן אין פוילן און זי איז זיכער נישט די איינציקע פון דער בעסערער פוילישער אינטעליגענץ, וואָס ווילן דווקא יאָ געדענקען דעם ביישטייער פון יידן אין דער אַנטוויקלונג פון פוילן.

נאָכן רעפעראַט קומט פאָר אַ דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעמט אויך אַנטייל אַ פוילישער אָפיציר און די פוילישע פרוי גזשעסיק. שפּעטער באַקום איך אַ וואָרט. איך גיב אָפּ אַ גרוס פון פוילישן יידנטום אין אַרגענטינע בכלל און פון לובלינער בפרט. איך דריק אויס צופרידנקייט צו זען זיך מיט די שארית פון די יידן פון לובלין. נאָך דעם קומט צו אַ פוילישע פאַמיליע און זאָגט אונדז: „איר וועט זיכער באַזוכן מיידאַנעק — מיר וווינען דאָרט, נישט ווייט, און אויך דאָרט געוווינט, ווען דער גיהנום האָט געברענט. מיר וועלן אייך דאָרט פירן און מיר האָבן וואָס צו דערציילן״. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן די פריינטלעכע איינלאַדונג אָנגענומען.

צוזאַמענס שפּאַצירן מיר מיט אַ חברטע פון דער שול־באַנק, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ פוילישן יוגנט־לעכן — באַהאַלטן זי צוויי יאָר אויף אַ בוידעם. נאָך דער באַפרייאונג, האָבן זיי חתונה געהאַט. מיט צוויי יאָר צוריק איז ער געשטאָרבן. גייען מיר צום אַלעם־ערשטן צו זיין קבר אַוועקלייגן אַ בלום. שפּעטער שפּאַצירן מיר אויף דער וואָליע, אַ געגנט, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן, מיין קינדהייט פאַרבראַכט, אין חדר געגאַנגען, אין טייך זיך געבאָדן, וווּ

4 בחורות יהודיות בלובלין לפני השואה. השמות לא ידועים.

4 יידישע מיידלעך אין לובלין פאַרן חורבן.

זייערע נעמען — אומבאַוווּסט.

(צוגעשטעלט פון טעשקע פאַרשטעטער)

יידיש לעבן האָט געדייעט — פון שוסטערס, שניידערס, סטאָליערס, בעקערס און דער עיקר גאַרבערס, וואָס האָבן געאַרבעט אין די אָרטיקע דריי גאַרבערייען, סוחרים, קלײנהענדלער, יידישע פשעקופּקעס, די שול, דאָס בית־מדרש, חברת לינת הצדק, גמילת־חסדים קאָסע — דאָס אַלץ איז נישטאָ, אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

3

מיר קומען צו צו אונדזער שטוב אויף טאַטאַרסקאַ 10. די צווייִ־שטאָקיקע שטוב איז מיר קליין געוואָרן אין די אויגן. טײלוויז אָפּגעריסן דער טינק, נישטאָ דער הילצערנער גאַנעק, נישטאָ די גערטנדלעך מיט בלומען ביים פראָנט.

איך קלאַפּ אָן אין טיר פון אונדזער ווױנונג. עס קומט אַרויס אַן אַלטיטשקע פּוילישע פרוי, וואָס מיין חברטע האָט געקענט. איך זאָג איר: „דאָ, אין דער שטוב, בין איך געבוירן געוואָרן — קאָן איך אַריינגיין?"

זי ערלויבט מיר. אין מיטלסטן צימער זיצט אַ מאַן אין די 50קער יאָרן. איך קוק זיך אַרום. דער קאָפּל־אויוון שטייט אין אַ צווייטער זייט. איך מאַך וועגן דעם אַ באַמערקונג, דער מאַן ענטפערט מיר: „דאָ איז ער שטענדיק געשטאַנען" מילא, ער ווייסט בעסער פון מיר... איך האָב נישט געפונען קיין ווערטער ווייטער צו פירן דעם שמועס און מיט אַ צעװייטיקט האַרץ זאָג איך „אַ גוטן טאָג"...

נישט געבליבן דאָרט קיינער פון מיין פאַמיליע, טאָ וואָס דאַרף מיך אָנגיין די שטוב?...

פון דאָרט גייען מיר דורך דעם ברייטן וועג לעבן אַלטן בית עולם, ווו עס ליגט דער חוזה פון לובלין (1815), ר' שלום שכנא (1558), רב עזריאל הורוויץ „דער אייזערנער קאָפּ" (1818) און אַנדערע צדיקים, מיט וועלכע דאָס יידישע לובלין האָט געשמט.

מיר גייען אויף דעם נייעם בית־עולם אויף אוניצקע־גאַס. מיר קומען צו. נישטאָ קיין פאַרקן, נישטאָ קיין מצבות, — אַ פעלד מיט גראָז. אין אַ ווינקל עטלעכע נייע מצבות פון יידן, וואָס זענען נפטר געוואָרן שוין נאָך דער מלחמה. אַ טייל זענען צעבראָכן, רואינירט פון היינטיקע כוליגאַנעס. די קייטן פון דעם צוים, וואָס נעמט אַרום די עטלעכע פרישע מצבות — צעריסן. גייען מיר מיט דער אוניצקע־גאַס צו לובאַרטאָווסקע, קומען צו צו דער געביידע פון ישיבת חכמי לובלין, קוקן אַריין דורך די שטאַכעטן און מיט גרויסע אותיות זאָגט זיך „קאָלעגיום מאַיוס" — עס געפינט זיך דאָרט היינט דער מעדיצינישער פאַקולטעט פון אוניווערסיטעט א.נ. פון מאַריאַ קיורי־סקלאָדאָווסקאַ.

באַלד דערלעבן געפינט זיך דער געוועזענער יידישער שפּיטאַל, וועלכער איז היינט אַן אינטערנאַט פאַר קימפּעטאָרינס, העסעס וואָגן־פאַבריק איז אַ דעפּאָזיט פון פאַרשידענע סחורות. אויף דעם הויז, ווו ס'איז געווען דער קאָמיסאַריאַט, האָט ווער ביינאַכט אויסגעמאַליעוועט אַ פרישן רויטן האַקנקרייץ. זענען נאָך היינט פאַרבליבן פּאָליאַקן, וועלכע חלומען פון אַ פּוילישער „אימפעריע"?

מיר קומען צו צום פלעצל, ווו ס'איז געווען דער האַנדלס־אַנגעשטעלטע־פאַריין, אַקעגן די רוסקע־גאַס. ווייטער — די טאַרגאָווע, איבערגעבויט, און דערלעבן — אַ גרויסער מאַרקפּלאַץ. מיר גייען צו דער קאָוואַלסקע. נאָך צוויי געסלעך און — — — מער איז נישטאָ פון דער יידישער געגנט. אָפּגעווישט, ווי ס'וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געווען. נישטאָ די יידן־גאַס (שעראָקע), יאַטעטשנע, פּאָדזאַמטשע, קראַוויעצקאַ, די גאַסן און געסלעך, ווו ס'האָט געווימלט מיט יידיש לעבן.

מיר גייען צום פּלאַץ, ווו ס'איז אַמאָל געווען דער פּוילישער טאַרג, הינטערן מאַגיסטראַט. אינמיטן שטייט דער דענקמאָל נאָך די העכער פערציק טויזנט יידן, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיט פאַרשידענע מיתה־משונות בימי היטלער. דעם טאָג האָבן מיר שוין געהאַט גענוג זיך אָנגעזאַפּט מיט צער און ווייטיק.

4

פאַרנאַכט־צו, זענען מיר געפאָרן זיך אָפּרוען. מאָנטיק אין דער פרי האָט זיך דער שפּאַציר אָנגעהויבן ביים זאַקסישן גאָרטן, אַ דערמאָנונג פון די יוגנט־יאָרן, ווו מ'איז געגאַנגען פאַרברענגען שבתדיקע פאַרנאַכטן, אין די גרין־באַבלימטע אַליען, ווו מ'האָט אַמאָל דעם ערשטן קוש אַ מיידל געגעבן...

אַרויס פון גאָרטן, גייען מיר צו דער ליפּאָווע־גאַס, ווו ס'איז געווען דער קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר יידישע מיליטער־לייט און שפּעטער פאַר סתם געכאַפּטע יידן. שפּאַצירן מיר מיט דער קראָקאָווער פאַרשטאָט. די הייזער פון זעלבן אַלט־פּוילישן סטיל, אַ סך געשעפטן, אָבער אָן מיטלמאַנס פערפומעריע, ווייצנפעלדס פרוכטן־געשעפט, קוראָפּאַטוועס און העשי בילעטס שיך־געשעפטן און אַנדערע. נישטאָ קיין יידישע נעמען.

די פּאָסט איז אַ גרויסע געביידע, אַ ריזן־האָטעל, אויפגעבויט פילשטאָקיק, אויפן אַמעריקאַנער סטיל. די באַנק פּאָלסקי אויף דעם זעלבן פּלאַץ, נאָר היינט הייסט עס „באַנק נאַראָדאָווי".

מיר קומען צו צום פּלאַץ ליטעווסקי. צו אַ דענקמאָל פון דער „אוניע לובעלסקי". זענען צוגעקומען נאָך צוויי: איינער פון „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט", דער צווייטער אויפגעשטעלט אין די צייטן פון „סאָלידאַרנאָשטש", לכבוד דער קאָנסטיטוציע פון 3טן מאַי, ביי וועלכן עס זענען געלעגן קרענץ מיט פרישע בלומען.

מיר קומען צו צום מאַגיסטראַט אַנטקעגן דער קראָקעווער בראָם מיטן שטאָט־זייגער; זיי זעען אויס אין אונדזערע אויגן אַ סך קלענער, באַשיידענער, ווי מיר האָבן זיי געקענט פון די יוגנט־יאָרן.

דורכגייענדיק די בראָם, קומען מיר שוין אויף דער בראַמאָווע און די געסלעך אַרום איר: שאַמבעלאַנסקע, אָלעינאַ און ריבנע, ווו ס'האָבן אַמאָל אַרומשפּאַצירט די צוגעשמירטע „פריילעכע מיידלעך".

אויפן רינעק נעמט אונדז אַרום אַ מאָדנע געפיל: דאָ איז דאָך געווען די קהילה מיט אירע ראַטמענער פון פאַרשידענע פּאַרטייען, וואָס האָבן צווישן זיך געפירט אידעישע קאָמפן, מיט וואַלן, מיטינגען און אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן אין לובלין. מיר קומען צו רינעק 10. דאָס הויז שטייט ווי געווען. דורך די שויבן וויל איך אַריינקוקן אין „קעכל" — אַזוי האָט מען גערופן דעם לאָקאַל פון די לינקע פּועלי־ציון, ווייל אַמאָל איז דאָרט געווען אַ קיך פאַר אַרבעטער. דאָרט איז טעטיק געווען די געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער. די באָראָכאָוו־ביבליאָטעק, דער „שטערן"־קלוב — דאָרט זענען פאָרגעקומען רעפעראַטן, קעסטל־אָוונטן, פאַרזאַמלונגען, קרייזן, רעפּעטיציעס און פאָרשטעלונגען פון דראַמאַטישע קרייזן, פון דעם מאַנדאָלין־אַרקעסטער... דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די 1טע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון די לינקע פּועלי־ציון.

שטיי איך אַזוי ביים הויז און דערמאָן זיך אין אַ לעבן, וואָס איז פאַרגאַנגען. איך נעם אַראָפּ אַ פאָטאָגראַפיע און גיי אַוועק מיט ווייטיק.

די גראָדסקע גאַס. דער רוב שטיבער אונטערגעהאַלטן מיט הילצערנע רושטאָוואַניעס, זיי זאָלן נישט איינפאַלן. דאָס הויז פון בית־יתומים איז גאַנץ. פון דאַנען זענען די קינדער אַוועקגעפירט געוואָרן אויף די פעלדער פון די טאַטאַרעס, אויסגעשאָסן, באַגראָבן געוואָרן אין איין מאַסן־קבר.

מיר גייען אַדורך די יידישע בראָם און פון דאָרט פירט אַ ניי־געפלאַסטערטע גאַס, גלייך צום זאַמעק. אַרום און אַרום איז נישטאָ קיין הייזער, קיין שטיבער. דאָס יידישע בריקל, ליידיקע פלעצער, אַ ביסל באַגראָזט. דער זאַמעק איז אויפגעפרישט און שטייט דאָרט אויפן באַרג אימפּאָזאַנט און קוקט אַראָפּ, ווו ס'האָט אַמאָל געדייעט דורות יידיש לעבן און היינט איז גאָרנישט דאָ. דערנעבן האָט מען געמאַכט אַ פּלאַץ

פאַר פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און ווייטער — **די צענטראַלע** אויטאָבוסן־סטאַציע פון שטאָט.

מיר זענען צוגעגאַנגען צום אַלטן הייליקן אָרט אויף שעננאַ. אַ טייל פון בית־עולם איז פאַרפאַכטעט געוואָרן פאַר אַן עקספּערימענטאַלן צענטער פון גרינוואַרג (ירקות). פאַראַן אַ צימער אויף לובאַרטאָווסקע צום דאַווענען. עטלעכע מאָל זענען מיר דאָרט געווען און שטענדיק געטראָפן פאַרשלאָסן. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז אַ שוחט וואָס האָט דעם שליסל, איז געפאָרן קיין וולאָדאַווע, ווו ר׳האָט אַ דערנעבן־פּרנסה — מיט צוויי יידן וואָס האָבן וואַרשטאַטלעך אויף לובאַרטאָווסקע און אַרבעטן אַליין. האָב איך מיט זיי געכאַפּט אַ שמועס. איינער אַ רעליגיעזער, זיין זאָרג איז: ווו נעמט מען אויף תכריכים פאַר די, וועלכע ווילן נאָכן טויט קומען צו קבר־ישראל... דער צווייטער, שוין נישט קיין רעליגיעזער, אָבער וויל נישט, אַז זיין טאָכטער זאָל חתונה האָבן פאַר קיין נישט־יידן און אין גאַנצן אַסימילירט ווערן — אפשר האָט ווער אַן עצה דערצו?

דער סך־הכל פון די עטלעכע צענדליק יידן, זענען די גרעסטע טייל פּענסיאָנירטע. אַ טייל געמישטע פאָרפעלקער, וואָס די קינדער זייערע וועלן שוין קיין יידן נישט זיין אין אַזאַ פרעמדן אַרום.

5

אויפן דריטן טאָג זענען מיר געפאָרן צו דער פּוילישער פאַמיליע גזשעסיק, וואָס וווינט עטלעכע בלאָקן פון מאַידאַנעק. עס נעמט אונדז אויף אַ הויכע פרוי, שוין נישט קיין יונגע, אָבער עלעגאַנט. פון איר פּנים האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעטאָן די שיינע שטריכן און אויגן, וואָס שטראַלן מיט גוטסקייט. מיר קומען צו צום לאַגער אין מאַידאַנעק. ביים טויער האָט זיך מיין פרוי איינגעבראָכן, גענומען שטאַרק וויינען. די פרוי גזשעסיק באַמיט זיך זי איינעמען מיט אַ גלעט, מיט טרייסט־ווערטער, אָבער ווי קאָן מען געפינען אַ טרייסט ביים טויער פון מאַידאַנעק?... איצט איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן **אין אַ מאַרטיראָלאָגיע־מוזעום.** ריזיקע פעלדער וואָס זענען אַרומגערינגלט מיט שטעכלדראָט, וואָס זענען געווען עלעקטריזירט ווען דער לאַגער האָט פונקציאָנירט. ביים אַריינגאַנג איז נאָך דער מלחמה אויפגעבויט געוואָרן אַ גרויסער מאָנומענט צום אָנדענק פון די הונגער־פאַרפייניקטע, פאַרגאַזטע און אויסגעמאָרדעטע קרבנות. פון די 5 פעלדער מיט באַראַקן, וואָס זענען געווען צעטיילט מיט **שטעכל־דראָט פאַרצוימונגען**, איז נאָך איצט געבליבן דאָס דריטע פעלד. ביים אַריינגאַנג פון די ערשטע צוויי פעלדער, זענען געבליבן די געביידעס פון דער אַדמיניסטראַציע **און די וואַך־טורעמס פון די פייניקער.** היינט זענען זיי באַשטימט פאַר אויפקלערונג, אינפאָרמאַציע און סטאַטיסטיק, **וועגן די צילן** וואָס די נאַציס האָבן זיך געשטעלט, מיטן איינאָרדענען די לאַגערן. טאַבעלן, וויפל מענטשן זענען אַדורכגעגאַנגען דעם לאַגער, אויסגעמאָרדעט, פאַרגאַזט אָר פאַרברענט געוואָרן. די מערסטע טייל זענען געטויט געוואָרן בלויז פאַר זיין יידן. דערנאָך גייען ...נאַלן פון רוסישע קריגס־געפאַנגענע, פּאָלאַקן פאַר ווידערשטאַנד און פּאָליטישער טעטיקייט און נאָך געפאַנגענע פון 2... לענדער. אַרום די פעלדער זענען איינגעאָרדנט וואַך־...טורעמס, פון וועלכע די וועכטער זענען געווען שטענדיק גרייט ...ו טויטן, ווען ס׳האָט זיך זיי פאַרגלוסט.

אין אַ טייל באַראַקן פון דריטן פעלד, געפינען זיך די ...אַרעס פון ברעטער, ווו די אינטערנירטע האָבן אָוועקגעלייגט ...ייערע מידע גופים נאָך די טעג פון אַרבעט און איזדעקוועען ...יך איבער זיי — איז די נאַכט געווען אַן אויסלייזונג פון ליגן ...טלעכע שעה אויף די נאַרעס, כאָטש די לייז און וואַנצן ...אָבן זיך געטאָן זייערס. די קאָשמאַרן פון דורכגעלעבטע טעג ...אָבן קיין רו נישט געגעבן...

ווייטער גייען מיר אין די באַראַקן פול מיט „פּאַשאַקעס".

דאָס זענען רעקלעך, הויזן, היטלעך און פּאַסן, וואָס איז געווען דאָס אָנטועכץ פון די אינטערנירטע, זומער און ווינטער. בערג מיט שיך, פון וועלכע עס פּילט זיך אַ פאַרדומפּענער ריח פון פוילעניש. זיי ליגן דאָך שוין אַזוי פיל יאָרן.

ווי אַ קוריאָז: ביים סוף פון דריטן פעלד, שטייט אַ קאָלומנע, וואָס אויף איר שפּיץ זענען פאַראַן דריי פייגל, אָבער אין אמתן שטעלן זיי פאָר דריי אָדלערס, וואָס רייסן זיך מיט זייערע פליגל צו דער פרייהייט... דאָס האָבן די אינטערנירטע אויסגעפּועלט אויפצושטעלן מיטן אויסרייד, אַז זיי ווילן פאַרשענערן די עסטעטיק פון לאַגער. ס׳איז געווען אַ סימבאָלישע אָנדייטונג פון אַ ווילן צו לעבן פון די אינטערנירטע. מיר גייען צום ענדע פון פינפטן פעלד, ווו ס׳געפינט זיך דער באָד־באַראַק, די גאַז־קאַמער און די קרעמאַטאָריומס, אַרום וועלכע עס ליגט נאָך דאָס אַש פון די פאַרברענטע גופים. און ווייטער — די גריבער אין וועלכע מען האָט געלייגט צוזאַמען די קרבנות פון די מאַסן־עקזעקוציעס, איידער די גאַז־קאַמערן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן. איצט איז דאָרט אויסגעבויט געוואָרן אַ גרויסער מאַוזאָלעום — פון אויבן אַ ריזיקער קופּאָל, ווו ס׳איז אָנגעשריבן: „אונדזער גורל זאָל זיין פאַר אייך אַ וואָרענונג"... פון אונטן — דאָס אַש פון די אומגעקומענע.

ווו מיר האָבן גענומען כוח דאָס אַלץ צו זען, ווייס איך נישט. אפשר אי זעס געווען דער ווילן צו גיין אויף קבר־אָבות צום אַש פון הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס איז אויסגעמישט צוזאַמען מיטן אַש פון אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער...

6

מיר גייען אַהיים צו דער פאַמיליע גזשעסיק, ווו מיר זענען פאַרבעטן אויף מיטאָג. פאַרן עסן לייגט דער הער גזשעסיק צונויף די הענט, בעט גאָט פאַר די געסט וואָס געפינען זיך היינט ביי אים אין שטוב און פאַר דעם ברויט וואָס מיר וועלן עסן צוזאַמען.

נאָכן עסן פאַרבינדט זיך אַ שמועס און איך פרעג, פאַרוואָס טוען זיי דאָס. דערציילט מיר דער בעל־הבית: זיי האָבן געוווינט די גאַנצע צייט לעבן מאַידאַנעק. צו זייער הויז איז צוגעקומען דער רויך פון די פאַרגאַזטע און פאַרברענטע גופים. איין מאָל האָט אַ ייד אָנגעקלאַפּט אין טיר פון זייער שטוב, געבעטן אַ שטיקל ברויט און געפרעגט, ווי אַזוי קאָן מען זיך ראַטעווען. אַ פּאָר חדשים האָבן זיי אים אויסבאַהאַלטן, ביז די שכנים האָבן דערשנאַפּט, אַז ביי זיי באַהאַלט זיך אויס אַ ייד. האָבן זיי געדראָט, אַז זיי וועלן מסרן אין דער געסטאַפּאָ, וואָס וועט אונטערצינדן די שטוב מיט זיי. נאָך דעם האָבן זיי דעם ייד מיטגעגעבן אַ ביסל עסן, עטוואָס געלט און ער איז אַוועק. מער האָבן זיי פון אים נישט געהערט. נאָך אַ קרבן פון יידן־האַס, וואָס האָט געהאַט אָנגעטראָפן אויף אַ מענטשלעך האַרץ...

אַזוי האָבן מיר געשמועסט ביז פאַרנאַכט. מיר געזעגענען זיך האַרציק. די פרוי גזשעסיק זאָגט: „זייט שטאָלץ אַלס יידן, איר זענט נישט אַליין"...

די נאַכט האָב איך איבערגעלעבט פאַרשידענע קאָשמאַרן. צומאָרגנס אין דער פרי האָבן מיר פאַרלאָזט לובלין...

מיטוואָך, 23.11.83, 7 אָוונט
אין בית העמלין, תל־אביב – די

יערלעכע אזכרה

נאָך די קדושים פון לובלין.
דער זאַל איז אָפן פון 6 אָוונט.

לובלין גיט אָפּ כבוד די קדושים פון געטאָ

מ. אַדלער

איך באַקום רעגולער די וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע", וואָס דערשיינט יעדע וואָך אין פוילן — און ווען איך טרעף אָן אין דער צייטונג אויף אַ באַריכט און ידיעות פון לובלין, גיט אַ טיאַכקע אין האַרצן... אינטערעסאַנט, אַז אָט די קליינע צאָל פאַרבליבענע דאָרט יידן, פירט אַ טעטיקייט אין זייער קלוב, וואָס באַווייזט צום וויפלטן מאָל, אַז „נצח ישראל לא ישקר"... אַ טייל פון יענע קאָרעספּאָנדענצן דרוקן מיר איבער פאַר אונדזערע לייענערס. **ד. ש.**

ערב דעם יאָרצייט פון לובלינער געטאָ, האָט זיך באַוויזן אין דער טאָגצייטונג פון פּזפּר „שטאַנדאַר לודו" אַן אַרטיקל פון יוזעף שעלעוויטש א.ד.ט. „דער אומקום פון די לובלינער יידן". אין צוזאַמענהאַנג מיט דער 40־טער יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערלעכער טרויער־אָוונט.

שבת, דעם 13־טן נאָוועמבער, איז פאָרגעקומען אינעם קלוב דער אָוונט, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון דער פּאָליטישער און אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. צווישן די איינגעלאַדענע געסט זענען בייגעווען: דער לובלינער שטאָט־פּרעזידענט זדזשיסלאַוו ראַיעווסקי, דער פּרעזעס פון וואָיעוואָדישן זבאָוויד, גענעראַל פּאַוועל דאָמבעק א״אַנד.

ביי די אָנגעצונדענע זעקס ליכט (דער סימבאָל פון די דערהרגעטע זעקס מיליאָן יידן), האָט דער פאָרזיצער פון אָרטיקן פאַרבאַנד־קרייז, מאַריאַן אַדלער, באַגריסט די געסט און אין קורצע ווערטער פאָרגעשטעלט די געשיכטע פון די קדושים. „מיר זענען געקומען צום פערציקסטן יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ, כדי אָפּצוגעבן כבוד און באַערן די בעסטיאַליש־דערמאָרדעטע לובלינער יידן, פון דער אומגעגנט און אַנדערע רעגיאָנען פונעם לאַנד, וועלכע זענען איינגעפּערסט געוואָרן אין די מויערן פון געטאָ. דער 11־טער נאָוועמבער איז געוואָרן דער טאָג פון דער לעצטער ליקווידאַציע פון די געטאָ־איינוווינער. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג מיטן אַריינרייסן זיך קיין פוילן אין יאָר 1939. די יידישע באַפעלקערונג האָט פאַרלוירן אַלע רעכט, מ'האָט ביי איר גענומען אָן שטראָף צעראַבעוועט דאָס פאַרמעגן און אויך הרגענען. לובלין איז געוואָרן דער מאַסן־קבר פון יידן פון גאַנץ אייראָפּע. די לובלינער ערד (מאַידאַנעק) איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט פון אומשולדיקע מענטשן. די לובלינער געגנט איז געווען פאַרפולט מיט לאַגערן. די היטלעריסטן האָבן ספּעציעל ברוטאַל באַהאַנדלט די יידישע באַפעלקערונג. דאָס האָט געטאָן דער פאַרברעכער נ׳ר 1 — גלאָבאָצניק. אין לובלין האָט מען צוגעגרייט מערדער פאַר אַנדערע נאַצי־לאַגערן.

דערנאָך איז דער רעדנער אַריבער צו דער געשיכטע פון די לובלינער יידן פון פאַרן 1939. אין לובלין האָבן געוווינט איבער 40 טויזנט יידן, ס'זענען געווען טעטיק שולן, שפּיטעלער, ביבליאָטעקן, קלובן. ס'האָבן געפירט אַ ברייטע טעטיקייט פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פּאָליטישע פּאַרטייען, עס האָט געבליט דאָס רעליגיעזע לעבן. אין לובלין איז געווען טעטיק די גרעסטע ישיבה אין אייראָפּע, די ישיבת חכמי לובלין. אין לובלין זענען דערשינען צוויי יידישע טאָג־צייטונגען. די אַרבעטער האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אַרבעטער־ראַט אין יאָר 1918. דער לובלינער קאַנט האָט אַרויסגעגעבן גרויסע געלערנטע און רעוואָלוציאָנערן: דעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, י. ל. פּרץ (געבוירן אין זאַמאָשטש), די באַרימטע רעוואָלוציאָנערין ראָזאַ לוקסעמבורג, דעם קאָמוניסט יוסף עפּשטיין, אַ שפּאַניע־קעמפער, געפאַלן אין פראַנקרייך, געדאַליע שאַפּיראָ, זעלנער פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין קאַטאַלאָניע.

דערנאָך האָט עדוואַרד אונגער געהאַלטן אַ געלעגנהייט־רעפעראַט וועגן דעם טראַגישן גורל פון די יידן אין לובלינער קאַנט. ס'האָט אויך גענומען אַ וואָרט דער גענעראַל דאָמבעק. אַלס געוו. געפאַנגענער אין מאַידאַנעק, האָט ער מיט אייגענע אויגן געזען די בעסטיאַלישקייט לגבי די יידן. ער האָט אויך דערמאָנט די העלדישקייט פון די יידישע פּאַרטיזאַנער.

ס'האָט גענומען אַ וואָרט איינער פון די לובלינער איינוווינער, ד״ר בינעם ווייס, וואָס האָט דערמאָנט די נעמען פון אַ סך יידישע געלערנטע, אַרטיסטן און זייער ביישטייער צו דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פונעם לובלינער קאַנט.

דערנאָך האָט דוד באָגוכוואַל געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" און רעציטירט אייניקע לידער פון ד. ספּארד, מ. געבירטיק און מ. שולשטיין. אויפן פאָרשלאַג פונעם פאָרזיצער, האָט מען באַערט דעם אָנדענק פון די קדושים פון געטאָ, פון מאַידאַנעק, סאָביבאָר, בעלז, טראַווניקי, פון די אָפיצירן און זעלנער פון דעם פוילישן מיליטער אין די לאַגערן אויף ליפּאָווע, בודזין און די דעפּאָרטירטע קיין טרעבלינקע און דערשאָסענע אין די קרעמפּיצער וועלדער. מען האָט באַערט די יידישע פּאַרטיזאַנער פון דער אָפּטיילונג פונעם קאַפּיטאַן כיל גרינשפּאַן, דעם אָנפירער פון דער א.ל. אָפּטיילונג, שמואל יעגער און יידישע פּאַרטיזאַנער, דערמאָרדעטע פון אַ נ.ס.ז.־באַנדע אין די קראַשניקער וועלדער, ווי אויך די דערשאָסענע אויפן לובלינער שלאָס און אין די קעלערן פון געסטאַפּאָ. ווי אויך אַלע דערמאָרדעטע אינעם אָקופּירטן אייראָפּע.

דעם 14־טן נאָוועמבער האָבן דעלעגאַציעס געלייגט קרענץ און בינטלעך בלומען אויף דעם מאָנומענט פון

די דערמאָרדעטע ייִדן, צוו״אַנד אין נאָמען פון דער הויפּט־ און שטאָט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די ייִדן אין פּוילן און פון פּריוואַטע מענטשן. ביי דעם מאָנומענט, וואָס איז אויפגעשטעלט אין צענטער פון דער שטאָט, האָט דוד באָגוכוואַל געזאָגט תפילות. בינטלעך בלומען זענען געלייגט געוואָרן פאַר דעם מאָנומענט אין מאַידאַנעק.

טרויער־פייערונגען זענען פאָרגעקומען אויפן ייִדישן בית עולם, ווו מען האָט אָנגעצונדן ליכט און געזאָגט קדיש. מ׳האָט אויך געלייגט בלומען אויפן מאַסן־קבר פון די דערמאָרדעטע ייִדישע פאַרטיזאַנער אויפן מיליטערישן בית־עולם.

„חודש פון פאָלקס־אָנדענק"

אינעם „חודש פון פאָלקס־אָנדענק" איז אין ייִדישן קלוב אין לובלין פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף מיטן פאָרזיצער פון קלוב פון געוו. אַרעסטירטע אין לובלינער „זאַמעק" און אַרעסטירטע פון דער געסטאַפּאָ.

פרוי ראָזאַליאַ שוויעץ האָט אַרומגערעדט די טראַגעדיע פון די אַסירים. ווי ס׳איז געוואָרן פעסטגעשטעלט, האָבן בערך 70 טויזנט אסירים דורכגעמאַכט דעם גיהנום פון דער תּפיסה און געוואָרן דערמאָרדעט אויף אַ בעסטיאַלישן אופן. די מערהייט פון זיי זענען געווען ייִדן. די רעדנערין האָט דערמאָנט, אַז אין די לעצטע טעג ערב דעם אַריינמאַרש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי קיין לובלין, זענען די אסירים מאַסנווייז געוואָרן דערשאָסן און אַרויסגעפירט אין די קרעמאַטאָריע־אויוונס קיין מאַידאַנעק.

דעם 21־סטן יולי 1944, האָבן די היטלעריסטישע רוצחים דערשאָסן די לעצטע 74 ייִדישע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט אין די דייטשישע וואַרשטאַטן.

צום 40סטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

אין שייכות מיטן 40סטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, האָט דער פאַרבאַנד פון קריגס־אינוואַלידן אָרגאַניזירט אַן אָוונט אין לובלין. מיט אַ רעפעראַט אד״ט דער צושטייער פון ייִדן צו דער ליטעראַטור, קונסט און מוזיק, איז אַרויסגעטראָטן מג״ר מאָכניקאָווסקי.

אַ וואָרט האָט גענומען דער אַקטיוויסט פון ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד ע. אונגער, וועלכער האָט אַרומגערעדט די גענעזע, פאַרלויף און באַדייטונג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דער קאָמיטעט צום אָפּהיטן די ערטער פון קאַמף און מאַרטיראָלאָגיע און די „געזעלשאַפט פון אויפזיכט איבער מאַידאַנעק", האָבן באַערט דעם אָנדענק פון די אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ אויף אַ פייערלעכן אָוונט.

אויך די גלחים האָבן אָפּגעגעבן כבוד די געטאָ־העלדן און אַלע אומגעקומענע אין קאַמף מיטן אָקופּאַנט. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גאָטעסדינסט אין איינעם פון די קלויסטערס, צו וועלכן עס זענען געקומען פאָרשטייער פון אַלע גלויבנס־פאַרבאַנדן, ווי אויך די ייִדישע באַפעלקערונג.

דעם 24־סטן אַפּריל איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע געטאָ־אַקאַדעמיע, אָרגאַניזירט געמיינזאַם פון „זבאָוויד" און דעם ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד.

אין אויבנאָן ביים פּרעזידיום־טיש האָט זיך געפונען אַ גרויסער אויפשריפט „דאָס געטאָ באַשולדיקט !".

נאָכן אַריינפיר־וואָרט און דאָס באַערן די געפאַלענע מיט אַ מינוט שווייגן, האָט דער פאָרזיצער ז. באָדזינסקי באַגריסט די געקומענע געסט, דעם ערשטן סעקרעטאַר פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, פּראָפ׳ ד״ר וו. סקזשידלאָ. דעם סעקרעטאַר פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי ה. לישטשעוויטש. דעם סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקטער פויערים־פּאַרטיי וו. טשוראַק, דעם וויצע־וואָיעוואָדע ספּשינגער און דעם שטאָט־פּרעזידענט סט. פּאַצאַלאָווסקי. דאָס פּוילישע מיליטער איז געווען רעפּרעזענטירט דורכן גענעראַל נאַרעגאָווסקי. עס זענען אויך אָנוועזנד געווען פאָרשטייער פון געזעלשאַפטלעכע, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און פּראָפאַריינען.

דער ערשטער האָט גערעדט דער פאָרשטייער פון קאָמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד גענעראַל פ. דאָמבעק, וועלכער האָט דערמאָנט די געשיכטע פון די פּוילישע ייִדן. צוזאַמען מיטן פּוילישן פאָלק — האָט געזאָגט דער רעדנער — האָבן די ייִדן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט אויף אַלע פראָנט־אָפּשניטן, אין די פאַרטיזאַנער־רייען. דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט דער רעדנער באַצייכנט אַלס מאָראַלישן זיג פון די ווידערשטאַנד־קעמפער פון דער אָקופּירטער אייראָפּע.

דערנאָך האָט גערעדט דער פאָרזיצער פון ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד מ. אַדלער, וועלכער האָט געשילדערט די טראַגעדיע פון די ייִדן בעת דער 2־טער וועלט־מלחמה און דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דער רעדנער האָט אָנגעוויזן, אַז אונדזער פליכט איז צו רעאַליזירן די צוואה פון די אומגעקומענע, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר אַ וועלט אָן מלחמות, אָן ראַסן־ און נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע.

צום סוף איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט, אויסגעפירט דורך אַן אַרטיסטן־גרופּע, ביי דער מוזיק־באַגלייטונג פון אַ פּיאַניסט פון דער לובלינער פילהאַרמאָניע.

אין די פאַרמיטאָג-שעהן האָבן זעלנער פון פּוילישן מיליטער און האַרצערן געהאַלטן ערן־וואַך ביים דענקמאָל פון די דערמאָרדעטע ייִדן אין לובלין און אומגעגנט. פיל אָרגאַניזאַציעס דערונטער דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד, האָבן געלייגט בלומען צופוסנס פון דענקמאָל. בלומען האָט מען אויך געלייגט ביים דענקמאָל אין מאַידאַנעק, און

ביים מאַסן־קבר פון יידישע פּאַרטיזאַנער אויפן מיליטערישן בית־עולם.

„וויסנשאַפט און בילדונג פון די פּוילישע יידן"

אין יידישן קלוב אין לובלין האָט ד״ר אַננאַ זשוק געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע „די וויסנשאַפט און בילדונג פון די פּוילישע יידן אין 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט". די רעדנערין, אַ וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטערין פון לובלינער אוניווערסיטעט א״נ פון מאַריאַ סקלאָדאָווסקאַ־קירי, האָט אונטערגעשטראָכן די גרויסע אַנטוויקלונג פון דער יידישער וויסנשאַפט און קולטור. זי האָט דערמאָנט אַזעלכע גרויסע געלערנטע ווי רבי יעקב פּאָלאַק (1490—1530) וועלכער האָט געשאַפן אין קראָקע, און שפּעטער אין לובלין, שלום שכנא (1885), מרדכי יאפע, מאיר ב. גדליה.

די גרויסע דערגרייכונגען פון דער יידישער קולטור זענען מעגלעך געוואָרן אַדאַנק דער טאָלעראַנץ־באַציונג צו די יידן מצד די פּוילישע קעניגן, באַזונדערס בעת דער הערשאַפט פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן.

נאָכן רעפעראַט זענען געוועזן פיל פראַגן און עס האָט זיך פאַרבונדן אַ מיינונגס־אויסטויש, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט זאָפיאַ גזשעשאַק, וואַנדאַ ראַטער, ע. שיץ א״אַנד.

קבלת־פּנים פאַר געסט פון אַרגענטינע

דעם זעלבן אָוונט איז אין קלוב פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש מיטן לאַנדסמאַן קאָפּל מיזשעריצקי און זיין פרוי, וועלכע זענען געקומען צו גאַסט קיין לובלין. אין די דרייסיקער יאָרן איז ק. מיזשעריצקי אַוועק קיין אויסלאַנד זוכן אַרבעט און שוין דאָרט פאַרבליבן.

דער פאָרזיצער פון אָרטיקן פאַרבאַנד, משה אַדלער, האָט אין וואַרעמע ווערטער באַגריסט די געסט און אונטערגעשטראָכן, אַז נאָך אַזויפיל יאָר קומען זיי אינעם לאַנד פון זייער געבוירן ווו זיי האָבן פאַרבראַכט זייער יוגנט. אַזעלכע ווי דאָס פּאָרפאָלק מיזשעריצקי, האָבן מיר אַ סך.

זיי קומען קיין לובלין פון בראַזיל, אויסטראַליע, באָליוויע, פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון די אייראָפּעישע לענדער, כאָטש זיי ווייסן, אַז זיי האָבן דאָ נישט קיינעם פון די נאָענטע קרובים און פריינד, אַז קיינער וועט נישט אַרויסקומען זיי צו באַגעגענען, דאָך קומען זיי צו פאָרן אַהער געטריבן דורך בענקשאַפט צו דער אַלטער היים. דאָס איז נאָכאַמאָל אַ באַווייז, אַז די יידן זענען צוגעבונדן צו פּוילן, כאָטש זיי לעבן אין אַנדערע לענדער.

קאָפּל מיזשעריצקי האָט געדאַנקט פאַר דער רירנדיקער באַגעגעניש און אונטערגעשטראָכן, אַז די גאַנצע צייט האָט ער געטרוימט וועגן באַזוכן זיין געבוירן־שטאָט. ער האָט איבערגעגעבן אַ גרוס פון די לובלינער לאַנדסלייט אין אַרגענטינע און זיך געטיילט מיט איינדרוקן פונעם באַזוך אין אונדזער לאַנד. ער האָט דערמאָנט, אַז די פּוילישע יידן אין אַרגענטינע האָבן פיל געהאָלפן דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן גלייך נאָך דער ערשטער און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, צושיקנדיק שפּייז, קליידער און מעדיקאַמענטן.

דער גאַסט האָט אויך געדאַנקט דער פּרעלעגענטין ד״ר אַננאַ זשוק פאַר דעם אינטערעסאַנטן רעפעראַט.

צום שלוס פון דער באַגעגעניש, האָט דער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד־קרייז געבעטן די געסט איבערצוגעבן אַ גרוס די לובלינער לאַנדסלייט אין אַרגענטינע און זיי זאָגן, אַז מיר טוען אַלץ אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכקייטן אָנצוהאַלטן דעם אָנדענק פון די פאַרטיליקטע יידן אין לובלין.

יעדעס יאָר, אין טאָג פון ליקווידירן דאָס לובלינער געטאָ (11 נאָוועמבער), אָרגאַניזירן מיר אין יידישן קלוב אַן אָוונט צום אָנדענק פון די דערמאָרדעטע יידן דורך די היטלעריסטישע רוצחים. מיר גייען צום דענקמאָל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין 1963 יאָר, ווו מיר צינדן אָן יאָרצייט־ליכט און לייגן בלומען. מיר לייגן אויך בלומען אויף די קברים פון די יידישע פאַרטיזאַנער אויפן מיליטערישן בית־עולם, ביים דענקמאָל אין מאַידאַנעק און אויפן יידישן בית־עולם.

איציק מאַנגערס פּורים־שפּיל אין לובלין

אין לובלין איז געקומען צו גאַסט דער אַנסאַמבל פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע מיט דעם וואָקאַל־מוזיקאַלישן פּראָגראַם „פּורים־שפּיל" פון איציק מאַנגער.

דער זאַל פונעם שטאָטישן קולטורהויז, ווו ס׳איז פאָרגעקומען די פאָרשטעלונג, איז געווען איבערגעפולט. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט מיט באַגייסטערונג אויפגענומען די אַרויסטרעטונג פון אונדזערע יונגע אַרטיסטן און באַלוינט זיי מיט הילכיקע בראַוואָס.

די ידיעה וועגן קומען פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער א״נ פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ אין וואַרשע, האָט אַרויסגערופן ביי די היגע איינוואוינער גרויס פאַראינטערעסירונג. אויפן זאַל זענען אָנוועזנד געווען פיל סטודענטן פון די לובלינער הויכשולן.

צום סוף פון דער פאָרשטעלונג, האָט דער פאָרזיצער פון אונדזער פאַרבאַנד־קרייז געדאַנקט די שוישפּילער פאַר דער פּרעכטיקער אויפפירונג און דערלאַנגט זיי בינטלעך בלומען. עס זענען אויך צו דער געלעגנהייט צוגעגרייט געוואָרן די טראַדיציאָנעלע המן־טאַשן.

די פאַרזאַמלטע האָבן אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז די אַקטיאָרן פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער זאָלן אָפט באַזוכן לובלין.

קדושה אין גלות

נ. שמן /

אַ וואָרט אָדער צוויי צו אַ לובלינער פייערונג

ווען נאָר דער נאָמען לובלין קומט מיר אויפן געדאַנק, דערוועקט עס אין מיר די הערלעכסטע רעמיניסצענטן פון אַן „עיר ואם בישראל", וואָס איז ביזן חורבן השלישי, טיטולירט געוואָרן אַלס „ירושלים דפוילן", און ביי אַ טייל — „די קרוין פון פוילישן יידנטום".

לובלין פאַרנעמט אפשר נישט דעם אויבנאָן, וואָס שייך פוילנס אויפשטייג אויפן געביט פון אינדוסטריע, עקאָנאָמיע, פינאַנס־ווירטשאַפט און קאָמערץ. זי פאַרנעמט אָבער אַ גרויסע ראָל אין פוילנס קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, און אַוודאי פאַרנעמט זי די גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון פוילישן יידנטום.

לובלין האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט לומדות, קדושה, אצילות. זאָגט מען אַרויס דאָס וואָרט לובלין — און מ׳זעט פאַר זיך דאָס בילד פון אַלט און ניי־לובלין: שעראָקע און לובאַרטאָווסקי, די גרענעצן פון אָרטיקן יידישן תחום, שיינען פאַר אונדז תורה׳דיק, קולטורעל און אַזוי יידישלעך.

לובלינס געשיכטע, איז די געשיכטע פון תורה־גיגאַנטן, אָנהייבנדיק פון ר׳ שלום שכנא ביז ר׳ מאיר שאַפּיראָ; פון מהרש"ל ביז ר׳ אלי׳ קלאצקין; פון „אייזערנעם קאָפּ" ביזן מתנגדישן ר׳ הלל ליבשיץ; פון חוזה ביז ר׳ שלמה׳לע איגר — ס׳איז די לאַנגע, דורותדיקע קייט פון אצילותדיקער יידישקייט, פון לויטערער יידישער חכמה; פון יסודותדיקער איינגעזעסנקייט, איבער וועלכער אַ שטורעם פון מאָרד האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצורייסן...

דאָס יידישע לעבן אין פוילן, איז שוין אין פופצנטן יאָרהונדערט געווען טיף פאַרוואָרצלט אין תורה, הלכה און מנהג. אין פוילן זענען שוין דעמאָלט אָוועקגעשטעלט געוואָרן די יסודות פון העכערע פאָרמען פון לערנען און שטודירן תורה, גייסטיקע צענטערן — און איינער פון די גרעסטע, איז געווען לובלין, דאָרט האָט ר׳ שלום שכנא, תלמיד פון ר׳ יעקב פּאָלאַק, אַ געבוירענער אין לובלין, גרויס געמאַכט זיין שטאָט מיטן שאַפן די אָרטיקע וועלט־ישיבה פאַר די בעסטע קעפּ פון אייראָפּעישן יידנטום.

אַרום פערציק יאָר האָט ר׳ שלום שכנא אָנגעפירט מיט לובלינער רבנות, מיט דער לובלינער ישיבה, וואָס איז געוואָרן באַרימט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. איינער פון אירע תלמידים איז געווען דער פוסק פון אשכנזישן יידנטום, דער „בעל המפה" ר׳ משה איסרלס, באַגרינדער פון הלכה און מנהג (ער איז געוואָרן ר׳ שכנא׳ס איידעם) — און פון דער דאָזיקער ישיבה איז אַרויסגעקומען אַ גאַנצע פלעיאַדע חכמי ישראל, נאָכפאָלגער פון חכמי צרפת ואשכנז, אויף דעם ברייטסטן פאַרנעם.

נאָך דער פטירה פון ר׳ שלום שכנא (1558), איז די שטול פון רבנות און מתיבתא נישט געבליבן ליידיק. מיר געפינען אין לובלין אויף די דאָזיקע אַמטן זיין זון ר׳ ישראל, דעם שוין דעמאָלט באַרימטן ר׳ שלמה לוריא (מהרש"ל); דעם מהר"ם מלובלין ר׳ מאיר און נאָך אַ צאָל פון אַזעלכע מאורי הגולה...

✶

יאָ, ס׳ווילט זיך אַריינלאָזן אין אַ גרעסערן, ברייטערן און טיפערן שמועס וועגן אָט דער עיר ואם. ס׳איז די נאָסטאַלגיע פון לובלינער, וואָס קען זיך נישט באַהערשן פון סענטימענטן און ליבשאַפט־געפילן. ס׳ווילט זיך פאַרייביקן יעדן מאָמענט אין דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן יידישן ישוב, אָבער דאָס איז אוממעגלעך אין די באַגרענעצטע ראַמען פון „קול לובלין".

וויל איך בלויז באַגריסן די לובלינער יידן, וועמענס טעטיקייטן זענען מיר באַקאַנט געוואָרן דורך מיין ליבן פריינד, דעם רעדאַקטאָר דוד שטאָקפיש. דאָס זענען דאָך מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן אויף פאַרקניפּט אויף אייביק מיט לובלין — און מיט אַלץ וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר. ניט געקוקט אויף זייערע ראַנגלענישן אין דער ספּעציפיש־שווערער צייט, האָבן זיי נישט פאַרגעסן זייער אָפּשטאַם... זיך גרופּירט אַרום דער געזעלשאַפט, וואָס טראָגט מיט כבוד דעם נאָמען פון דער רומפולער שטאָט, וואָס איר אָרט אין פוילנס אומאָפּהענגיקייט איז אייגנאַרטיק.

מיט די עטלעכע ווערטער וויל איך זיך סאָלידאַריזירן מיט די עסקנים, וואָס ניט זייער געראַנגל פאַר לעבנס־עקזיסטענץ און ניט דאָס דערגרייכן אייגענעם גליק און ווילזיין, האָט זיי געקענט דערווייטערן פון זייער היימשטאָט און עד היום זענען זיי געבליבן די „היטער פון דער מויער" — נישט צו פאַרגעסן לובלינער קדושה, לובלינער אידעאַלן...

איך וואָלט אַזוי געקאָנט גיין און גיין אין איין אָטעם — אָבער צו וואָס די איבעריקע רייד? צו וואָס די סופּערלאַטיווע אויסדרוקן?

דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, האָט דאָס יידישע פאָלק צו פאַרצייכענען:

- די מוראדיקסטע טראַגעדיע אין זיין געשיכטע — טאָטאַלן אומקום אין אַ פאַרנעם, וואָס האָט ניט קיין פאַרגלייך אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט;
- די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל — די פאַרווירקלעכונג פון שענסטן טרוים דורך אַלע דורות, זינט גלות בבל.

אין אַזאַ תקופה און אונטער אַזעלכע געשעענישן פראָווען די לובלינער די יאָרצייט נאָך דער עיר ואם. זאָל זיין דער ווילן פון דער השגחה, אַז איר און מיר אַלע זאָלן מיט חשיבות טראָגן דעם נאָמען ל ו ב ל י ן, וועמענס אָנזען איז אַזוי גרויס אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, און אירע אידעאַלן, די אידעאַלן פון שלום און גערעכטיקייט זאָל הערשן איבער דער וועלט.

ס׳איז מיין און אונדזער אַלעמענס ברכה, אַז די נעסטן פון נעאָ־נאַציזם זאָלן אָפּגעווישט ווערן; די געפאַרן פון אַטאָמישער מלחמה זאָלן באַזייטיקט ווערן און מיר זאָלן זיך קאָנען אויסלעבן אין אַ וועלט פון קדושה, פון שלום און ברידערלעכקייט.

מערכת „קול לובלין" אוספת חומר, תמונות ומסמכים על חייה, פועלה ופטירתה של **בלה דובז׳ינסקה** הי"ד, ממנהיגות התנועה הציונית בלובלין, שנספתה במיידאנק. אנו גם מוכנים להקליט את סיפוריהם של אנשים שהכירו אותה אישית — ולשם כך נשלח איש מיוחד.

את החומר נא לשלוח אל: ד"ר בן־טובים נתן, פני הגבעה 16, רמת־גן 52534, או לארגון יוצאי לובלין בישראל, דיזנגוף 158, ת"א 63461

אַ פּאָר ווערטער וועגן הכנסת־אורחים

ישראל אייזענבערג/לאָס אנזשעלעס

אין די לעצטע יאָרן באַווייזן זיך פון צייט צו צייט לובלינער יידן פון ישראל, ווי געסט און טוריסטן אין לאָס־אנזשעלעס.

זייט דעם באַזוך פון אונדזער פּאָרזיצער דוד שטאָקפיש און זיין פרוי רבקהלע אין אונדזער שטאָט, מיט 8 יאָר צוריק, איז פאַריבער אַ לאַנגע צייט, ביז מ'האָט ווידער געזען אונדזערס אַ בן־עיר אין לאָס־אנזשעלעס. אַזוי ווי איך באַזוך די יידישע מדינה און טרעף זיך דאָרט מיט לאַנדסלייט — ווילט זיך אַ ביסל רעוואַנזשירן, האָבן ביי זיך געסט, היימישע יידן. ענדלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַזעלכע געציילטע געסט, אָנהייבנדיק פון פאַרגאַנגענעם יאָר.

דער ערשטער איז געווען אהרון האַלבערשטאַט און זיין פרוי, פון כפר ביל"ו, נעבן רחובות. דערנאָך — אונדזער סעקרעטאַר אין ישראל, מאַטיס האָרן און זיין פרוי דבורה.

פאַרשטייט זיך, אַז ווי נאָר איך באַקום אַ טעלעפאָן פון אַ האָטעל אין לאָס־אנזשעלעס, אַז דאָרט געפינט זיך אַ לובלינער ייד, נעמט גאָרנישט קיין סך צייט און איך פאָר אַהין צו דעם טוריסט, נעם אים צו זיך אַ היים, ווו מ'איז מקיים די מצווה פון הכנסת־אורחים. עפּעס אַ קלייניקייט — אַ לובלינער גאַסט פון ישראל!

אויב די לובלינער טוריסטן זענען אָנגעשלאָסן אין אַ קאָלעקטיוון טור, וואָס דאַרף אויך באַזוכן סאַן־פראַנציסקאָ, טעלעפאָניר איך צו אונדזער בן־עיר מענדעלע מילשטיין וואָס וווינט דאָרט, אַז ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט אונדזערע בני־עיר, וואָס קומען אַהין. און ביז איצט, האָט דער דאָזיקער האַרציקער מכניס־אורח נישט אַנטוישט קיין איין לובלינער ייד.

עס טרעפט טיילמאָל, אַז איך בין נישט אימשטאַנד צוווידמען זיך די געסט די גאַנצע צייט, העלפט מיר אַרויס אונדזער בן־עיר אין לאָס־אנזשעלעס, יוסף שנור מיט זיין פרוי.

נישטאָ קיין גרעסערע גמילות־חסד, ווי אויפצונעמען געסט מיט פריינדשאַפט, מיט אַ שמייכל, מיט ליבשאַפט — מיט איין וואָרט: מיט אָפענע אָרעמס. איך גלויב, אַז די געסט האָבן טאַקע אַזאַ געפיל און זענען צופרידן פון די צוזאַמענטרעפן. עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז אויך אַנדערע לובלינער יידן אויפן גרויסן, אַמעריקאַנער קאָנטינענט זענען גאַסטפריינדלעך צו זייערע שטעטישע, וואָס קומען באַזוכן די פאַרייניקטע שטאַטן.

בעצם, איז עס דאָך אַ פאַרגעניגן און גענוס צו טרעפן זיך מיט לאַנדסלייט און גלייכצייטיק מקיים זיין די מצווה פון הכנסת־אורחים.

אַ יאָר טעטיקייט אונטערן צייכן פון 3טן וועלט־צוזאַמענטרעף

א. זאמדער

דאָס אָפּגעלאָפענע יאָר תשמ"ג (1982—83) בנוגע לובלינער אַקטיוויטעטן אין ישראל, איז מיט גאָרנישט געווען הינטערשטעליק לגבי די פריערדיקע יאָרן, הגם מיר האָבן געהאַט אַ צוגאָב־אויפגאַבע, ווי דער דריטער וועלט צוזאַמענטרעף פון די לובלינער לכבוד דעם 35סטן יום העצמאות. וועגן דעם צוזאַמענטרעף שרייבן מיר אויף אַ באַזונדער אָרט. און איצט, טריי אונדזער טראַדיציע, וועלן מיר באַריכטן פון דער א. ג. נאָרמאַלער טעטיקייט פון ארגון יוצאי לובלין בישראל.

ווי דער שטייגער, הייבן מיר אָן ביי דער יערלעכער אזכרה.

צום 40סטן יאָרטאָג פון אומגעבראַכטע די יידן פון לובלין

דער גרויסער זאַל פון „בית העמלין" אין תל־אביב, איז געווען איבערפולט מיט יידן פון לובלין, וואָס זענען געקומען זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון אונדזערע קדושים — דינסטיק, דעם 23סטן נאָוועמבער 1982.

נאָכן קורצן דערעפענונג־וואָרט פון פאָרזיצער, האָט ער פאַרבעטן צום אָנצינדן די זעקס ליכט, לזכר די זעקס מיליאָן קדושים: העניא באָרנשטיין, אברהם לעווינסאָן, לובאַ קאָרן, רוזשקע שניידמאַן־פישמאַן, חיה הוד און אפרים קראסוצקי. דערנאָך זענען 36 קינדער פון 8טן קלאַס פון דער פאָלקס־שול „עלומים" אין רמת־השרון, אונטער דער אָנפירונג פון די לערערינס: בינה, טובה און צביה, אויפגעטרעטן מיט וואָרט, געזאַנג, מוזיק און טענץ, אין אַ צוגעפּאַסטן פּראָגראַם, וועלכער האָט שטאַרק באַאיינדרוקט אַלע אנוועזנדיקע.

דער חזן יעקב סאַמעק ז"ל, האָט מיט זיין וווּנדערבאַרער שטימע גערירט דעם עולם מיטן „אל מלא רחמים" און „קדיש". דער סעקרעטאַר מתתיהו האָרן האָט מספּיד געווען די נפטרים אין לעצטן יאָר, וואָס זייער צאָל, ווערט לײדער, כסדר גרעסער. דוד שטאָקפיש האָט גערופן די

אזכרה לקדושי לובלין בתל־אביב, נובמבר 1982, בהשתתפות תלמידי ביה"ס „עלומים", רמת־השרון. אזכרה נאָך די קדושים פון לובלין אין תל־אביב, נאָוועמבער 1982, מיטן אָנטייל פון שילערס פון דער גימנאַזיע „עלומים" אין רמת־השרון.

teatrnn.pl

לאַנדסלייט אַרויסצווויזן מער זאָרג פאַר די איינזאַמע, קראַנקע און נויטבאַדערפטיקע יידן פון לובלין.

מיטן געזאַנג פון דער „התקוה״, איז פאַרענדיקט געוואָרן דער איינדרוקספולער יזכור־אָוונט.

געסט פון אויסלאַנד

דעם 4טן דעצעמבער 1982, האָבן געווײלט אין ישראל: שלמה זינשיין, פּרעזידענט פונעם פאַרבאַנד פון געוו. קאַצעטלער און אַקטיווער טוער אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק, ווי אויך צעשע און סימאָן זיידענווערג, וואָס זענען געקומען פון סאַן־פּאַולאָ. ביי אַ גלעזל טיי און אין אַ היימישער אַטמאָספער, האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטערעסאַנטער שמועס אַרום די פּראָבלעמען פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. אין דעם מיינונג־אויסטויש האָבן זיך באַטייליקט: די געסט פון אויסלאַנד, מאיר שילדקרויט, מ. האָרן, אפרים איינשטיין און דוד שטאָקפיש.

אויפנאַמע פאַר שושנה און משה זילבערבערג

דעם 20סטן פעברואַר ה. י., איז אין „לובלינער ווינקל״ אין תל־אביב, פאַרגעקומען אַן אויפנאַמע פאַרן פאַרפּאָלק זילבערבערג, וואָס זענען געקומען פון אַמעריקע אויף אַ באַזוך אין ישראל. דוד שטאָקפיש האָט פאָרגעשטעלט דעם גאַסט, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט דעם

קבלת־פנים למ. זילברברג מארה״ב ורעייתו שושנה.
אויפנאַמע פאַר שושנה און משה זילבערבערג פון די פאַר. שטאַטן. זיצן פון לינקס: מ. וואַסאַנג, ד. שטאָקפיש, מ. זילבערבערג, מ. האָרן, י. ראַכמאַן, י. זשיטאָמירסקי.

גהינום־וועג אין לובלינער געטאָ, פּונוואַנען ס'איז אים געלונגען צו אַנטלויפן אין געטאָ וואַרשע. אין זיין ענטפער, האָט משה זילבערבערג דערציילט פון „יענע טעג״ און באַזונדערס זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טעמע ווידערשטאַנד. דער רעדנער האָט אויך געענטפערט אויף אַ ריי פראַגן פון אפרים איינשטיין, מתתיהו האָרן, יעקב פעלדמאַן און אַנדערע.

סטיפּענדיע־פאַרטיילונג פאַר 15 שילערס פון „עלומים״

דעם 16טן מאַי ה. י., האָבן צוויי טויזנט תלמידים, זייערע עלטערן, און פאַרבעטענע געסט פאַרפולט דעם גרויסן הויף פון דער מיטלשול „עלומים״ אין רמת־השרון, וועלכע האָט אַדאָפּטירט די לובלינער יידישע קהילה, כדי זיך באַטייליקן אין דער פייערונג פון פאַרטיילן דיפּלאָמען און סטיפּענדיעס פאַר צענדליקער שילער און שילערינס, וואָס האָבן במשך דעם לערניאָר זיך אויסגעצייכנט מיט מעשים טובים, ווי: העלפן אַלטע לייט, העלפן

מ. הורן, מזכיר הארגון, מברך בטקס חלוקת המלגות ע״ש קדושי לובלין לתלמידי התיכון ברמת־השרון.
מ. האָרן, סעקרעטאַר פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, באַגריסט בעת דער פייערונג פון פאַרטיילן סטיפּענדיעס א. נ. פון די קדושים פון לובלין די גימנאַזיסטן אין רמת־השרון.

די שוואַכע תלמידים אין די לימודים, אָפּגעהיטן די ריינקייט, אָרדענונג און דיסציפּלין אין קלאַס, זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון ספּאָרט און קולטורעלער באַציונג. צווישן די רעדנערס און באַגריסערס אויף דער פייערונג, איז אויך אַרויסגעטרעטן מתתיהו האָרן, סעקרעטאַר פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, וועלכע האָט היי־יאָר אויסגעטיילט 15 טויזנט שקלים פאַר 10 שילער און שילערינס — צו 1.500 שקלים יעדן אייגעם.

נאָך דער פייערונג, האָט די שול־דירעקציע פאַרבעטן די פאַרשטייער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט: יוסף ראַכמאַן, אפרים איינשטיין, מתתיהו האָרן און דוד שטאָקפיש, אויף אַ לענגערן געשפּרעך וועגן אונדזער ווייטערדיקער מיטאַרבעט מיט דער שול.

די „געוויינלעכע״ אויפטוען

אונדזער באַריכט וועט נישט זיין קיין פולקאָמער, אויב נישט דערציילן וועגן אַזעלכע „געוויינלעכע״ אַרבעטן, ווי:

- דאָס אַרויסגעבן און פונאַנדערשיקן אונדזער „לובלינער שטימע״ אין דער גאַנצער וועלט;
- דאָס צושיקן יעדן ערב ראש־השנה און ערב פּסח אַ 80—90 בריוו מיט ניי־יאָר ווונטשן צו די לאַנדסלייט אין די תפוצות;
- פאַרטיילן 2 מאָל אין יאָר שטיצע ביי אַ 20 נויטבאַדערפטיקע, קראַנקע און איינזאַמע לובלינער יידן, אַ דאַנק דעם ביישטייער פון לובאַ און משה קאָרן.
- דאָס אַרויסגעבן פאַרשידענע באַשטעטיקונגען פאַר היגע און אויסלענדישע אַמטן.
- די פאַרטיילונג פון דרינגענדיקער הילף, ווי אויך סובוועשנצן פאַר שרייבערס אַרויסצוגעבן זייערע ביכער, און שילער־סטיפּענדיעס פונעם ספּעציעלן פאָנד א. נ. פון בעלאַ דאַבזשינסקי ע״ה (עטאַבלירט פון איר זון ד״ר נתן בן־טובים), פון די ירושות פון דער משפּחה בעס ז״ל און פון פאַרשטאָרבענעם שבח לעווענשטיין ז״ל.

• די רייכע קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע ווערט געפירט מיט די לאַנדסלייט אין דער וועלט און אין ישראל.

ליטעראַרישער אָוונט צום דערשיינען פון „אין גאַנג פון געשעענישן"

לכבוד דעם דערשיינען פונעם כמעט 800־זייטיקן בוך פון אונדזער פּאָרזיצער, דוד שטאָקפיש, „אין גאַנג פון געשעענישן", האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ ליטעראַרישן אָוונט אין גרויסן זאַל פון פאַרבאַנד פון פוילישע יידן. דעם פּאָרזיץ האָט געפירט אינזש. א. לאַסקאָווסקי. באַגריסט האָט מאיר שילדקרויט און אַ לענגערן רעפעראַט וועגן בוך און מחבר האָט געהאַלטן דער עסייאיסט, דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער, ד"ר י. ח. בילעצקי.

דוד שטאָקפיש האָט דערציילט וועגן די „געבורט־ווייען" פון אַרויסגעבן אַ בוך און געדאַנקט די אַלע, וואָס האָבן דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון ספר.

די פייערונג לכבוד דעם 65סטן געבוירנטאָג פון משה קאָרן

דאָס יאָר טעטיקייט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ מסיבה פאַר משה קאָרן, צו זיין 65סטן געבוירנטאָג. איבער 200 לובלינער יידן, ווי אויך קרובים און פריינד פון לובא און משה קאָרן, האָבן פאַרפולט דעם זאַל און גאָרטן פון „בית הרופא" אין תל־אביב, פאַרזען מיט אַ רייכן בופעט און באַגלייט מיטן האַרציקן געזאַנג פון דער באַרימטער קינסטלערין זשעניאַ פייערמאַן און פון די קורצע, וואַרעמע באַגריסונגען פון די רעדנערס און פון בעל־שמחה אַליין. נאָר איבער אַלעמען — די אַטמאָספער, די יום־טובדיקע שטימונג און די פרייד פון אַ צונויפטרעף פון מענטשן פון דער אַלטער היים.

די מסיבה האָט דערעפנט דער פאָרזיצער דוד שטאָקפיש, וואָס האָט אַדורכגעפירט אַן „אַנאַלאָגיע" צווישן בעל־שמחה און אַנדערע לובלינער גבירים, וואָס בעת ביי דעם ערשטן איז פאַראַן אַן אָפן האַרץ און אָפענע קעשענע, זענען די לעצטע קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן צו מאַכן זיך פאַרגעסן אין די באַדערפענישן פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. וועגן דער סביבה, און דער עיקר וועגן משה קאָרנ'ס פאָטער, בונם קאָצקער, האָט גערעדט עובדיה פעלד. ס'האָבן נאָך באַגריסט: דער סעקרעטאַר מתתיהו האָרן; דער גאַסט פון מעלבורן — בענאָ גאָלדבאַנד, פּרעזידענט פון די לובלינער אין אויסטראַליע; לובא קאָרן. דאָס שלום־וואָרט האָט באַקומען משה קאָרן, וועמענס רייד מיר ברענגען ווייטער:

טייערע פריינד, לאַנדסלייט, משפחה, ליבע געסט!

אין די לעצטע יאָרן איז מיר אויסגעקומען בייצוזיין אַ סך באַנקעטן און שמחות, אויפנאַמעס און צוזאַמענטרעפן מיט פאַרשידענע מענטשן און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן — אָבער דער היינטיקער אָוונט לכבוד מיינע פינף־און־זעכציק, מיט היימישע יידן, איז פאַר מיר אַזאַ שטאַרקע איבערלעבונג, וואָס וועט מיך זיכער באַגלייטן אַ סך אַ סך יאָרן. עפּעס אַ קלייניקייט: טרעפן זיך מיט חברים און באַקאַנטע פון דער לובאַרטאָווסקי און שעראָקע, פון רוסקע און שעראָצע, פון שוויענטאָדוסקא און יאַטעטשנע, פון זאַמקאָווע און צירולניטשע, פון טשאָטעק און פּראָסטאָווע — און דערצו נאָך ביי אַזאַ אינטימער, יומטובדיקער געלעגנהייט. פאַר מיין ליבעלען און מיר בלייבט די געשעעניש טיף איינגעקריצט אין זכרון.

די פרייד און סאַטיספאַקציע ווערט נאָך גרעסער דערמיט, וואָס אַז איך קוק אויף דעם, קיין עין־הרע, גרויסן עולם אין זאַל, וועמען ס'האָט אָפּגעגליקט אַדורכצולעבן די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן און זיך טרעפן אין אַ לובלינער געזעלשאַפט, אויפן שוועל פון 36סטן יום העצמאות — פרייט זיך דאָס האַרץ און איך וויל האַרציק באַדאַנקען די אַלע, וואָס זענען געקומען באַשיינען די היינטיקע שמחה, וועלכע ס'האָט איינגעאָרדנט לכבוד מיר די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל.

פאַר וואָס איך האָב זיך פאַרדינט אַזאַ כבוד — הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין. נאָר ווער בין איך פאַר איינער, וואָס זאָל זאָגן אַ דעה דעם קאָמיטעט, וועלכער פירט אַ לעבעדיקע טעטיקייט, מיט אַזוי פיל זאָרג פאַר לובלינער יידן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, און גאַנץ באַזונדערס — אויפן געביט פון פאַרייביקן אונדזער געבוירן־שטאָט און אירע קדושים. האָב איך מסכים געווען אויף דעם יום־טוב, וואָס גיט ווידער אַמאָל אַ געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט יידן פון איין שטאָט, פון איין גאַס, פון איין הויז, פון חדר און שול, פון דער אָרגאַניזאַציע און פאַריין. אויב ס'איז יאָ אַמאָל פאַראַן אַ פאַרגיטיקונג פאַר מעשים טובים, ווי מ'האָט דאָ דערציילט אין די באַגריסונגען, טאָ גלויבט מיר — אַז דאָס איז טאַקע דער איצטיקער אָוונט.

אויב ס'איז ריכטיק דאָס פאָלקסווערטל, מיינע לאַנדסלייט, אַז דער מענטש קאָן נישט אַרויסקריכן פון דער אייגענער הויט, אַזוי בין איך נישט מסוגל זיך אָפּצורייסן פון אונדזער אַלטער היים, וועלכע טראָגט דעם נאָמען לובלין. איך פיל, אַז מיר אַלע דאָ זענען דער המשך פון יענער טרויעריק־פריילעכער פאַרגאַנגענהייט, נאָר שוין אויפן באָדן פון דער אויפגעריכטער יידישער מדינה. זייט זיכער, אַז אויך אויף ווייטער בלייב איך מיט אייך און וועל תמיד אייך העלפן, מיט ראָט און טאָט, ווייטער אָנצוגיין מיט דער הייליקער אַרבעט.

ווען דוד בן־גוריון איז אַלט געוואָרן 70 יאָר, האָט ער נאָכן אויסהערן אַלע באַגריסונגען, אַזוי געענטפערט: אַלע מעלות טובות וועלכע ער באַזיצט, איז עס נאָר צו פאַרדאַנקען זיין טאַטן פון פּלאָנסק. דאַקעגן די שלעכטע אייגנשאַפטן — געהערן אים אַליין. וועל איך אַ ביסעלע ענדערן בן־גוריונס רייד און אויסרופן: אויב אין מיר איז פאַראַן עפּעס גוטס, איז עס נאָר אַ דאַנק מיין גאָטזעליקן פאָטער בינומל קאָצקער זכרונו לברכה. דאַקעגן דאָס נעגאַטיווע, ווי מען זאָגט, געהערט שוין צו מיין פּריוואַט־אייגנטום...

זייט מיר אַלע געזונט, אַ יישר־כוח ליבע געסט, פאַרן קומען צו דער שמחה און אַ תודה רבה אונדזער קאָמיטעט. אַ באַזונדערע אַנערקענונג מיין לובאַן, וואָס האָט איר בכבודיקן חלק אין דעם אַלעמען.

חלק מן הקהל באזכרה בתל־אביב, נובמבר 1982.
אַ טייל פון עולם אויף דער אזכרה אין תל־אביב, נאָוו. 1982.

„איך האָף צו באַגריסן אייך ווי מיינע לאַנדסלייט"

יונתן באַיאַרין

יונתן באַיאַרין, אַ געבוירענער אין די פֿאַר. שטאַטן (דריטער דור), האָט באַשלאָסן זיין דאָקטאָראַט־טעזע ווידמען דער פאָרשונג פון יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן. שוין איבער אַ יאָר ווי ער טוט די אַרבעט אין פּאַריז. בעת זיין באַזוך אין ישראל, האָט יונתן זיך באַטייליקט אין דעם טראַדיציאָנעלן קבלת־פּנים פון דעם אירגון יוצאי לובלין פאַר אונדזערע אויסלענדישע געסט און איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ באַגריסונג, וואָס לויט איר פאָרעם, אינהאַלט און שפּראַך (יידיש!), האָט זי אַלעמען באַגייסטערט און אַרויסגערופן לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

מיר ברענגען די דאָזיקע רעדע אָן וועלכע ס'איז ענדערונגען און קירצונגען.

טייערע לאַנדסלייט!

מיט דעם שטעלט זיך גלייך די פראַגע: מיט וואָס זענען מיר לאַנדסלייט, איך מיט אייך? לויט מיין אויסשפּראַך, וועט איר באַלד דערקענען, אַז איך בין נישט קיין לובלינער, אפילו נישט קיין פּוילישער. טעכניש גערעדט, בין איך בכלל נישט קיין מזרח־אייראָפּעישער ייד, נאָר אַן אייניקל פון אימיגראַנטן, געבוירן אין אַמעריקע. אין מיין יידיש, כאָטש כמו אַ ליטווישער, און כאָטש זיידע־באָבע אויף ביידע צדדים זענען טאַקע געווען ליטוואַקעס, איז מיין יידיש אַ אויסגעלערנטער. קען מען זאָגן, אַז אין ענגערן זין — בין איך נישט קיינעמס לאַנדסמאַן.

דאָך האָב איך חברים דאָ, אין זאַל. דאָס זענען לובלינער לאַנדסלייט אין פּאַריז, וואָס זיי האָבן מיר אַ סך געהאָלפן אין מיין אַרבעט בעת די לעצטע עטלעכע חדשים. איך בין אַ סטודענט פון אַנטראָפּאָלאָגיע ביי אַ ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט און כ'האַלט ביים שרייבן מיין טעזע אויף דאָקטאָראַט. האָב איך אויסגעקליבן פאַר אַ טעמע צו פאָרשן די פּויליש־יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון פּאַריז. פרעגט מען מיך: און וואָס איז מיט די ניו־יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפטן? איז דער תירוץ: ערשטנס, אַז ניו יאָרק האָט צו פיל לאַנדסמאַנשאַפטן, מע זאָל זיי באַשרייבן מיט נאָר איין טעזעלע. און צווייטנס, אַנטראָפּאָלאָגן זענען זיך נוהג צו וואַנדערן. אָבער מע פרעגט אויך אַמאָל: פאַר וואָס נישט ישראל? מיר גייט דאָך אָן צו וויסן, ווי אַזוי אַ יידישע קהילה האַלט זיך צונויף אין אַזאַ עכט־גוייש לאַנד ווי פראַנקרייך. און נאָך עפּעס: ווער וועט אָפּזאָגן אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען אַ יאָר אין פּאַריז?

וווין איך מיט מיין פרוי אסתר־מלכה אין פּאַריז שוין פון חודש סעפּטעמבער. כ'בין געווען ביי דער גרויסער מאַסן־יזכור־פאַרזאַמלונג, וואָס אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן — אָדער „סאָסיעטעס" ווי מ'זאָגט ביי אונדז אין פּאַריז — מאַכן אויפן בית־עולם באַניע צו די יומים־נוראים. כ'בין געווען ביי די חנוכה־און פּורים־בעלער פון די ראַדאָמער, פון די וואַרשעווער און פון די לובלינער. כ'בין אויך געווען, נישט אויף אונדז געדאַכט, אויף לוויות. ס'איז דאָך אַ צענטראַלער ענין ביי די לאַנדסמאַנשאַפטן, די יורשים פון די שטעטלדיקע חברה־קדישות, ווי איינער אַ קאָרעווער ייד האָט מיר געזאָגט: „דאָרט ווו ס'איז קיין בית־עולם נישטאָ, איז אויך נישטאָ קיין לעבעדיקע קהילה".

אָבער דער עיקר אין מיין אַרבעט איז דאָס שמועסן מיט יחידים, דאָס הערן די געשיכטעס פון זייערע לעבנס און דאָס באַקענען זיך מיט די אומשטענדן פון זייער לעבן היינט. איר ווייסט דאָך בעסער פאַר מיר, סאַראַ שווערע לעבנס דאָס זענען געווען. אייער קינדהייט האָט איר פאַרבראַכט אין די שרעקלעכע באַדינגונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין די ערשטע יאָרן פון פּוילישער אומאָפּהענגיקייט. אָנגעקומען קיין פראַנקרייך זענען די אימיגראַנטן אומלעגאַל, געהאָרעוועט, און באַלד איז געקומען די ברוינע מגיפה פון נאַציזם. מ'האָט געוואָלט בלייבן אַ ייד און מ'האָט געוואָלט אין דער זעלביקער צייט ווערן אַ פראַנצויז. דערצו זענען געווען פּאָליטישע שפּאַלטונגען. אָבער מיט דעם אַלעמען, האָט מען געהאַט דעם כוח און ווילן אויפצוהאַלטן די יידישע שפּראַך, אַרויסצוהעלפן נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט, שטיצן די נייע מדינת ישראל און בכלל בלייבן צוזאַמען, נישט פאַרשווינדן, נישט ווערן בטל־בשישים צווישן דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

אַמאָל בין איך אייך מקנא, פּוילישע לאַנדסלייט, וואָס איר האָט געקענט דאָס רייכע יידישע לעבן דאָרטן. צוריקגעשמועסט, איז מיין דור דער גליקלעכער: בעת איר האָט געליטן דער פאַרלוסט פון טייערע און נאָענטע, פון אַ גאַנצער וועלט, בלייבט פאַר אונדז אַזאַ רייכע ירושה, ממש אַ נייע וועלט וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז, אַז מיר לערנען זיך אויס יידיש, אַז מיר נאַשן פון די קלאַסישע יידישע שרייבער, אַז מיר בלעטערן דורך יזכור־ביכער — נר־תמידס נאָך יידישע קהילות — און דער עיקר אַז מיר שמועסן און באַקענען זיך מיט אייך. דאָס הייסט, אַז כאָטש כ'האָב נישט געהאַט די זכיה צו זיין אַ געבוירענער לובלינער, האָף איך דורך מיין אַרבעט — דאָס שרייבן די מגילה פון אייער לעבן פאַר מיין דור און פאַר די קומענדיקע דורות — איך זאָל פאַרדינען דער גרויסן כבוד און פרייד אייך צו באַגריסן ווי מיינע לאַנדסלייט.

ביכורי לימודים ב„עלומים" ברמת־השרון

טקס חג השבועות בחטיבת הביניים „עלומים" ברמת־השרון הפך למסורת, כאשר הביכורים הם פרי לימודים ומעשים טובים, שנעשו במשך השנה.

כארבעים נערים ונערות שנבחרו על־ידי חבריהם לכיתה וצוות המורים בבית־הספר, קיבלו תעודות הערכה על מאמציהם והישגיהם בלימודים, על פעילות התנדבותית — ניקוי חצרות קשישים, חונכות במעון נעמ"ת, עזרה לתלמידים נזקקים, התרמות ל־אגודות השונות, אירגון חוגי ספורט בבית־ספר מיוחד, עזרה לזולת, תרומה לקהילה, לחיי החברה בכיתה ובבית־הספר, והישגים בתחומי הספורט. בין היתר צויין, כי נבחרת הילדים של בית־הספר זכתה בגביע המדינה בכדורסל.

„קהילת לובלין" הנמצאת בקשרים עם בית־הספר „עלומים" העניקה עשר מילגות בנות אלף וחמש מאות שקל כל אחת לתלמידים, שהוכיחו התמדה מיוחדת בפעילותם החברתית, הספורטיבית והלימודית.

פרס עידוד מיוחד, ניתן ע"י קובי קרני מחברת „סינגל טורס" — טיסה בשמי הארץ לאילת ובחזרה, להורה ולתלמיד, הוענק לרונית ברוטי מכיתה ח' 9.

רונית שעלתה לארץ מאירן לפני ארבע שנים, לאחר עליית חומייני לשילטון, אמרה כשדמעות בעיניה, כי הדבר שהיתה רוצה בו ביותר הוא לשתף את אביה בפרס שקיבלה ולטוס יחד איתו בשמי הארץ.

אבל האב שנתקלע באירן באחת מנסיעותיו, ולא יכול לצאת בגלל הפעילות הקהילתית של אחיו, יוכל, אולי, לשמוע על הפרס שקיבלה בתו בשיחת טלפון, שהגיע אליו מישראל דרך קווי הטלפון של קנדה וארצות אחרות.

כשהאם חזרה לארץ בגפה, התברר, כי האח הצעיר (5) חולה במחלה נדירה, הדורשת סידרת ניתוחים פלסטיים. פעם בשלושה חודשים עולה האם עם בנה לירושלים לניתוח נוסף, ובדירה השכורה ברמת־השרון נשארת רונית, לדאוג לבית, ללימודים, לאחים וגם, כך מסתבר, לאחרים.

למרות הקשיים היא מוצאת את הזמן, המרץ והכוחות הנפשיים לעמוד במשימות ההתנדבותיות ואף לבקש אותן.

„ידיעות אחרונות", 20.5.83

וועלט־צוזאַמענטרעף פון לובלינער ייִדן צום 35סטן יום העצמאות

יעטוועדע דאַטע, געשעעניש און געלעגנהייט איז גילטיק און גינסטיק פאַר אַ צונויפטרעף פון אָפּשטאַמיקע פון איין שטאָט, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט, כדי פון צייט צו צייט זיך „אויסצולאָדן" פון דער נאָסטאַלגיע, עמאָציעס, דערינערונגען און בענקשאַפט צו יענער תקופה און אָרט „ווּ מיין וויג איז געשטאַנען". ווער שמועסט נאָך, אַז עס רוקט זיך אונטער אַזאַ דאַטע ווי 35 יאָר יידישע מדינה, טאָ פאַר וואָס נישט צונויפברענגען קיין ישראל די שארית הפליטה פון לובלינער יידנטום, בפרט נאָך, אַז מיר האָבן שוין הינטער זיך אַ טראַדיציע און דערפאַרונג פון ערשטן וועלט־צוזאַמענטרעף לכבוד דעם 25סטן יום העצמאות און צווייטן צוזאַמענטרעף צום 30סטן יום העצמאות. נאָך עפּעס: אַזאַ צונויפקום פונעם „לובלינער אינטערנאַציאָנאַל", האָט תמיד געהאַט זיין יום־טובדיקן פינאַל מיט אַ יום העצמאות באַל, איינגעאָרדנט דורך לובאַ און משה קאָרן, ווּ ס'האָבן זיך משמח געווען עטלעכע הונדערט לאַנדסלייט פון ישראל און פון די תפוצות.

דאָסמאָל האָבן מיר געזאָרגט, אַז די פאַרבעטונג צום דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף זאָל באַצייטנס צעשיקט ווערן צו אַלע אונדזערע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, מיט אַ גענויעם פּראָגראַם און דאַטעס, כדי מענטשן זאָלן פּלאַנירן זייער באַזוך אין ישראל, צוגעפּאַסט צו זייערע מעגלעכקייטן און אונדזער „קאַלענדאַר".

אויב משפּט'ן לויט דער צאָל געסט פון אויסלאַנד (בערך 50) און דער צאָל לענדער (10), וואָס האָבן אין די חדשים אַפּריל און מאַי באַזוכט ישראל און זיך באַטייליקט אין איינעם אָדער מערער אונטערנעמונגען פונעם צוזאַמענטרעף — קאָן מען זאָגן, אַז ס'איז געווען אַ דערפאָלג: פון דער אַנדערער זייט איז אָבער קלאָר, אַז עס האָבן געקאָנט און באַדאַרפט זיין פאַרטראָטן אַזעלכע לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס ווי אין ניו־יאָרק, טאָראָנטאָ און בוענאָס־איירעס, שוין אָפּגערעדט פון איינצלנע לובלינער יידן אין די דריי דערמאָנטע שטעט און פון אַנדערע ערטער. נישט אַנדערש, אַז דער עולם איז געוואָרן אַ עלטער, אַ קעלטער און אַוודאי איז אויך דער געזונט־צושטאַנד געווען איינע פון די סיבות אַדורכצולאָזן אַזאַ וועלט־צוזאַמענטרעף. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד. ווייל די געשעעניש וועט אַ סך אַ סך יאָרן בלייבן טיף איינגעקריצט אין זכרון פון די באַטייליקטע — מיט די בעסטע זכרונות און איבערלעבונגען.

לאָמיר טאַקע דערציילן מיט אַ טאָלק און סדר וועגן די אַלע דערפאָלגרייכע אונטערנעמונגען פון דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון לובלינער יידן.

דער ערשטער קבלת־פּנים

מיטוואָך, דעם 6טן אַפּריל, איז דער גרויסער זאַל פון פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין תל־אביב, געווען איבערפולט מיט איבער 200 לובלינער יידן פון לאַנד און אויסלאַנד. ביי געדעקטע טישן, אין אַ יום־טובדיקער שטימונג, האָט דער פאָרזיצער פון אירגון יוצאי לובלין באַגריסט דעם עולם און אַנטקעגן געטראָגן אַ האַרציקן „ברוכים הבאים" די געסט פון די תפוצות:

פון פראַנקרייך — געניע און שמואל שפּיראָ, גיטעלע און יידל עדעלשטיין, טעשקע פאָרשטעטער־קאָרמאַן, ראשעל און מישעל ראָזענבלום, גאָזשעטשאַנסקי לייבל, פעסאַלע און שלמה מושקאטבליט, זאָשע און ניומעק פערלמוטער, מאַטיס זשעלאַזאָ, אסתר־מלכה און יונתן באָיאַרין.

פון מעלבורן — בראָניע און מישאַ עקהאַוס, בלומאַ און מאָטל טרייסטמאַן.

פון דייטשלאַנד — בלומאַ און נחמן גורפינקעל, קאַראָל געצמאַן־יאַוואָרסקי.

פון שוועדן — רוזשקע פישמאַן־שניידמאַן און צבי מאַנדלטראַוב.

פון בוענאָס־איירעס — משה ניסענבוים.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך די געסט האָבן באַקומען אַ וואָרט. דאָסמאָל — נאָר פרויען: בראָניע עקהאַוס, רוזשקע שיידמאַן, טעשקע פאָרשטעטער און גיטעלע עדעלשטיין. ס'איז אויך אַרויסגעטרעטן דער יונגער היסטאָריקער און פאָרשער פון לאַנדסמאַנשאַפטן, יונתן באָיאַרין, וועמענס רעדע מיר ברענגען אויף אַ צווייט אָרט.

דער געלונגענער ערשטער קבלת־פּנים, איז געווען אַן אָפּטימיסטישער אָנזאָג בנוגע דעם דערפאָלג פון די שפּעטערדיקע אונטערנעמונגען.



חלק מן הקהל בקבלת־פנים לאורחים מחו"ל.
אַ טייל פונעם עולם אויפן קבלת־פּנים פאַר די געסט פון אויסלאַנד, אַפּריל 1983.

דער יזכור־אַקט ביים מאָנומענט אין נחלת יצחק

זונטיק, דעם 10טן אַפּריל, ווען מדינת ישראל האָט אָפּגעצייכנט דעם טאָג פון אומקום און גבורה, זענען ביי דער מצבה לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק אויפן תל־אביבער בית הקברות נחלת יצחק, זיך צונויפגעקומען הונדערטער לאַנסלייט פון ישראל און פון דער וועלט, כדי זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון דער לובלינער יידישער קהילה, דער קרבן פון די היטלעריסטישע רציחות.

מיט רירנדיקע רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן: דוד שטאָקפיש און גיטעלע עדעלשטיין־שילדקרויט פון פּאַריז. דער גאַסט פון פראַנקרייך האָט געזאָגט צווי. אַנד.:

טייערע לובלינער מיינע, ליבע פריינד!

מיט יראת הכבוד און פּיעטעט וויקלען מיר פונאַנדער, יאָר איין יאָר אויס, אונדזער טרויעריקע מגילה פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק אין אייראָפּע בכלל און די איבער 40 טויזנט קדושים פון אונדזער היים־שטאָט לובלין, בפרט.

זאָל יעדער פון אונדז דאָ, אויף דעם בית־הקברות אין נחלת־יצחק, וווּ אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל האָבן געשטעלט אַ מאָנומענט, זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון אונדזערע קדושים. זאָל יעדן פון אונדז אַדורכגיין פאַר די אויגן זייערע טייערסטע און זיך באַהעפטן מיטן אָנדענק פון די וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן אויף אַזאַ בעסטיאַלישן אופן דורך די דייטשישע מערדער.

מיט אַ פאַרשטיקט קול דערמאָנען מיר זייערע נעמען און אונדזער היים־שטאָט לובלין — אַ שטאָט אַ מאַמע ביי יידן, וועלכע האָט נישט געהאַט אירס גלייכן אויף דער וועלט.

די פיזישע און גייסטיקע יסורים, וועלכע מיר האָבן געליטן פון אונדזערע פוילישע שכנים, מיט זייער זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם, האָט אונדז פאַרפאָלגט אין אַלע צייטן, באַגלייט מיט טראַגישע און העראָישע געשעענישן און געצייכנט מיט פייער און בלוט פון אונדזער טויזנטיאָריקן זיין אויף דער פוילישער ערד.

מיט 40 יאָר צוריק איז פאָרגעקומען דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אין 1963, זענען מיר געפאָרן פון פּאַריז אַלס דעלעגאַציע פון דער פעדעראַציע, צו דער אַנטהילונג פון מאָנומענט און אַריינגעפאָרן קיין לובלין. שווייגנדיקע, פאַרכמורעטע, ניט קאָנענדיק אויסרעדן אַ וואָרט צווישן זיך, בעתן פאָרן די 160 קילאָמעטער, זענען מיר אָנגעקומען אַהין... אָט איז מאַידאַנעק, די מאָרד־פאַבריק אויף לובלינער ערד.

היינט איז לובלין אויפסניי אויפגעבויט. די רוסקע — אַ פּאַרק פאַר קינדער. דער „זאַמעק" — אַ קולטור־הויז פאַר די פּאָלאַקן. די לובאַרטאָווסקע — אַ גויישע, רוישיקע האַנדלס־גאַס. ווו עס וווינט אַ יידישע פאַמיליע, דאַרף מען פרעגן אין דער שטיל.

מיט וויפל צער און בענקשאַפט האָבן מיר זיך שוין אויסגעוויינט אין די פאַרלאָפענע יאָרן. טרויעריק זענען אונדזערע מחשבות... איך וואָלט מיר דערלויבט זאָגן, אַז די פאַרגאַנגענע געשעענישן און פּאָגראָמען, זענען כמעט אין שאָטן לגבי דער מערדערישער נאַצי־תקופה, וואָס אונדזער דור האָט אַדורכגעמאַכט. די פּיין און ליידן פון אונדזערע טייערסטע, נאָענטסטע האָבן אָוועקגענומען די גרענעצן צווישן לעבן און טויט. אין דעם געוויין פון טרויעריקן נעכטן, פון די שאָטנס פון אומקום — הערט זיך דער רוף פאַר דעם היינט און מאָרגן.

די בויער, די זין פון אונדזער יידישער מדינה, האָבן זיך באַהאָפטן מיט דער תפילה, וועלכע עס האָבן געשעפּטשעט אונדזערע 6 מיליאָן קדושים אין זייער לעצטן וועג — פאַרן אָנצינדן דעם פלאַם וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג אויפצוריכטן אונדזער אייגן לאַנד, מדינת ישראל.

מיר, דאָס וועלט־יידנטום, מיט אונדזער אני מאמין, וועלן זיך מיט פולער טריישאַפט קלאַמערן אַרום אונדזער לאַנד, ישראל. פון דאַנען, ביי דעם מאָנומענט, וווּ עס איז אויסגעקריצט און סימבאַליזירט דער הייליקער אָנדענק פון אונדזערע טייערסטע נשמות, וועלכע זענען מער ניטאָ, אונטער דעם שטיין, וווּ דער אירגון יוצאי לובלין בישראל האָט געבראַכט דעם אַש פון די דערמאָרדעטע צו קבר־אָבות אויף דער ישראל־ערד — מוזן מיר איבערגעבן די צוקונפטיקע דורות דעם הייליקן ספר פון געשיכטלעכן גאַנג פון אונדזער פאָלק.

דער רירנדיקער אַקט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט „קדיש" בציבור און „אל מלא רחמים" פון חזן יצחק ראַקאָווסקי.

אויפנאַמע ביי דער פאַמיליע שטאָקפיש

נאָכן טרויער־אַקט אין נחלת יצחק, זענען איבער 40 געסט פון אויסלאַנד און פון ישראל, אַריבער געפאָרן אין דער וווינונג פונעם פאָרזיצער דוד שטאָקפיש און זיין פרוי רבקהלע אין רמת־גן, וווּ די לאַנדסלייט האָבן פאַרברענגט אין אַ היימישער אַטמאָספער, טיילנדיק זיך מיט זכרונות פון לובלין און מיט איינדרוקן פון די לעצטע צוזאַמענטרעפן אין ישראל. מ'האָט זיך אויך אונטערגעלענט די הערצער מיט אַ לייכטן כיבוד און ס'האָט נישט פאַרפעלט קיין געזאַנג און פאָטאָ־אויפנאַמעס. אַלעמענס וווּנטש איז געווען, אַז מ'זאָל זוכה זיין צו אַזעלכע באַגעגענישן אין 5 יאָר אַרום — צום 40סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל.

פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע א. נ.
פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט

דעם זעלבן אָוונט איז אינעם תל־אביבער אוניווערסיטעט פאָרגעקומען די ניינטע פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע א. נ. פון דער היסטאָריקערין פון דער יידישער לובלין — בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט ע"ה. ס'איז געווען אַן איינדרוקספולע, בכבודיקע פייערונג, אין וועלכער ס'איז געקומען צום אויסדרוק די פאַרייביקונג נישט נאָר פון אַ לובלינער פערזענלעכקייט, נאָר אויך פון דער גאַנצער, אַמאָליקער יידישער לובלין. דעם פאָרזיץ האָט געפירט די באַרימטע היסטאָריקערין אַניטאַ שאַפּיראָ. אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון בעלאַ'ן, האָט באַגריסט אַדוו' חיים קאָסאָווסקי־שחור. די סטיפּענדיסטין עירית קינן, סטודענטין פון היסטאָרישן פאַקולטעט, האָט געלייענט אַ גרעסערן פראַגמענט פון איר פרעמירטער אַרבעט „דער צונויפטרעף פון די ארץ־ישראלדיקע שליחים מיט דער שארית הפליטה אין די די.פּי.־לאַגערן אין דייטשלאַנד, אין די יאָרן 1945—1948". אין נאָמען פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן האָט באַגריסט גיטעלע עדעלשטיין־שילדקרויט:

„איך וועל אָנהייבן מיין באַגריסונג אין נאָמען פון אונדזער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, צו דער היינטיקער צוטיילונג פון דער סטיפּענדיע פאַר געשיכטע־פאָרשונג, אויפן נאָמען פון דער היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט, די שוועסטער פון שמואל און סימאַ מאַנדעלסבערג, די ערשטע פרוי פון מאיר שילדקרויט, וועלכע האָבן עטאַבלירט די סטיפּענדיע.

אויף מיין פראַגע: ווער זענען די אָנטיילנעמער אין

דער הייניקער פייערונג, די לאָורעאַטן פון דער סטיפּענדיע? האָב איך גלייך באַקומען דעם ישראלדיקן ענטפער: איינע פון די זעלטענע פרויען־געשטאַלטן אין לאַנד, פּראָפ׳ אַניטאַ שאַפּיראָ און די יונגיטשקע סטודענטין אירית קינן.

דעם 22טן נאָוועמבער 1982 איז פאָרגעקומען אַ קאָלאָקוויום פון יידישע אינטעלעקטואַלן אין פּאַריז, אונטערן פאָרויץ פון פּראָפ׳ אַדי סטעג. האָט איינער פון זיי, עמנואל לעווינאַס, געזאָגט: „וואַרפט נישט אַוועק דעם שטויב, וועלכער געפינט זיך אויף די שיך פון אונדזערע אָבות, ווייל אין דעם שטויב איז גאָלד פאַראַנען. און אויב די, וועלכע ווילן זיך דווקא פון זייער שטאַם אָפּקערן, דאַן בלייבן זיי אין גרעסטן טייל נע־ונד״. מיר פאַרמאָגן אין זיך די קראַפט אויפצוהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, ווייל אַזוי פיל גרויל האָט נאָך קיין שום פאָלק ניט געהאַט אין זיין געשיכטע.

אויף אַ מלוכהשן אופן האָט מען היינט אָפּגעמערקט דעם יום השואה והגבורה מיטן פייפן פון די סירענעס, ווען אַלע און אַלץ בלייבט שטיין מיט געבויגענע קעפּ, במשך 2 מינוט שטילשווייגן. אַ גאַנצע ריי ווערק דערשיינען לעצטנס, געווידמעט דער רייכער געשיכטע פון אונדזער יידיש פאָלק. עס קומט פאָר אַ וויכוח, אַ היסטאָרישע פּאָלעמיק: פון וואַנען שטאַמען מיר, דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום? לעצטנס איז אַרויס אַ בוך פון אַרטור קעסטלער, וועלכער וויל באַווייזן, אַז דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום שטאַמט פון די כוזרים, שבטים וואָס האָבן געוווינט און געהערשט איבער דער געגנט, וואָס געפינט זיך צווישן קאַספּישן און שוואַרצן ים. זיי זענען אַריבער צום יידנטום אין 8טן יאָרהונדערט. איינער פון די וויכטיקסטע פאַרטיידיקער פון דער טעאָריע, איז געווען דער פּראָפ׳ פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, י. פּאָלאַק ז״ל.

מיר האָבן אויך איצט פאַרשריבן אַ בלעטל געשיכטע בעת דער לעצטער וועלט־קריג, וואָס צייכנט די גבורה פון דער ארץ־ישראל־בריגאַדע.

דאָ, אין די זאַלן פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, טויכן אויף דערינערונגען פון אונדזער היים־שטאָט לובלין. באַלד וועט מען צוטיילן די סטיפּענדיע פאַר דער פאָרשונג־אַרבעט וועגן מזרח־אייראָפּעישן יידנטום אויפן נאָמען פון דער טאָכטער פון דער לובלינער משפחה טאָבעלע און עזריאל מאַנדעלסבערג, וועלכע האָט געשטרעבט איבערצולאָזן די גייסטיקע ירושה פאַר די צוקונפטיקע דורות. זענען דאָס ניט קיין פאַרשימלטע בלעטער, נאָר אַ ווערק, אַ ספר וואָס גייט איבער פון דור צו דור, ווו ס׳איז פאַרפלאָכטן העראָיזם און ווידערשטאַנד, אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער פאָלק״.

אויב אין תל־אביבער אוניווערסיטעט איז דאָס געווען, ווי געזאָגט, די נייַנטע פאַרטיילונג, זענען אויפן העברעישן אוניווערסיטעט שוין פאַרטיילט געוואָרן 19 סטיפּענדיעס. אַ דאַנק דער מאַטעריעלער הילף פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך, איז אויך אין אוניווערסיטעט בר־אילן אין רמת־גן, עטאַבלירט געוואָרן אַ יערלעכע סטיפּענדיע א. נ. פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט.

וועלט־באַראַטונג פון די לאַנדסמאַנשאַפטן

מיטוואָך, דעם 13טן אַפּריל איז דערעפנט געוואָרן די אייגנטלעכע וועלט־קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון לובלינער אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרנעמען זיך מיט תכליתדיקע, פּראַקטישע ענינים, ווי פאַרייביקונג, הילף, ירושות און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

די קאָנפערענץ האָט געעפנט (און געפירט) שמואל שפּירא, פּרעזידענט פון די „פאַריייניקטע קינדער פון לובלין״ אין פראַנקרייך, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די שארית הפליטה פון אַ רומפולער יידישער קהילה באַגעגנט זיך אין ישראל, כדי באַהאַנדלען וויכטיקע פראַגן. דער רעדנער דערמאָנט, אַז

דער צוזאַמענפאָר פון די לובלינער לאַנדסלייט, וועלכע קומען פון פאַרשידענע לענדער קיין ישראל, קומט פאָר אין דער צייט ווען אין דער יידישער וועלט, באַזונדערס אין ישראל, ווערן פייערלעך אָפּגעמערקט די געדענק־טעג פון גרויסן היסטאָרישן באַטייט, וואָס זענען נוגע יעדן ייד. דאָס זענען די דאַטעס פון טרויער און פרייד, פון פינצטערניש און ליכט, פון אומקום און אויפקום. וויכטיקע דאַטעס און אָפּמערקונגען קומען זיך צונויף און שליסן זיך איין.

היי־יאָר איז געוואָרן 50 יאָר זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און נאָך זעקס יאָר פינצטערע הערשאַפט, האָט ער אין 1939 אָנגעצונדן די וועלט־שריפה, וואָס האָט געדויערט ייטערדיקע זעקס יאָר, אין משך פון וועלכע ער האָט פּלאַנמעסיק אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידן, ישוב נאָך ישוב, דאָס גאַנצע מזרח־אייראָפּעישע יידנטום. אַ גאַנצע יידישע געשיכטע איז פאַרטיליקט געוואָרן.

עס דערנענטערט זיך די דאַטע פון 40 יאָר זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע און ער פאַלט זיך צונויף מיטן 35סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל. די קדושים און גיבורים וואָס זענען געפאַלן על קידוש האומה, האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר דער שיינער און ליכטיקער צוקונפט פון אונדזער פאָלק. ווען מיר נייגן אונדזערע קעפּ אין אָנדענק נאָך די אומגעקומענע, נומען מיט העראָיק זענען די בלעטער פון די הונדערטער אַ געווער צום ווייטערדיקן קאַמף פאַרן אויפבוי און אַנטוויקלונג פון ישראל. דאָס זענען די אידעאַלן, וואָס באַהערשן יעדן יידישן צונויפקום און אויך דעם וועלט־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער יידן.

ביז דער 2־טער וועלט־מלחמה זענען די לאַנדסמאַנשאַפטן געווען בעיקר הילפס־אָרגאַניזאַציעס. נאָך דער מלחמה, האָבן די אָפּגעראַטעוועטע פון מוראדיקן אומקום גענומען אויף זיך די אַלטע התחייבות פון „זכור את אשר עשה לך עמלק הנאצי״, דערציילן סיי די גרוילן און סיי די גבורה. דורכגענומען מיט העראָיק זענען די בלעטער פון די הונדערטער יזכור־ביכער און בתוכם פון לובלין, וואָס זענען דערשינען אין יידיש און עברית אין פּאַריז און אין ישראל.

מיר, די שארית הפליטה פון דער פאַרטיליקטער לובלינער קהילה, קומען צו אונדזערע צוזאַמענפאָרן מיט אַ בילאַנס פון ערנסטער אַרבעט סיי פאַרן פאַרייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע קדושים און סיי פאַר דער ענגסטער פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל. מיר ווילן זיך נישט שפּייזן מיט שאַבלאָנער באַגייסטערונג. מיר זוכן, מיר דערוואַרטן צו פאַרגרעסערן אונדזער צושטייער פאַרן פאַרפעסטיקן די יידישע מדינה און מיר ווילן מיט פאַרשטענדעניש מכשיר זיין אונדזער ביז איצטיקע טעטיקייט.

עס איז אַ פרייד צו באַגריסן אייך, דעלעגאַטן צום לובלינער וועלט־צוזאַמענפאָר אין ישראל, אַ כינוס וואָס געהערט יעדן איינעם פון אונדז און צו וועלכן מיר קומען נישט בלויז צו פרייען זיך צוזאַמען, נישט בלויז צו דערמאָנען די אַלטע היים, נאָר כדי העלפן אויסלייגן פּלענער פאַר ווייטערדיקער פּרוכטבאַרער אַרבעט.

דער פֿאַרזאַמלטער עולם באַדאַנקט מיט אַפּלאָדיסמענטן שמואל שפּירא פֿאַר זיין דערעפֿענונג־וואָרט. דער פֿאָרזיצער פֿאַרבעט אין פּרעזידיום פֿאָרשטייער פֿון די לאַנדסמאַנשאַפֿטן און לייענט אויך איבער די באַגריסונגען, וועלכע זענען אָנגעקומען צום צוזאַמענפֿאָר.

די ערשטע באַגריסונג, פֿון וואַרשע, איז אַ טעלעגראַם פֿון אונדזער בן־עיר ד״ר בינעם ווייס: „אין די טעג פֿון ווייטיקלעכע און הערלעכע יאָרטעג און דאַטעס, באַגריס איך די אָנטיילנעמערס פֿונעם וועלט־צוזאַמענטרעף פֿון די געוועזענע איינוווינערס פֿון לובלין. מיטן גאַנצן האַרצן בין איך מיט אייך״.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ד״ר ווייס האָט זיך זייער באַמיט צו קומען צום צוזאַמענטרעף, נאָר די פּוילישע מאַכט האָט אים נישט דערלויבט אַרויסצופֿאָרן, נישט געקוקט אויף דער אָפֿיציעלער איינלאַדונג אונדזערער.

די צווייטע באַגריסונג האָט דער פֿאָרזיצער געלייענט פֿון לאָזער גאָלדבוים, סעקרעטאַר פֿון די לובלינער אין סאַן־פּאַולאָ. ער שרייבט צוו. אַנד.:

טייערע לאַנדסלייט און פֿריינט,

אַ האַרציקן דאַנק פֿאַר דער איינלאַדונג צו די לובלינער לאַנדסלייט אין סאַן־פּאַולאָ צו באַטייליקן זיך אינעם דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף פֿון לובלינער אין ישראל צום 35סטן יום העצמאות און 40סטן יאָרטאָג פֿון העראָישן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. ס׳איז נאָך פֿריש אין אונדזער זכרון דער ערשטער צוזאַמענטרעף פֿון לובלינער אין ישראל, פֿאַרגעקומען אין אַפּריל 1973, וואָס איז געווען אַ גרויסע מאַניפֿעסטאַציע און כבוד פֿאַר לובלינער קולטור־עסקנים פֿון דער גאַנצער וועלט און אַ באַזונדערע פֿרייד צום יום־טוב פֿון 25־יאָר אומאָפּהענגיקייט פֿון אונדזער אויסגעבענקטער יידישער מדינה. אונדז טוט שטאַרק וויי, וואָס ס׳איז אוממעגלעך צו זיין מיט אייך אויף דעם איצטיקן וועלט צוזאַמענטרעף. די סיבות — קאָנוולסיווע ענדערונגען פֿון דעם עקאָנאָמישן לעבן אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, באַזונדערס אין בראַזיל, האָבן נישט דערמעגלעכט אויסצובילדן אַ גרעסערע דעלעגאַציע, וואָס האָט זיך געגרייט צו פֿאָרן. די צווייטע סיבה — אין אַפּריל הייבט זיך אָן דער ווינטער־סעזאָן אין לאַנד, און דאָס איז אַ וויכטיקער מקור פֿאַר פּרנסה פֿון דער באַקליידן־אינדוסטריע, וואָס ליגט אין יידישע הענט — און אַרום דעם ווינטער־סעזאָן דרייט זיך די ראָד פֿון עקאָנאָמיע, וואָס דאַרף סטאַיען אויפֿן גאַנצן יאָר.

נעמט דעריבער צו די האַרציקסטע ברכות פֿון לובלינער יידן אין בראַזיל. געבענטשט זאָלן זיין אונדזערע לאַנדסלייט פֿון ישראל, פֿראַנקרייך, בעלגיע, קאַנאַדאַ, פֿאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן די מעגלעכקייט און זכיה צו באַטייליקן זיך אין דעם דריטן וועלט־צוזאַמענפֿאָר.

אַ באַזונדערע אָנערקענונג און ברכות די אָנפֿירנדיקע חברים אין ישראל, וואָס גיבן אַוועק זייער כוח און ענערגיע אויפֿצוהאַלטן דעם אירגון יוצאי לובלין בישראל און דעם גייסטרייכן „קול לובלין״. אייער אַרבעט איז שיין און וויכטיק פֿאַר דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק, פֿאַר דער העברעישער און יידישער קולטור, פֿאַר עם ישראל און מדינת ישראל — דאָס דערהויבנסטע פֿאַר אונדז אַלעמען.

מיר ווינטשן אייך הצלחה אין אַלע טעטיקייטן און האָפֿן צו דערלעבן און טרעפֿן אייך געזונטע און גליקלעכע אויפֿן 4טן צוזאַמענטרעף אין דער צייט און אין אָרט, ווי איר וועט באַשטימען.

מיט האַרציקע גרוסן פֿאַר די לובלינער אין בראַזיל:
לאָזער און מינדל גאָלדבוים.

ס׳זענען אויך צוגעשיקט געוואָרן שריפֿטלעכע באַגריסונגען פֿון ישראל אייזענבערג (לאָס־אַנזשעלעס), שלמה זינשטיין (ניו־יאָרק) און קאָפּל מיזשעריצקי. (אַרגענטינע).

דערנאָך האָט די קאָנפֿערענץ אויסגעהערט באַריכטן און באַגריסונגען פֿון יוסף שנור (לאָס־אַנזשעלעס), רוזשקע פֿישמאַן־שניידמאַן (מאַלמע), מתתיהו האָרן (ישראל), אדאַם גאָלדמאַן (קאָפּענהאַגען), בראָניע וואַסערמאַן־עקהויז (מעלבורן) און טעשקע פֿאַרשטעטערקאַרמאַן (פּאַריז. דעם באַריכט ברענגען מיר אויף אַ צווייט אָרט). ס׳איז אויך פֿאָרגעקומען אַ קורצער מיינונג־אויסטויש, מיטן אָנטייל פֿון מאיר שילדקרויט, יוסף אכטמאַן און ברוך ראָזנבלום (אַלע פֿון ישראל), גיטעלע עדעלשטיין־שילדקרויט (פּאַריז), משה נאַכטיילער (דעטראָיט, וואָס האָט אויך איבערגעלייענט אַ רירנדיקן בריוו פֿון אַ חבר, געשריבן אין געטאָ לובלין, אין יאָר 1941, שלמה מושקאַטבליט (ליל) און יחזקאל פֿרייבערג (מאָנטרעאָל).

פּראָיעקטן, באַשלוסן און אויפֿגאַבן

דער שרייבער פֿון די שורות ברענגט פֿאַר דער קאָנפֿערענץ אַ רעזאָלוציע מיט פֿאָרשלאָגן בנוגע דער ווייטערדיקער טעטיקייט פֿון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפֿטן אין דער וועלט און אין ישראל, וואָס ווערט אָנגענומען איינשטימיק. די פֿאָרשלאָגן זענען טאַקע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַשלוסן, נאָר איצט שטייט די פֿראַגע: ווער, ווען און ווי אַזוי זיי וועלן רעאַליזירט ווערן.

באַשלוסן פֿון דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף פֿון לובלינער יידן, לכבוד דעם 35סטן יום העצמאות פֿון מדינת ישראל — פֿאָרגעקומען אין תל־אביב, פֿון 6 ביזן 21 אַפּריל 1983.

- **די אָנטיילנעמערס פֿונעם דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף פֿון לובלינער יידן, פֿון די לענדער און שטעט: ישראל, פֿראַנקרייך, דענעמאַרק, דייטשלאַנד, בעלגיע, פֿאַר. שטאַטן, קאַנאַדע און אַרגענטינע, שוועדן — באַגריסן די איניציאַטיוו פֿון ארגון יוצאי לובלין צונויפֿצורופֿן, צום דריטן מאָל, דעם צוזאַמענטרעף פֿון פֿאָרשטייער פֿון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפֿטן אין דער וועלט, כדי באַשליסן וועגן ווייטערדיקער טעטיקייט.**
- **די קאָנפֿערענץ באַדויערט, וואָס אַ טייל לאַנדסמאַנשאַפֿטן־אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו שיקן זייערע אָפֿיציעלע פֿאָרשטייער צו דער באַראַטונג.**
- **די קאָנפֿערענץ האַלט, אַז טראָץ דעם וואָס די אָרטיקע לאַנדסמאַנשאַפֿטן זענען אויטאָנאָם און סוּווערען אין זייערע באַשלוסן און אויפֿטוען, איז דאָך נייטיק אַ שטאַרקערע קאָאָרדינאַציע און צוזאַמענאַרבעט מיטן אירגון יוצאי לובלין בישראל, כדי פֿאַרייביקן אונדזער היימשטאָט אויף אַ בכבודיקן אופֿן, מיט אַ גרויסן פּראָיעקט, ווי עס פּאַסט פֿאַר דער עיר ואם בישראל, די יידישע לובלין. ביז איצט זענען פֿאַראַן אייניקע פֿאָרשלאָגן, ווי:**

• אַ פילם וועגן דער יידישער לובלין אין „בית התפוצות" אין תל־אביב • אַ צימער „לובלין", מיט געהעריקע עקספּאָנאַטן און בילדער אין קיבוץ לוחמי הגיטאות, צי אין קיבוץ יד מרדכי • ליטעראַטור־פּרעמיעס א. נ. פון די קדושי לובלין • שילער־סטיפּענדיעס אין ישראלדיקע שולן • אַרויסגעבן אַ מעמאָריאַל־בוך „לובלין" אין ענגליש און פראַנצויזיש • פאַרזיכערן אַ צאָל בעטלעך אין אַן עלטערן־היים אין ישראל • אויפשטעלן אַ לובלינער אַרכיוו אין יד ושם אין ירושלים און אין ייוואָ ניו־יאָרק.

די רעאַליזירונג פון איינעם אָדער מערער פּראָיעקטן, וועט באַהאַנדלט ווערן אויף דער ערשטער זיצונג פון וועלט־ראַט פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס וועט פאָרקומען אין מאַי 1984 אין תל־אביב.

• כדי געבן אַ המשך דער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער טעטיקייט, איז נייטיק צוציען יידישע שולן און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן אַדאַפּטירן די יידישע לובלין און זיך באַטייליקן אין אַלע אונטערנעמונגען פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, און גאַנץ באַזונדערס — אין די יזכור־אַקטן.

• שאַפן יוגנט־קרייזן ביי די לאַנדסמאַנשאַפטן, מיטן אָנטייל פון קינדער און אייניקלעך און פירן מיט זיי אַ טעטיקייט אין דער לאַנד־שפּראַך, לויט די לאָקאַלע מעגלעכקייטן און באַדינגונגען.

• אַדורכפירן די פאָרמעלע און יורידישע לעגאַליזאַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַלע לענדער, מיט אַ פּונקט אין סטאַטוט, אַז אין פאַל פון אויפלייזונג, גייט דאָס פאַרמעגן אַריבער אין רשות פון מדינת ישראל.

• די קאָנפערענץ באַגריסט דאָס רעגולערע דערשיינען פון „קול לובלין" אין משך פון 17 יאָר, און רופט די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט צו זיכערן, פינאַנסיעל און מיט מאַטעריאַלן, די ווייטערדיקע פּובליקאַציע פון דעם וויכטיקן זשורנאַל.

• די קאָנפערענץ באַגריסט די טוערס פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין די תפוצות פאַר זייער געבענטשטער טעטיקייט אויפן געביט פון פאַרייביקונג, סאָציאַלע הילף, קולטור־טעטיקייט און פאַר זייער שטיצן מדינת ישראל מאָראַליש, פּאָליטיש און פינאַנסיעל.

• די קאָנפערענץ האַלט פאַר נייטיק אויסצודריקן אַ באַזונדערן דאַנק און יישר־כוח פאַר משה און לובאַ קאָרן, וואָס זייער ברייטהאַרציקייט דערמעגלעכט דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, צוצוטיילן אַ באַדייטנדיקע סומע יעדן ערב פסח און ערב ראש־השנה ביי אַ 20 נויטבאַדערפטיקע לובלינער משפחות, ווי אויך פאַר איינזאַמע, קראַנקע און אַלטע בני־עיר. אַ באַזונדערע אָנערקענונג האָט זיך פאַרדינט דאָס פאָרפאָלק קאָרן פאַרן דערמעגלעכן הונדערטער לאַנדסלייט פון לאַנד און פון אויסלאַנד צו באַטייליקן זיך אינעם באַל לכבוד דעם 35סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל.

• די קאָנפערענץ באַשליסט אויסצוּווילן אַ וועלט־ראַט פון לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן, אין וועלכן ס'זאָלן זיין פאַרטראָטן לענדער און שטעט, ווו עס זענען טעטיק אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, אָדער ווו ס'איז פאַראַן אַ גרופּע יידן פון לובלין. די לאַנד־קאָמיטעטן וועלן שיקן זייערע פאָרשטייער אינעם וועלט־ראַט, וואָס וועט אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען אין ישראל איינמאָל אין יאָר, אין חודש מאַי.

• די קאָמיטעטן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין די תפוצות און אין ישראל דאַרפן סוגערירן געוויסע מיטגלידער זייערע, וואָס שרייבן צוואות ביים לעבן, אַז אויב זיי האָבן בדעה צו שענקען אַ טייל פון זייער ירושה פאַר אַ געוויסן צוועק, זאָל דאָס זיין פאַרבונדן מיט דער פאַרייביקונג פון זייערע קרובים און פון דער יידישער לובלין, אין מדינת ישראל.

דער יום־העצמאות־באַל אין האָטעל „פּלאַזאַ"

איבער 300 לובלינער יידן פון די תפוצות און פון ישראל, זענען אין מוצאי יום העצמאות זיך צונויפגעקומען אין תל־אביבער האָטעל „פּלאַזאַ", כדי פייערן אויף אַן אימפּאָזאַנטן אופן דעם 35סטן טאָג פון יידישער זעלבשטענדיקייט, אויף דער פאַרבעטונג פון אונדזערע בני־עיר, לובאַ און משה קאָרן.

ס'איז טאַקע געווען ששון ושמחה. פון אַלעמענס פּנימער האָט אַראָפּגעלויכטן פרייד, באַפרידיקונג און הנאה פון אַ צונויפטרעף מיט איבער 50 לובלינער יידן פון אויסלאַנד. אַ סך האָבן זיך באַגעגנט נאָך לאַנגע יאָרן צעשיידונג נאָך אין דער אַלטער היים, און טייל־מאָל — מיט אומוויסן צי דער מענטש לעבט בכלל...

די אַלע געפילן און איבערלעבונגען האָט געבראַכט צום אויסדרוק דוד שטאָקפיש אין זיין באַגריסונג צו די געסט:

די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל באַגריסט די בני־העיר פון לאַנד און אויסלאַנד מיט אַ „ברוכים הבאים" צום יום העצמאות באַל. די אָפּגעלאָפענע 35 יאָר יידישע מדינה, איז אַ וווּנדערלעכע עפּאָפּייע פון געוואַלטיקע דערגרייכונגען און העראָישע ראַנגלענישן מיטן אויפנעמען איבער אַנדערהאַלבן מיליאָן עולים פון 102 לענדער; פון העלדישן ווידערשטאַנד און אויסדויער אויף די שלאַכטפעלדער פון פינף מלחמות און טעראָר; פון אויפשטעלן אַן אינדוסטריע און אַנטוויקלען אַ לאַנדווירטשאַפט, פון די פאָרגעשריטנסטע אין דער וועלט; פון פלעגן און אַנטוויקלען נאַציאָנאַלן שטאָלץ און אידענטיפיצירונג מיט דער מדינה ביי אונדזערע יידן אין די תפוצות.

אינעם בנין הארץ, ביז דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, ווי אין משך פון די 35 יאָר זעלבשטענדיקייט, פאַרנעמען לובלינער יידן אַ גאָר בכבודיק אָרט, פּונקט ווי אונדזערע לאַנדסלייט אין דער וועלט גיבן זייער וואָגיקן ביישטייער פאַרן מגבית, באָנדס, מגן דוד אדום, קרן משפחות, הסתדרות און אַנדערע שפּענדונגען. דער איצטיקער צונויפקום פון לאַנדסלייט פון ישראל און פון דער וועלט, דעמאָנסטרירט דאָס אויפן בעסטן אופן.

ביי דער געלעגנהייט און מעמד, דערלויבט מיר איייניקע ווערטער אויפן אַדרעס פון די, וואָס האָבן דערמעגלעכט דעם איצטיקן, יום־טובדיקן אָוונט. איך מיין דאָ לובאָ און משה קאָרן. אַ סברה, אַז משה האַלט שטאַרק פונעם פאָלקסווערטל, אַז „אויב גאָט האָט פרנסה געגעבן — זאָל מען אויך אַנדערע לאָזן לעבן". הלוואי אויף אַלע לובלינער גבירים געזאָגט, ווייל אונדזער גאָסטגעבער גיט מיטן שעפל — נישט מיטן לעפל. ווייזט אויס, אַז איטלעכער עושר, האָט זיך זיין יושר. און דער יושר זייַנער נעמט אַרום

בנשף העצמאות במלון „פלזה" בתל־אביב, אפריל 1983.

ברייטהאַרציקע שטיצע פאַר די צה״ל־אינוואַלידן, פאַר יידישע שרייבערס און קולטור־אינסטיטוציעס, פאַר נויט־באַדערפטיקע לובלינער יידן און נאָך און נאָך, וואָס אונטערליגט שוין דער קאַטעגאָריע פון מתן בסתר. ווען מיר לובאַן און משה׳ן באַערן שפּעטער מיט אַ באַשיידענעם אָנדענק פאַר זייערע מעשים טובים״.

די קאַסירערס פון דריי לאַנדסמאַנשאַפטן: יוסף ראָכמאַן פון ישראל, מישאַ עקהאַוס פון מעלבורן און ניומעק פערלמוטער פון פראַנקרייך, דערלאַנגען משה קאָרן אַ פּלאַנק מיט אַ געהעריקער אויפשריפט.
אין זיין ענטפער אויף דעם אַלעם, האָט משה קאָרן, מיט אַ סך גערירטקייט און געפיל, געזאָגט אַט־וואָס:

טייערע לאַנדסלייט, חשובע געסט, שוועסטער און ברי־דער פון לובלין!

פאַר מיין פרוי און פאַר מיר איז אַ גרויסער כבוד און פאַרגעניגן מקיים צו זיין די מצווה פון הכנסת־אורחים לכבוד אַזאַ נאַציאָנאַלער און היסטאָרישער דאַטע וואָס הייסט 35 יאָר מדינת ישראל. איך מיין, אַז נאָר אונדזער דור, יידן פון דער אַלטער היים וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט דעם לאַנגן יסורים־וועג פון אונטערדריקונג, מלחמות און די שואה — זענען מסוגל ווי געהעריק צו דערשאַצן און באַגרייפן דעם טיפן זין און באַדייטונג פון הייַנטיקן יום העצמאות, ווען מיר פייערן אין דער אויפגעריכטער יידישער מדינה.

איך דערמאָן זיך די סדר־נעכט ביי מיין טאַטן אין שטוב, רעב בינעמל קאָצקער עליו השלום, אויף דער שעראַקע גאַס. מיט וויפל געפיל, אמונה און אויפריכטיקער כוונה ער פלעגט אַרויסזאָגן דעם פסוק „לשנה הבא בירו־שלים״. אָבער זיי, אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, האָבן צו דעם נישט זוכה געווען. אויב אונדז האָט יאָ אָפּגעגליקט, אויב מיר האָבן יאָ זוכה געווען צום 35סטן יום העצמאות, ווען אין ירושלים און אין תל־אביב, אין חיפה און באר־שבע פלאַטערן די בלוי־ווייסע פענער ווי דער סימבאָל פון זעלבשטענדיקער יידישער מלוכהשקייט — דאַרפן אויך מיר, יי״ן פון דער אַמאָליקער שעראַקע און לובאַרטאָווסקע, קאָוואַלסקי און קראָוויעצקי, זיך משמח זיין פון גאַנצן האַרצן. נעמט דעריבער צו אונדזער האַרציקע באַגריסונג און טראַדיציאָנעלע ישראלדיקע ברכה: ח ג ש מ ח!

מיין פרוי ליבעלע און איך זענען טאַקע די גאַסט־געבערס אויף דעם איצטיקן, יום־טובדיקן צוזאַמענטרעף, נאָר צונויפברענגען, קיין עין־הרע, אַזאַ גרויסן, בכבודיקן עולם לובלינער יידן פון ישראל און פון פראַנקרייך, פון אַמעריקע און קאַנאַדע, פון אַרגענטינע און דייטשלאַנד, פון שוועדן און דענעמאַרק — איז צו פאַרדאַנקען דעם אירגון יוצאי לובלין, וואָס מעג זיין שטאָלץ מיט זיינע אויפטוען און דערגרייכונגען. זייער אופן פון פאַרייביקן אונדזערע קדושים, ווי די זאָרג פאַר לעבעדיקע, האָט זיך פאַרדינט אָנערקענונג.

ליבע פריינד! אונדזער פאַרלאַנג און בקשה צו אייך: פילט זיך גוט, ווי אויף אַן אַמאָליקער לובלינער שמחה. איך האָב אַ ווונטש צו אונדז אַלע — ווידער אַמאָל זיך טרעפן אויף אַזאַ יום־טוב, אין 5 יאָר אַרום, לכבוד דעם פערציקסטן יום־העצמאות. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער ווונטש, איז אויך אַ פאַרפליכטונג פאַר מיר. לאָמיר האָפן, אַז דאָס אויסגעשטעלטע וועקסל וועט נישט גיין צום פּראָ־טעסט... זייט זיך משמח, יידן, ס׳איז היינט אַ גרויסער יום־טוב — און זאָל תמיד הערשן יום־טובדיקייט אין אונדזערע היימען.

אויפן יום־העצמאות־באַל אין האָטעל „פּלאַזאַ״ אין תל־אביב, אַפּריל 1983.

teatrnn.pl

בנשף העצמאות במלון "פלזה"

ס׳איז אַ טעות צו מיינען, אַז דער יום העצמאות־באַל איז באַשטאַנען פון רעדעס און באַגריסונגען. פאַרקערט, אויסער די צוויי דערמאָנטע אַרויסטרעטונגען — זענען מער קיין רעדעס נישט געווען. דערפאַר אָבער האָט דער בופעט ממש זיך געבראָכן פון דער שפע מאכלים, געטראַנקען, סאַלאַטן, זיסוואַרג — כיד המלך. אַז דער עולם איז שוין געווען עטוואָס געזעטיקט פון די פריידיקע באַגעגענישן און פונעם טועם זיין, האָט זיך אָנגעהויבן די צערעמאָניע פון אָנצינדן 35 ליכט לכבוד 35 יאָר מדינת ישראל, מיט אַ ליכט נומער 36 — ווי „אַ קאָנטע" אויף נאָך אַ יאָר.

דער פּאָרזיצער נעמט אויסרופן, לויטן א״ב, פּאָרלעך און יחידים, קודם כל פון די תפוצות, זיי זאָלן אָנצינדן די ליכט. פון דער ווייטערדיקער רשימה וועט איר טאַקע זען ווער און פונוואַנען האָט זיך באַטייליקט אינעם יום־העצמאות באַל:

1. גאָלדמאַן אסתר און אַדאַם, קאָפּענהאַגען;
2. גורפינקעל בלומאַ און נחמן, דיסעלדאָרף;
3. געלפאַנד דזשאַ, לאָנדאָן;
4. גורפינקעל פאני און זשאַרזש, פּאַריז;
5. גאָלדגרוב עטקע און שמואל, ניו־יאָרק;
6. גאָזשיטשאַנסקי לייבל, פּאַריז;
7. געבראַוויטש אידאַ, פּאַריז,
8. האָלצהעקער־בראַוער, מאָנטרעאָל;
9. זשעלאַזאַ מאַטיס און פאַלין זיס, פּאַריז;
10. זיגלשיפער־גלאַנדאַל גיטא און ראובן, שטאָקהאָלם;
11. טרייסטמאַן בלומאַ און מאָטל, מעלבורן;
12. מאַנדעלטראַוב צבי, שטאָקהאָלם;
13. מושקאַטבליט פעסעלע און שלמה, ליל;
14. מאַסטער העלאַ, מינכען;
15. מאָדעל שלמה, פלאָרידאַ;
16. נאַכטיילער משה, דעטראָיט;
17. עדעלשטיין גיטעלע און יידל, פּאַריז;
18. עקהאַוס בראָניע און מישאַ, מעלבורן;
19. פאַרשטעטער טעשקע און שולשטיין מילקע, פּאַריז;
20. פראַסט, קעלן;
21. פינקעלמאַן לאה און ברוך, באַמבערג;
22. פרייבערג שרה און יחזקאל, מאָנטרעאָל;
23. פישמאַן און פרוי, לאָס־אַנזשעלעס;
24. פערשטענזאַנג סוזאַן און אנרי, פּאַריז;
26. קאַרפענשיף און פרוי, ליאָן;
27. ראָבין דזשודי און יוסף, ניו־יאָרק;
28. ראָטשטיין דינעלע און אברהם, פּאַריז;
29. ראָזנבלום רחל און משה, פּאַריז;
30. שניידמאַן רוזשקע, געטעבאָרג;
31. שפירא געניע און שמואל, פּאַריז;
32. שעדלעצקי רבקה און גדליהו, פּאַריז;
33. שיפמאַן לעאָן, פּאַריז;
34. שנור פּאַיאַ און יוסף, לאָס־אַנזשעלעס.

מיטן 35סטן ליכט האָט מען מכבד געווען לובאַ און משה קאָרן. זייער אָנצינדן דאָס ליכט איז געוואָרן באַגלייט מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן און האַנט־דרוקן מיט קושן פון אַ סך אָנוועזנדיקע. דערנאָך האָט משה קאָרן אויסגערופן, אַז דאָס 36סטע ליכט, אויף איבער־אַיאָר, דאַרפן אָנצינדן רבקהלע און דוד שטאָקפיש.

דער פּאָרזיצער באַגריסט האַרציק און באַדאַנקט מיט אַ יישר־כוח אונדזער בן־עיר, דעם באַגאַבטן מאָלער

צבי גאָלדשטיין, וואָס האָט פון זיין רייכער גאַלעריע געשאָנקען פאַר דער לאַנדסמאַנשאַפט 2 הערלעכע בילדער פון פאַרמלחמהדיקן לובלינער שטייגער, וואָס זענען טאַקע אויסגעפּלעט געוואָרן פאַר באַדייטנדיקע סומען. מיט דער אויספּלעטונג האָבן אָנגעפירט: מתתיהו האָרן, גיטעלע עדעלשטיין, מאַרעק אַרטמאַן.

ביז 12 ביינאַכט האָט דער עולם געטאַנצט, זיך פאַרוויילט און ביים אָפּוועקגיין האָבן אַלע אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַרקייט פאַר לובאַ און משה קאָרן, וועמענס ברייטהאַרציקייט און הכנסת־אורחים האָט דערמעגלעכט אַזאַ אינטערעסאַנטן, עמאָציאָנעלן אָוונט. אַלעמענס ווּנטש איז געווען: אין 5 יאָר אַרום — ווידער אַזאַ באַל און צוזאַמענטרעף.

אויספלוג אין גליל און באַזוך אין דער גימנאַזיע א. נ. לעאָ בעק אין חיפה

דאָנערשטיק, דעם 21סטן אַפּריל, 8.30 פרי, איז פון „הבימה"־פּלאַץ אין תל־אביב אָפּגעפאָרן אַ פולער אויטאָקאַר מיט לובלינער יידן פון לאַנד און פון אויסלאַנד, כדי באַזוכן דעם קיבוץ לוחמי הגיטאות און דעם מוזעאום, ווי אויך זיך באַטייליקן אין דער סטיפּענדיע־פאַרטיילונג פאַר שילערס אין דער גימנאַזיע א. נ. פון לעאָ בעק, וועלכע האָט אַדאָפּטירט די לובלינער יידישע קהילה.

פאַר די געסט פון אויסלאַנד, ווי פון ישראל, איז געווען אַן אָנגענעמע איבעראַשונג, די האַרציקע אויפנאַמע פון דער שול־לייטערין און אַ טייל פון לערער־פערסאָנאַל. ביים אַריינגאַנג איז אויך פאַראַן אַ באַשיידן „לובלינער ווינקל", מיט עטלעכע בילדער פון דער אַלטער היים. ס'איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז נאָך מיט 12 יאָר צוריק, האָט די שול אַרויסגעגעבן אַ בראָשור פון 32 זייטן „קהילת לובלין" (דפי הנצחה), מיט אַרטיקלען פון די תלמידים און בילדער פון דער אַלטער היים און פונעם אָנטייל פון די שילערס אין אונדזערע אזכרה־פייערונגען אין תל־אביב.

נאָך אַ לייכטן כיבוד, איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף פון אונדזערע לאַנדסלייט מיט אַ גרופּע שילערינס און שילערס, נייע עולים פון פאַרשידענע לענדער, וואָס האָבן אונדז דערציילט, בקיצור, ווען און פונוואַנען זיי זענען געקומען און אויך זייערע פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. די געסט האָבן געשטעלט פראַגן און אויף אַלץ באַקומען אויספירלעכע ענטפערס.

מיר האָבן אויך באַזוכט די איינריכטונגען, לאַבאָראַטאָריע און ספּאָרט־זאַל. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף אונדז געמאַכט דער בית־הכנסת (די לעאָ בעק גימנאַזיע איז אָנגעשלאָסן אין דער וועלט־באַוועגונג פון רעפאָרם־יידנטום), ווו מיר האָבן געהערט אַן אַל־זייטיקע אינפאָרמאַציע פון דער מיטלשול, וועלכע האָט נאָך מיט 15 יאָר צוריק אַדאָפּטירט די לובלינער יידישע קהילה.

נאָכן באַזוך אין דער שול, זענען מיר אָפּגעפאָרן אין קיבוץ א. נ. פון די געטאָ־קעמפערס, ווו ס'געפינט זיך דער מוזעאום פאַר פאַרייביקונג א. נ. פון דעם דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן. די פרוי סאַפּירשטיין פון לובלין, אַ חברטע אין קיבוץ מיט איר מאַן שוין אַ סך יאָרן, האָט אונדז געוויזן די קיבוצישע ווירטשאַפט און דעם מוזעאום, וואָס שטעלט פאַר דעם אומקום און גבורה.

פאַרנאַכט, הגם מידע, אָבער צופרידענע פון די באַזוכן, האָט דער עולם זיך אומגעקערט קיין תל־אביב. די חברים האָרן און שטאָקפיש האָבן אין האַרציקע ווערטער זיך געזעגנט מיט די געסט פון אויסלאַנד און אַלעמענס ווּנטש איז געווען, אַז מ'זאָל זיך ווידער טרעפן, אין 5 יאָר אַרום, אויפן פערטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון לובלינער יידן.

בילדער פון יום העצמאות באַל אין "פלאַזאַ"

די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך

טעשקע קאַרמאַן=פאַרשטעטער

(פונעם באַריכט אויף דעם דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף)

איך ברענג אייך אַ האַרציקן גרוס פון דער לובלינער משפחה אין פאַריז — פון די 145 מיטגלידער פון דער געז. „פאַראייניקטע קינדער פון לובלין״ און פון אַלע קאָמיטעט־מיטגלידער.

יעדער נומער פון „קול לובלין״, ווערט אויפגענומען אין פאַריז מיט גרויס אינטערעס. מיר דערוואַרטן מיט אומגעדולד דעם נומער 18 (ח״י — צום לעבן), אין וועלכן ס׳וועט אַוודאי זיין אָפּגעדרוקט אַ באַריכט פון 3טן וועלט־צוזאַמענטרעף.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון וועגן די פינאַנסיעלע שוועריקייטן ביים אַרויסגעבן אַזאַ ווערטפולע צייטשריפט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז ס׳זענען אונטערגעגאַנגען יידישע צייטונגען, אַז דער „פאָרווערטס״ איז פון אַ טאָג־צייטונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכן־שריפט. איז צו באַוווּנדערן וואָס דער „אירגון יוצאי לובלין בישראל״ האָט דעם מוט און עקשנות אויפצוהאַלטן דעם „קול לובלין״ און נישט דערלאָזן אַז איר שטימע זאָל פאַרשטומט ווערן. כ׳מיין, אַז דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס דער פאַרדינסט פון אונדזער ליבן חבר דוד שטאָקפיש, וואָס רעדאַגירט דעם זשורנאַל, גיט אַוועק צייט און מי און מיט זיין שרייבערישן טאַלאַנט האָט ער פאַרוואַנדלט דעם „קול לובלין אין אַ וויכטיקע פּאָזיציע אינעם פּרעסע־וועזן.

שטעלט זיך די פראַגע: וואָס דאַרפן מיר, וואָס קאָנען מיר טאָן, כד צו פאַרזיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דעם זשורנאַל? מיר דאַרפן פאַרשטאַרקן אונדזער מאַטעריעלע הילף, שיקן רעגולער באַריכטן פון אונדזער טעטיקייט, און ווער ס׳קאָן שרייבן — זאָל צושיקן זכרונות פון דער אַלטער היים און פון דער טרויעריקער היטלער־תקופה.

צו דעם היינטיקן וועלט־צוזאַמענטרעף זענען געקומען פון פאַריז 17 לאַנדסלייט. פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל אָנטיילנעמער פון די אַנדערע לענדער (50 מאַן), איז אונדזער גרופּע די צאָלרייכסטע. נאָר אין פאַרגלייך מיט 5 יאָר צוריק, זענען מיר בלויז אַ העלפט פון דער צאָל.

ס׳פעלן היינט צווישן אונדז די פרעזידענטין, די „מאַמע פון לובלין״ שרהלע גאָלדאַדלער, יאַנקל גאָלדבוים, פון די גרינדער פון אונדזער געזעלשאַפט. ס׳פעלט אויך דער טאַלאַנטפולער פּאָעט משה שולשטיין, וועמענס פּלוצלינגדיקער טויט אין אָקטאָבער 1981 האָט איינגעהילט אין טיפן טרויער זיין מוטיקע און צאַרטע לעבנס־באַגלייטערין מילקע, וואָס געפינט זיך היינט אין ישראל.

פאַרן יאָר 1983, האָבן מיר זיך געשטעלט נאָך אַ העכערן ציל, נעמענדיק אין אַכט די פאַרגרעסערטע באַדערפענישן פון ישראל אין שייכות מיט דער לבנון־מלחמה. די עסקנים פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט זענען פאַרטראָטן אין אַלע צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, אין דער פאָלקס־אַקציע פאַר ישראל און דער אָנפירונג פון דער „פעדעראַציע״ און „פאַרבאַנד״ פון יידישע געזעלשאַפטן.

הגם די יאָרן לויפן, אָבער מיר זענען שטענדיק יונגע, ווייל מיר זענען אַקטיוו. מיר באַטייליקן זיך אין אַלע שמחות פון אונדזערע לאַנדסלייט און פאַרלאָזן זיי נישט אין מאָמענט פון טרויער.

דער געבאָט פון טאָג איז צוציען כאָטש טיילווייז דעם יונגן דור, כדי ס׳זאָל זיין אַ המשך פון אונדזער יחוסדיקער שטאָט לובלין.

אויף דעם געביט איז אונדז בלויז געלונגען אַריינצוציען אין דער סאָסיעטע אַלס מיטגלידער אַ פּאָר געציילטע יונגע מענטשן:

די צוויי זין פון שרהלע גאָלדאַדלער, די צוויי טעכטער פון יאַנקל און באַלטשע גאָלדבוים, וואָס ווילן, אַז די נעמען זייערע זאָלן נישט אויסגעמעקט ווערן פון דער רשימה פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. אויף דער איניציאַטיוו פון אונדזערע אַקטיווע טוער, ראשל און משה ראָזנבלום, האָט זיך איינגעשריבן זייער זון. אפשר וועלן אַנדערע נאָכטאָן דעם ביישפּיל. עס פאַרבלייבט אַן ערנסטער פּראָבלעם פאַר אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן — פאַראינטערעסירן די יוגנט און זיי אַקטיוויזירן.

כ׳וויל באַנייען מיין פאָרשלאַג, אַז דער 4טער וועלט־צוזאַמענטרעף זאָל פאָרקומען אין 3 יאָר אַרום, ווייל מיר עלטערן זיך און טאָרן נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער אַזעלכע ענינים.

צום סוף: דערלויבט מיר אין נאָמען פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט, אויסצודריקן אָנערקענונג די אָרגאַניזאַטאָרן פון 3טן וועלט־צוזאַמענטרעף, אַלע אָן אויסנאָם מיטגלידער פון קאָמיטעט פון „אירגון יוצאי לובלין בישראל״, פאַר דער האַרציקער אויפנאַמע און זאָרג מיט וועלכער זיי רינגלען אונדז אַרום. אַ האַרציקן דאַנק פאַר דער וווּנדערלעכער אויפנאַמע אין דער היים פון רבקהלע און דוד שטאָקפיש.

ס׳פאַרבלייבט מיר בלויז זיך און אייך אַלע צו ווינטשן, געזונטערהייט, אין זעלבן צוזאַמענשטעל, זיך טרעפן אויפן 4טן וועלט־צוזאַמענטרעף.

דערלויבט מיר ביי דער געלעגנהייט צו באַגריסן פון גאַנצן האַרצן, אין נאָמען פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט, דעם טייערן חבר דוד שטאָקפיש צו דערשיינען פון זיין בוך „אין גאַנג פון געשעענישן״, ווי אויך אונדזער בת־עיר — רוזשקע פישמאַן־שניידמאַן פון שוועדן, צו דערשיינען פון איר בוך „מיין לובלין״.

אונדזער סאָסייעטע אין פאַריז האַלט פאַר איר הייליקן חוב צו פאַרשפּרייטן די דערמאָנטע ביכער, וואָס באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור און ברענגען כבוד אונדזער שטאָט לובלין.

אין יאָר 1980 איז ענדלעך געקומען צו דער פאַראייניקונג פון דער לובלינער משפחה אין פאַריז, אונטערן נאָמען „פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט״. ס׳איז אָפּגעשאַפן געוואָרן די מחיצה, וואָס האָט אונדז צעטיילט.

אַ שאָד, וואָס ס׳איז נישטאָ מער דער טייערער ייד, געוועזענער פאָרזיצער פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אלתר זאָבערמאַן, וואָס האָט נישט דערלעבט די רעאַליזירונג פון זיין טרוים — די אָרגאַנישע פאַראייניקונג פוןביידע געזעלשאַפטן.

זייט דאַן זענען די „פאַראייניקטע קינדער פון לובלין״ אויסגעוואַקסן צו אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר אין פאַריזער יידישן ישוב.

די יום־טובים, באַנקעטן, פייערונגען, וואָס די לובלינער אָרדענען איין, האָבן אַ גוטן שם. אונדזער לעצטער פּורים־יום־טוב איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון פאָדערן צו משפט איינעם פון די היינטצייטיקע המנ׳ס, דעם געסטאַפּאָ־שעף אין ליאָן, דעם קצב פון ליאָן — קלאַוס באַרבי, דעם נאַצישן קריגס־פאַרברעכער.

יעדעס יאָר אין נאָוועמבער, אָרדענען מיר איין אַ יזכור־פייערונג און באַמיען זיך אַרויסצוברענגען די רייכע, פיל דורותדיקע געשיכטע פון יידישן לובלין. די גבורה און מאַטיראָלאָגיע פון אירע זין און טעכטער בעת דער היטלער־אָקופּאַציע.

אַן אָנגעזען אָרט אין אונדזער טעטיקייט פאַרנעמט די סאָלידאַריטעט מיט מדינת ישראל פאַר איר קיום און אַנטוויקלונג. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט באַטייליקן מיר זיך אין די זאַמלונגען פאַרן „אַפּעל אוניפיע״, באַנדס און פלאַנצן ביימער. די „פאַראייניקטע קינדער פון לובלין״ געפינט זיך אויף דער ערן־ליסטע פון די פאַריזער סאָסיעטעס.

פאַרן יאָר 1982 האָבן מיר געזאַמלט אַ 17 טויזנט דאָלאַר.

בײַ אונדזערע לאַנדסלײַט אין פּאַריז

משה זאַלצמאַן

דער אָנהײב פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן סעזאָן

אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק גרויסע צאָל מענטשן, איז געקומען צו דער ערשטער פֿאַרזאַמלונג נאָך די גרויסע וואַקאַנסן.

נאָכן אָנפֿרײען זיך אײנער מיטן צווײטן און טועם זײַן פֿון דעם שײנעם כּיבוד, וואָס די אונטערנעמונג־קאָמיסיע, משהלע ראָזענבלום און דינהלע ראַטשטײן, האָבן צוגעגרײט, מיט דער מיטהילף פֿון די קאָמיטעט־מיטגלידער גיטעלע עדעלשטײן, טעשקע פֿאַרשטעטער, חוה׳טשע לאַבערבלאַט און אַנדערע, ווערט די פֿאַרזאַמלונג געעפֿנט פֿון פֿאַרזיצער שמואל שאַפּירא, וואָס דערמאָנט די שווערע שטימונג, וואָס אַלע האָבן איבערגעלעבט אין די לעצטע וואַקאַנס־חדשים פֿון דער אַנטי־ישׂראל און אַנטי־ייִדישער פּראָפּאַגאַנדע אין פֿראַנקרײַך — פֿון דער גאַנצער פּרעסע, פֿון רעכטס ביז לינקס, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ישׂראל־אַקציע אין לבנון פֿאַרן שלום אין גליל.

מיר, די אמתע פֿאַרבינדעטע מיט מדינת ישׂראל, דאַרפֿן און מוזן געדענקען, אַז אויסער קרבנות, דאַרף אויך די ישׂראל־באַפֿעלקערונג אויסטראָגן די שווערע פֿינאַנסיעלע פֿאַרלוסטן, וואָס די מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט — און דאָס פֿאַרפֿליכטעט אונדז צו פֿאַרשטאַרקן אונדזער הילף פֿאַר דער מדינה. ער ווענדעט זיך צו אַלע מיטגלידער און נישט־מיטגלידער, זײ זאָלן אַרײַנטראָגן זײערע באַשטײַערונגען.

דער שרײַבער פֿון די שורות גיט איבער אַ קורצן באַריכט פֿון דער טעטיקייט פֿאַרן לעצטן יאָר און די נאָענטסטע אויפֿגאַבן. ער דערמאָנט די מיטגלידער, וואָס זענען אין לעצטן יאָר אַוועק אין דער אײביקייט: שײנמאַן, קרעזאַל, שאַפּירא, ווײַסבראָד, דר. שטײן, דער גרינדער און ערן־פֿאַרזיצער פֿון דער לאַנדסמאַנשאַפֿט זשאַק גאָלדבוים און דעם גרויסן ייִדישן פּאָעט משה שולשטײן, דער מחבר פֿון „בײַם פּנקס פֿון לובלין״. און „איך האָב געזען אַ באַרג מיט שיך אין מײַדאַנעק״.

דער באַשטאַנד פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט בײַם הײַנטיקן טאָג, איז כּמעט 200. ווען אַפֿילו 70 — 80 פּראָצענט פֿון די מיטגלידער וואָלטן זיך אַקטיוו באַטײליקט אין אַלע אַקטיוויטעטן פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָלטן מיר געקענט פֿאַרצײכענען אַ סך גרעסערע דערפֿאָלגן, אָבער, לײדער, איז דאָס בלויז אַ ווונטש.

יעדער ייִד דאַרף און מוז אויספֿירן די ערשטע מצווה — באַשטײַערן זיך פֿאַר ישׂראל, וואָס העלפֿט גלײַכצײַטיק אויפֿצוהאַלטן די סאָציאַלע אינסטיטוציעס אין פֿאַריזער ייִדישן ישוב. ביז צו דער פֿאַרזאַמלונג, האָבן בלויז 50 פּראָצענט פֿון אונדזערע מיטגלידער אויסגעפֿילט זײער הײליקן חוב.

הײַ־יאָר האָבן 5 פּאָרלעך, קינדער פֿון מיטגלידער, זיך אָנגעשלאָסן אין דער געזעלשאַפֿט, עס דאַרף ווערן די אַמביציע פֿון יעדן, אַז זײערע עלטערע קינדער זאָלן פֿאַרזיכערן דעם המשך פֿון דער געזעלשאַפֿט.

עס איז אַדאָפּטירט געוואָרן די צוגאָב־זאַמלונג, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט 12 טויזנט נײַע פֿראַנק. צוזאַמען מיט די פֿריערדיקע זאַמלונגען, האָבן מיר דערגרײכט הײַ־יאָר 11 מיליאָן אַלטע פֿראַנק. אַ יישר־כּוח די מנדבים און די אַקטיווע זאַמלער שמואל שאַפּירא, טעשקע קאַרמאַן און גאַר באַזונדערס — פֿײגעלע זאַבערמאַן, וועלכע האָט באַזוכט אַ רײ מנדבים און געשאַפֿן בײַ אַ דרײַ מיליאָן אַלטע פֿראַנק.

40סטע יאָרצײַט נאָכן אומקום פֿון די ייִדן אין לובלין

מיט יראת הכּבֿוד זענען די לובלינער ייִדן אין פּאַריז געקומען אין מעמאָריאַל־זאַל פֿון אומבאַקאַנטן ייִדישן מאַרטירער, אָפּצוצײכענען די טרויעריקע יאָרצײַט־דאַטע פֿון פֿאַרפֿײניקן עטלעכע פֿערציק טויזנט לובלינער ייִדן, און די הונדערטער טויזנטער פֿון שטעט און לענדער, ווו די פֿאַשיסטיש־דײַטשע נאַציסטישע בעסטיעס האָבן דערגרײכט און זײ פֿאַרשלעפּט אין דעם טויט־לאַגער פֿון לובלין — מײַדאַנעק.

נאָכן באַערן מיט אַ מינוט שטילשווײַגן די לעצטע ישׂראל־קרבנות אין לבנון, זענען אָנגעצונדן געוואָרן די זעקס ליכט. דער חזן לעווין האָט אָפּגעריכט די געהעריקע תּפֿילות.

דער שרײַבער פֿון די שורות דערמאָנט די שטעט און שטעטלעך אַרום לובלין, וואָס האָבן אַרומגענומען העכער 250.000 ייִדן, מיט שטעט וואָס האָבן געהאַט אַ ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון 28.000 ווי כעלם, 15.000 — מײַן געבורטשטאָט זאַמאָשטש, הרוביעשאָוו, בילגאָרײַ, קראַסניסטאַוו, איזשביצע, טישעוויץ אאַנ״ד. אַט די אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן שוין נישט אין פּאַריז אַ מנין ייִדן, וועלכע זאָלן קאָנען דערמאָנען זײערע טרויעריקע יאָרצײַטן. ווען מיר דערמאָנען מיט כּבֿוד די 40סטע יאָרצײַט, שטײען פֿאַר אונדזערע אויגן די נאָך צאַפּלדיקע קרבנות פֿון אונדזערע טײַערע ישׂראל־קינדער, וואָס זענען געפֿאַלן אין די לעצטע חדשים זינט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה פֿון „שלום הגליל״.

מיר דערמאָנען די לובלינער ייִדן וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פֿון פֿראַנקרײַך, בעלגיע און האָבן געטײלט דעם ענלעכן פֿינצטערן גורל פֿון אומקום. מיט אַ באַזונדערן פֿאַרכטיקן ציטער דערמאָנען מיר די, וואָס האָבן אָנטײל גענומען אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין לובלין גופֿא, דורך פֿאַרשידענע פֿאָרמען פֿון אָרגאַניזירן די געהײמע בילדונג, צו 10 קינדער אין פּריוואַטע שטובן, דורך די 120 לערער וואָס האָבן זיך געפֿונען אין לובלין. העכער 10.000 קינדער און יוגנטלעכע האָבן געלערנט אין די שולן, גימנאַזיעס, חדרים, ישיבֿות — און אַט די קינדער זענען געווען צווישן די ערשטע קרבנות דערמאָרדעט צו ווערן.

מרדכי לערמאַן, גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פֿעדעראַציע, דערצײלט פֿון זײַן געבוירן־שטאָט לובלין, וואָס אַלס קינד האָט ער איבערגעלעבט אַ פּאָגראָם. אָבער די ייִדישע שטאָט האָט מיט פֿאַרביסנקײט און עקשנות געקעמפֿט, געבלוטיקט פֿאַר מענטשלעכע, ייִדישע ווערטן. אין אַט דער הײליקער, ייִדישער סבֿיבֿה זענען מיר געבוירן געוואָרן און געוואַקסן, ווו דער קאַמף פֿאַר דער טאָג־טעגלעכער חיונה איז בײַ דעם ווײַט גרעסטן טײל פֿון דער באַפֿעלקערונג געווען ממש קריעת ים־סוף, וואָס האָט אָבער נישט געשטערט, עס זאָלן זיך פֿונאַנדערבליִען און זײַן טעטיק אָרגאַניזאַציעס, פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײנען, ספּאָרט־קלובן, ציוניסטישע, בונדישע באַוועגונגען, ווי אויך רעליגיעזע. אַלע זענען זײ געווען אָנגעפֿילט מיט גלויבן, ערלעכקײט, מענטשלעכקײט און פֿעלקער־פֿאַרברידערונג.

אין 1963 האָב איך באַזוכט די שטאָט, איז זי פֿאַר מיר געווען אַ פֿרעמדע. לובלין, אַלס געאָגראַפֿישער פּונקט, איז פֿאַר אונדז ייִדן אויסגעמעקט, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדריקט אונדזער גרויסער בן־עיר, דער פּאָעט יעקב גלאַטשטײן: „מען שלאָגט שינדלעך, מען לײגט דעכער, מען פֿאַרריכט און מען פֿאַרניצעוועט אָן אַלטע, פֿאַסקודנע וועלט. אָבער מײַן הײליקע שטאָט, די שטאָט פֿון מײַן וועלט, וועט קײנמאָל נישט צוריקגעבויט ווערן״.

אונדז פֿאַראײניקט די פֿאַרגאַנגענהײט און די צוקונפֿט — אַ דאַנק דער אַנטשטײיאונג פֿון מדינת ישׂראל, וואָס די שארית הפּליטה, און צווישן זײ די הונדערטער לובלינער ייִדן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און מיט שווײס און בלוט אויפֿגעבויט און בויען די מדינה, טראָגן די אָנגעוואָרפֿענע מל־

חמות און טעראָר־אַקטן פון די אַראַבישע שכנים.

רוזשקע לערמאַן לייענט מיט אַ סך געפיל אַ פּאָעמע (אין דער פוילישער שפּראַך) וועגן לובלין, וואָס זי האָט אָנגעשריבן. טעשקע פאָרשטעטער־קאָרמאַן לייענט אַן אויסצוג פון „ביים פנקס פון לובלין" פון דיכטער משה שולשטיין ז"ל.

דער יערלעכער חנוכה־באַנקעט

וואָס אַ יאָר ווערט גרעסר דער ציטער און זאָרג ביי די אָנפירער פון דער געזעלשאַפט, פאַרן דערפאָלג, מאָראַליש און פינאַנציעל, פון אַדורכפירן דעם טראַדיציאָנעלן יערלעכן באַנקעט. מען וועגט און מען מעסט פאַר וויפל מענטשן באַשטעלן און גאַראַנטירן. אָבער די פּראַקטיק באַווייזט, אַז טראָץ אַלע איצטיקע נעגאַטיווע באַגלייט־דערשיינונגען ביי דעם גרעסטן טייל פון די מיטגלידערשאַפט (עלטער, קראַנקהייט), זאַמלט דאָך צונויף דער באַנקעט די גרעסטע צאָל מיטגלידער.

אויך דער היי־יאָריקער באַנקעט האָט דאָס באַשטעטיקט. אמת, מיר האָבן אויך געשטרעבט צו דערגרייכן אַ געוויסע צאָל פון צווייטן דור פון אונדזערע מיטגלידער. ליידער, קענען מיר זיך נישט רימען מיט דערפאָלג אויף דעם געביט.

דער פאָרזיצער פון דער אונטערנעמונג־קאָמיסיע, משהלע ראָזענבלום עפנט און באַגריסט די אָנוועזנדע און שיקט איבער ווונטשן פון אַ רפואה שלימה די קראַנקע מיטגלידער: סימאָן שטרוזמאַן, קאָמיטעט־מיטגליד עסטרייך און אַנדערע.

שמחה מילך, מיט חזנישער פעיקייט, זינגט אין באַגלייטונג פון גאַנצן עולם, דעם טראַדיציאָנעלן חנוכה מזמור „מעוז צור ישועתי". דער פאָרזיצער שמואל שפּיראָ, אין זיין קורצן אינהאַלטרייכן אַרויסטריט, האָט גערעדט וועגן היסטאָרישן נס וואָס איז געשען מיט 2100 יאָר צוריק, ווען דער גרייז־גרויער מתתיהו בן יוחנן האָט גערוואָרפן דעם רוף „ווער עס גלייבט אין גאָט און אין קיום האומה — זאָל גיין מיט מיר". דער רוף האָט אָנגעצונדן די הערצער און אָנגעפילט מיט גלויבן, ווי מיר זענען עדות פון די נסים, וואָס קומען פאָר בעת די קאַמפן וואָס דער ישראל־אַרמיי קומט אויס צו פירן.

ישראל איז דער צענטער פונעם פאָלק. לובלינער יידן דאַרפן מיטהעלפן צו שטאַרקן די מדינה און דעם יידישן ישוב דאָ, אין פּאַריז. מיטן היינטיקן באַנקעט, שליסן מיר די יערלעכע אַקציע פון פאַראייניקטן אַפּעל.

ער מאַכט אַ רוף פאַר אַ צוגאָב־באַשטייערונג, וואָס איז גלייך אַדורכגעפירט געוואָרן און אַריינגעברענגט העכער אַ מיליאָן אַלטע פראַנק.

דער רייכער מוזיק־ און געזאַנג־פּראָגראַם פון סטאַרסקי, האָט באַגייסטערט און אויפגעלעבט דעם עולם צום טאַנצן, אָנגערעגט און אָנגעפירט דורך דער שטענדיק דינאַמישער גיטעלע עדעלשטיין. צוזאַמען מיטן אָרקעסטער, האָבן אויך אונדזערע אייגענע זינגערינס מכבד געווען דעם עולם מיט לידער: זאָשקע פערלמוטער, טעשקע קאָרמאַן, חוה לעווינבוים און שטיינזאַלץ.

פאַרן דערפאָלג פון אַדורכפירן דעם יום־טוב, דאַרף באַזונדערס אויסגעדריקט ווערן אַ יישר כוח די איבערגעגעבענע קאָמיטעט־מיטגלידער דינהלע ראָטשטיין און ראשעל ראָזענבלום.

צו דער ערשטער יאָרצייט נאָכן טויט פון משה שולשטיין

דער קאָמיטעט פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן און דער לאַנד־קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור, האָט אין לאָקאַל פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן איינגעאָרדנט אַ ליטעראַרישן נאָכמיטאָג געווידמעט דעם איצט דערשינענעם בוך פון דיכטער משה שולשטיין ע"ה. ביי דער געלעגנהייט איז אויך אָפּגעמערקט געוואָרן זיין ערשטע יאָרצייט.

דער ליטעראַרישער נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון דר. נח גריס און מיט רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן: פּראָפ' אַלעקס דערטשאַנסקי, דער פּעדאַגאָג יצחק ניבאָרסקי, דער דיכטער און גאַסט פון ישראל, יוסף קערלער און איזאַק אָפּאַטאָווסקי, אין נאָמען פון לאַנד־קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור און פרוי טעשקא קאָרמאַן, וואָס האָט פאָרטרעטן די געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין". אויף דער טריבונע האָט זיך אויך געפונען די אלמנה פון דיכטער, פרוי מילקע שולשטיין.

טעשקאַ קאָרמאַן, רעדט אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט „קינדער פון לובלין", אַ שטאָט, וואָס געפינט זיך סך־הכל נאָר איניקע קילאָמעטער פון דעם שטעטל קאָריוו, דאָס געבורט־שטעטל פון דיכטער מ. שולשטיין, דאָס שטעטל „ווו מיין וויג איז געשטאַנען" און וועגן דעם גרויסן איינפלוס וואָס די יידישע לובלין האָט געהאַט אויפן דיכטער מ. שולשטיין. אַ באַווייז — משה שולשטיינס „ביים פנקס פון לובלין", אַ שטאָט וועגן וועלכער דער דיכטער האָט געשריבן, אַז „לובלין האָט געשטראַלט מיט איר שיין, איבער אַלע שטעטלעך אַרום און איך בין שטאָלץ וואָס אַ ברעקל פון איר ליכט איז אויך אויף מיר געפאַלן". טאַקע אין לובלין איז אין יאָר 1924 דערשינען מ. שולשטיינס ערשט בוך „ברויט און בליי", וואָס האָט שוין דאַן אָנגעזאָגט דעם וועג פון דיכטער. די לובלינער יוגנט — האָט געזאָגט די רעדנערין — האָט זיך געגרויסט וואָס אין אירע רייען איז אויסגעוואָקסן אַזאַ טיפער פּאָעט, ווי ס'איז געווען משה שולשטיין. איצטער האָבן זיי צוגעטראָגן זייער באַשיידענעםביישטייער, אויף קענען רעאַליזירן דאָס אַרויסגעבן דאָס דערשינענע 18־טע בוך פון דיכטער „דאָרט ווו מיין וויג איז געשטאַנען". די רעדנערין האָט פאַרענדיקט איר וואָרט מיטן אינפאָרמירן דעם עולם, אַז ס'זענען פאַראַן אויסזיכטן, ס'זאָל בקרוב דערשיינען אַן אָפּקלייב פון מ. שולשטיינס לידער אין פראַנצויזיש.

ס'איז געווען אַ הויך־אינטערעסאַנטער און ביז גאָר איינדרוקספולער אָוונט, געווידמעט דעם טאַלענטירטן דיכטער און טייערן מענטש משה שולשטיין.

ישראל־קאַמפּיין 1983 אין באַריכט פונעם וועלט־צוזאַמענטרעף

ס'איז שוין אַ טראַדיציע ביי דער געזעלשאַפט „פאַראייניקטע קינדער פון לובלין", אַז מיר שליסן אָפּ דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן סעזאָן מיט אַ געזעגענונג־פאַרזאַמלונג.

ווי יעדעס יאָר בעת דער געזעגענונג, הויבן מיר אָן די יערלעכע פאָלקס־אַקציע פאַרן מגבית.

אין דער אַקציע פאַר יאָר 1982, איז אונדזער געזעלשאַפט געווען צווישן די ערשטע דריי לאַנדסמאַנשאַפטן, לויט די געזאַמלטע געלט־סומעס. מיר האָבן דערגרייכט 12 מיליאָן 827 טויזנט אַלטע פראַנק און פאַר נתיבות — אַ מיליאָן מיט 215 טויזנט אַלטע פראַנק. מיר דאַרפן אַלע צוזאַמען מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, אַז מיר זאָלן היי־יאָר נישט אָפּשטיין.

פאַר דער אַקציע פון 1983, ביז צו דער פאַרזאַמלונג האָבן אַ טייל אַקטיווע מיטגלידער צוזאַמען מיטן קאָמיטעט, אַריינגעברענגט 4 מיליאָן פראַנק.

די סעקרעטאַרין טעשקע קאָרמאַן גיט איבער אַ באַריכט וועגן פאָרגעקומענעם דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף אין תל־אביב, לכבוד דעם 35־טן יום העצמאות, מיטן אָנטייל פון איבער 50 לובלינער וואָס לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אויסטראַליע, שוועדן, דענעמאַרק. די גרעסטע דעלעגאַציע איז געווען פון פראַנקרייך. אויסער די קאָמיטעט־מיטגלידער, איז אויך אָנוועזנד געווען פריינד זשעלאַזאָ, פרוי שעדלעצקי מיטן מאַן, גאָזשעטשאַנסקי, פרוי מושקאַטבליט און איר מאַן פון ליל, משה לעווינסאָן פון ניס און אַנד. די

ביי די לובלינער אין בוענאָס־איירעס

קאָפּל מיזשעריצקי

אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַרגענטינע, מאַכט אַדורך דעם זעלבן פּראָצעס וואָס אַלע ענלעכע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט. קיין נייע מיטגלידער קומען נישט צו, און פון די אַלטע חברים גייען אייניקע אַוועק יעדן יאָר אויפן עולם האמת. און אַז די מיטגלידערשאַפט פאַרקלענערט זיך, ווערט די טעטיקייט איינגעשרומפּן. מיר ציילן דאַ נישט מער ווי אַ צוויי צענדליק פאַמיליעס, דאָך ווילט זיך נישט אַראָפּלאָזן די הענט.

אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז נפטר געוואָרן אונדזער פאָרזיצער דניאל קלאָוויר, פון די איבערגעגעבנסטע לאַנדסלייט און אַקטיווע טוערס. איצט שטייט בראש פון דער סאָסייעטי דער געוועזענער קאַסירער ישראל טעמפּעלדינער.

מיט אַ יאָר צוריק האָט דער שרייבער פון די שורות מיט זיין פרוי זיך אומגעקערט פון אַ לענגערער רייזע קיין אַמעריקע, אייראָפּע (אַריינגערעכנט פּוילן און לובלין) און ישראל. אין דער וווינונג פון דער פאַמיליע טעמפּעלדינער איז פאָרגעקומען אַן אויפנאַמע פאַר אונדז ביידע, וווּ כ׳האָב אויספירלעך באַריכטעט וועגן דער נסיעה, די צוזאַמענטרעפן מיט לובלינער ייִדן און גאַנץ באַזונדערס אין דער אַלטער היים לובלין.

אַ מסיבה צום נייעם יאָר, ערב ראש־השנה, איז פאָרגעקומען ביי די טעמפּעלדינערס. דער עולם האָט פאַרבראַכט אין אַ היימישער אַטמאָספער, גענאָסן פון אַ פיינעם כיבוד און זיך געוווּנטשן אַ גוט יאָר.

דער יערלעכער אזכרה־אַקט, צום 40סטן יאָרטאָג פון אומברענגען די לעצטע ייִדן אין געטאָ מיידאַן טאַטאַרסקי, איז אַדורכגעפירט געוואָרן דעם 15טן נאָוועמבער 1982.

ערב דעם נייעם יאָר 1983, איז אויף דער פאַרבעטונג פון דער משפחה טעמפּעלדינער, איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָוונט־ברויט אין רעסטאָראַן „סאַרמיענטאָ”. ביי דער געלעגנהייט איז געפייערט געוואָרן דער 70טער געבוירנטאָג פון ישראל טעמפּעלדינער. דער שרייבער פון די שורות האָט באַגריסט דעם בעל־שמחה און אים צוגעטראָגן אַ פאַרמעט, אונטערגעשריבן פון אַלע אַנוועזנדיקע, און דער פרוי שושנה — אַ בוקעט בלומען. ס׳זענען אויך פאַרקויפט געוואָרן אייניקע קאָפּיעס פון דוד שטאָקפיש׳ס בוך „אין גאַנג פון געשעענישן”.

מיר האָבן שוין אַדורכגעפירט די זאַמלונג פאַרן „קול לובלין” און בקרוב וועלן מיר אייך איבערשיקן דאָס געלט.

אַזאַ איז אונדזער קורצער באַריכט פון אַ יאָר טעטיקייט פונעם לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט־פאַריין אין בוענאָס־איירעס.

אזכרה לקדושי לובלין בברלין, 1946.
אזכרה פון לובלינער אין בערלין, 1946.
(צוגעשטעלט פון ש. גאָלדבערג)

באַריכטן פון יעדן לאַנד האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם שווערן געראַנגל פון אויפהאַלטן די לאַנדסמאַנשאַפטן. אין פאַרגלייך מיט די תפוצות, האָט באַזונדערס אַרויסגעשיינט די טעטיקייט פון ארגון יוצאי לובלין בישראל, וואָס זאָרגט פאַרן אויפהאַלטן דעם זשורנאַל „קול לובלין” וואָס העלפט שאַפן די פאַרבינדונג מיט אַלע לובלינער אויף דער וועלט, מיטן אָרגאַניזירן אַ הילף־פאָנד צו שטיצן די נויטבאַדערפטיקע לובלינער אין ישראל.

מ׳האָט אויך איינגעשטעלט אַ פאָנד פון אויסטיילן שילער־סטיפּענדיעס אין צוויי מיטלשולן, וואָס האָבן אַדאָפּטירט די אומגעבראַכטע לובלינער קהילה, און לערנען וועגן איר פאַרגאַנגענהייט און נעמען אָנטייל אין די יערלעכע אזכרות. ס׳איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן אַ וועלט־ראַט.

די דעלעגאַטן האָבן בייגעוווינט די אזכרה ביים מאָנומענט פאַר די קדושים פון לובלין אין מיידאַנעק. באַזוכט אין חיפה די מיטלשול ביים אויסטיילן די סטיפּענדיעס און אין תל־אביבער אוניווערסיטעט, ביים אויסטיילן די סטיפּענדיע א. נ. פון דער לובלינער היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט.

אין נאָמען פון די דעלעגאַטן, איז אַרויסגעטרעטן מיט אַן אינהאַלטרייכע רעדע גיטעלע עדעלשטיין. זי גיט איבער דעם טיפן איינדרוק פון דער יזכור־אַקאַדעמיע אין טאָג פון דער שואה און גבורה אין היכל התרבות.

משה׳לע ראָזנבלום דערגענצט דעם באַריכט און שטרייכט באַזונדערס אונטער וועגן דער גרויסער אויפנאַמע וואָס האָט געמאַכט פאַר עטלעכע הונדערט לובלינער, אויפן יום־העצמאות באַל, די איבערגעגעבענע פריינד, ליובאַ און משה קאָרן.

גיטעלע שליסט דעם רעדנער־טייל מיט אַ הייסן רוף אָנטייל צו נעמען אין דער זאַמל־אַקציע פאַרן יאָר 1983, וואָס באַקומט אַ וואַרעמען אָפּרוף ביי די אַנוועזנדע און די אַדורכגעפירטע זאַמלונג פון פייגעלע זאָבערמאַן האָט אַריינגעבראַכט נאָך דריי מיליאָן. אַזוי אַז ביים שליסן די פאַרזאַמלונג, האָט די לאַנדסמאַנשאַפט שוין דערגרייכט 7 מיליאָן אַלטע פראַנק.

דער יונגער פאָרשער פון אַמעריקע באָיאַרין, וואָס שרייבט אַ בוך וועגן די לאַנדסמאַנשאַפטן, האָט אויך בייגעוווינט דעם וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער אין ישראל און האָט דאָרטן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק מיט זיין רייכן אינהאַלט און שיינעם ייִדיש.

די איבערגעגעבענע קאַסירערין דינהלע ראָטשטיין האָט אויך באַוויזן אַ באַדייטנדע סומע מיטגלידס אָפּצאָל איינצומאָנען. מיט אַ ווונטש מיר זאָלן זיך אַלע טרעפן, מיט אַ גוט געזונט, נאָך די וואַקאַנסן — איז די פאַרזאַמלונג געוואָרן פאַרענדיקט.

ווער און מיט וויפל האט זיך באשטייערט פאר דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל

(פון 1טן נאָוועמבער 1982 ביז סוף אָקטאָבער 1983)

<u>נאָר פון 500 שקל אָן</u>

לובא און משה קאָרן	30,000
מאָטל גארטענקראוט, ניו=יאָרק	30,000
רבקה און שיע גאָלדבערג	6,000
בראָנקא פישמאן	2,500
מאטיס זשעלאזאָ, פאריז	2,500
פייעראייזן שלמה	2,000
ראָזא זיס, פאריז	2,000
געניא און שמואל שפירא, פאריז	1,500
טעשקע פאָרשטעטער, פאריז	1,000
גיסעלע, יידל עדעלשטיין, פאריז	1,000
וואכמאן אסתר	1,000
י. מאלינאָווסקי, שטאָקהאָלם	750
העלא מאסטער, דייטשלאנד	700
איטקע און יעקב פעלדמאן	500
רוזשע וויעדזשכאָווסקי, בריסל	500
שעראדזקי סאבינא	500
ראָזענבלום משה, פאריז	500
מיטעלמאן סאבי	500
דזשאָ געלפאנד, לאָנדאָן	500
טענענבוים ז.	500
אסתר פאָלאַק	500
האלבעסבערג שמעון	500
גאָלדפינגער אברהם	500
בלאנק רחל	500
רעזניק נינא	500
האָכבערג (אכטמאן) אנא	500
הערשטיין צ. און א.	500
ליפשיץ, טאָראָנטאָ	500

<u>אמעריקאנער דאָלארן</u>

לובא און משה קאָרן	$ 1,500
זיידנווערג סימאָן און צעשע	300
פישמאן, לאָס=אנזשעלעס	200
פון פאראיאָרן – נאָך	200
איזאק עהרענבערג, ל. אנזשעלעס (פון צוריי בענק)	400
מ. גארטענקראוט, ניו=יאָרק	150
לאנדסמאנשאפט אין ארגענטינע	110
מושקאט שלמה און פעסאלע	100
פאמיליע דזשאָזעף, ניו=יאָרק	100
דאך, ווענעצועלא	100
אָבער, לאָס=אנזשעלעס	75
גאָלדגרוב שמואליק	65
שפיזמאן יוסף, צפורה, נ.י.	50
זינשטיין שלמה, ניו=יאָרק	50
פרוכטמאן, ניו=יאָרק	50
גוטגליק, לאָס=אנזשעלעס	50
קראָנבערג, לאָס=אנזשעלעס	50
ראָזענסאָן, לאָס=אנזשעלעס (און פון פאראיאָרן)	50
	50
זילבערבערג משה, דייטשלאַנד	50
מארגוליס פאָלע, ניו=יאָרק	50
עקהאוס בראָניע, מישא, מעלבורן	50
גאָלדבאנד בענאָ, מעלבורן	50
לאנדסמאנשאפט אין ניו=יאָרק	50
שנור יוסף, לאָס=אנזשעלעס	50
וואסערשטרום זעליג, ניו=יאָרק	50
ראָסעט ראובן, סאן=פאולאָ	50
טאוב רבקה	50
עלבוים בעטי, ל. אנזשעלעס	36
ווייצענפעלד יעקב, מיאמי	35
יצחק און רוזשע שניידמאן, שוועדן	35
און נאָך	25
קארגמאן הערי	30
שערמאן, לאָס=אנזשעלעס	30
שטערנפיין אברהם, מעלבורן	30

<u>צו 25 דאָלאר</u>

פרים, שנור, זאיאָן, ראָזענבערג, (פון לאָס=אנזשעלעס), צורייקאפט (מאָנטרעאל), מילשטיין (סאן=פראנציסקאָ).

<u>צו 20 דאָלאר</u>

קאָלעקטיוו פון סאן=פאולאָ, קאָהען (ל. אנזשעלעס), פינקעלשטיין (מעלבורן), גורפינקעל (דיסעלדאָרף).

גאָלדבוים לאָזער, סאן=פאולאָ – 15 ד'.

<u>צו 10 דאָלאר</u>

לוין (ל. אנזשעלעס), פרידמאן (נ.י.), קראָנהיל (מעלבורן), האָכראד (מעלבורן), ווינער מ. (מעלבורן), הערשענהאָרן, שיפמאן, ראָטשטיין, דיוויים, לעוויט (פון מעלבורן), גאָלדבוים ב. (פאריז), שרוני (מעלבורן) – 5 דאָלאר.

<u>אין קאנאדער דאָלאר</u>

לאנדסמאנשאפט אין טאָראָנטאָ	– 500
לאנדסמאנשאפט מאָנטרעאל	– 175
ברייטער, מאָנטרעאל	– 30
פרייבערג, מאָנטרעאל	– 20

<u>אין אויסטראַלישע דאָלאר</u>

נאש, סידני	– 40
שטערנפיין, מעלבורן	– 20
טרייסטמאן, מעלבורן	– 20

<u>אין פראנצויזישע פראנק</u>

קארפענשיף, ליאָן	– 200
זאלצמאן משה, פאריז	– 100

<u>אין שוועדישע קראָנען</u>

שניידמאן ר. און י.	– 100
קאמיען ה., געטעבאָרג	– 150

<u>נאָכן שליסן די ליסטע:</u>

אין דאָלארן –

גרובער, ניו=יאָרק	250
זינשטיין, " "	50
מ. האָרן, " "	50
אקערמאן, שוועדן	10

שווייצ. פראנק –

העלא מאסטער	100

<u>אין שקלים</u>

לוסטיגער, בת=ים	1000
שטיינמאן, ר"ג	500
ליפשיץ, טאָראָנטאָ	500

מיר ווילן גלויבן, אַז די רשימה פון די שפענדערס אין נומער 19 „קול לובלין", איבעראַיאָר, וועט זיין אַ פיל־פיל גרעסערע, מיט באַדייטנדיקע באַשטייערונגען, כדי מיר זאָלן ווייטער קאָנען שטיצן נויטבאַדערפטיקע לובלינער משפחות, אַרויסגעבן אונדזער זשורנאַל, העלפן פען־מענטשן, באַזונדערס פון לובלין, צום דערשיינען פון זייערע ביכער, אויסהאַלטן דאָס „לובלינער ווינקל" און קאָנסערווירן דעם מאָנומענט.

נאָר פאַר אַלעמען שיקט אַריין דעם באַטרעף פאַר דער צייטונג!

נחת פון לובלינער

נישט פון אַלע „קיילעכיקע" גע־בורט־דאַטעס ביי אונדזערע בני־עיר ווייסן מיר; נישט אַלע משפחות־שמחות זענען אונדז באַקאַנט — ווען מיר זיך דעריבער באַגנוגענען מיט באַריכטן נאָר פון אַזעלכע פריי־דיקע געשעענישן, וואָס זענען אונדז באַוווּסט געוואָרן פון פאַרשידענע צייטונגען, פון פריוואַטע בריוו אָדער פון צופעליקע ידיעות.

לאָמיר אָנהייבן מיט דער באַגרי־סונג וועלכע דער קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין יש־ראל, האָט געשיקט אונדזער טייערן בן־עיר, דעם האַרציקן מענטש און קינסטלער —

←

קבלת־פנים בפאריס לאורחים מלוס־אנג׳לס, הזוג שנור.
אויפנאַמע אין פאַריז פאַר די שנור׳ס פון לאָס־אַנזשעלעס.

מיפגש לובלינאים במלבורן, אוסטרליה, בנובמבר 1982, בדירתה של משפחת אקהאוס.
צוזאַמענטרעף פון לובלינער אין מעלבורן, נאָוועמבער 1983, ביי דער פאַמיליע עקהאַוס.

צבי גאָלדשטיין, פּתח־תקוה:
חשובער פריינד און לאַנדסמאַן צבי גאָלדשטיין.

דער קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק און אָנערקענונג פאַר אייער שיינער מתנה — 2 קונסט־בילדער פון לובלינער יידישן לעבנס־שטייגער און לאַנדשאַפט, אייער טאַלאַנטפולע יצירה — צום אויספלעטן אויף דעם יום העצמאות באַל לכבוד 35 יאָר מדינת ישראל און דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער.

אַ יישר־כוח און אַ סך געזונט מיט יאָרן.

★

אהרון ניסענבוים, מאָנטרעאַל— 85 יאָר!

צום 85סטן געבוירנטאָג פון אונדזער בן־עיר, אהרון ניסענבוים, וואָס וווינט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, האָבן מיר אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" געפונען אַ לענגערן אַרטיקל פון א. ק., פון וועלכן מיר נעמען אַרויס גרעסערע אויסצוגן:

פון ווייטן מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) האָבן מיר באַקומען די פריידיקע ידיעה, אַז אונדזער ליב־האַרציקער חבר און פריינד, אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער אהרון ניסענבוים, האָט אָפּגעמערקט זיין 85סטן געבוירנטאָג, באַגריסן מיר אים פון טיפסטן האַרצן צו זיין שיינעם יובל און ווינטשן אים אריכות ימים.

אַן אָפּשטאַמיקער פון אַן אָרעמער משפחה אין לובלין, האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג און גאָר פרי געמוזט גיין אַרבעטן, בכדי העלפן די עלטערן אין דער חיונה.

ווען היטלער־דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויף פוילן, האָט ער נישט באַוויזן צו אַנטלויפן אויף מזרח און געבליבן אין זיין היימשטאָט, דורכמאַכנדיק אַלע שבעה מדורי גיהנום. על־פּי־נס איז ער געבליבן לעבן. צוליב זיין „אַרישן" אויסזען, איז אים געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. אָבער זיינע נאָענטסטע זענען אומגעקומען דורכן נאַצישן רוצח.

גלייך נאָך דער באַפרייונג איז אהרן ניסענבוים געווען איינער פון די, וואָס האָבן געהאָלפן צוריקאויפבויען דעם חרוב געוואָרענעם יידישן ישוב. דאָס האָט ער געזאָרגט, אַז עס זאָל צוריק באַלעבט ווערן דאָס שיינע פּרץ־הויז, אַז די צוריקגעקומענע פון די נאַצי־לאַגערן, פון די באַהעלטענישן און וועלדער, זאָלן באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ, באַשפּייזונג און באַקליידונג און דער עיקר — אַרבעטס־וואַרשטאַטן, און אַז די יתומים זאָלן פאַרזאָרגט ווערן מיט אַ וואַרעמער היים און אָנהייבן לערנען אין אַ יידישער שול.

אהרן ניסענבוים איז איינער פון די סאַמע חשובע טוער פון לובלינער יידישן קאָמיטעט און בויער פון באַנייטן יידישן לעבן.

אין די אָנהויב זעכציקער יאָרן פאָרט אהרן ניסענבוים אוועק צו אַ ברודער קיין מאָנטרעאַל, ווו ער ווערט באַשעפטיקט ביי פיזישע אַרבעט און זעצט ווייטער פאָר זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אויך דאָ, אין דעם נייעם לאַנד, ווערט ער שנעל באַליבט ביי דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אהרן ניסענבוים טיילט זיך מיטן ביסן פון מויל, שפּאָרט אָפּ פון זיין באַשיידענעם לוין, בכדי צו שטיצן נויטבאַדערפטיקע, גיט באַשטייערונגען אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע צוועקן, דערונטער פאַר דער יידישער פרעסע. לעבנדיק אין קאַנאַדע — פאַרגעסט ער נישט אין זיין אַלטע היים. פירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט זיינע לובלינער תושבים, שרייבט אויס זיין באַליבטע צייטונג, די „פאָלקס־שטימע", און פון צייט צו צייט קומט ער קיין לובלין און קיין וואַרשע, בכדי זיך צו טרעפן מיט זיינע אַלטע פריינד און גיין אויף קבר־אבות נאָך זיינע נאָענטע.

צו זיין שיינעם און בכבודיקן יובל באַגריסן מיר אים גאָר האַרציק און ווינטשן אים אַלדאָס גוטס! ביז 120 יאָר!

אויך די לובלינער אין ישראל, שליסן זיך אָן צו די אַלע ברכות.

★

חיים ניסענבוים, מאָנטרעאַל — אַ בן שמונים.

מיר שיקן איבער די האַרציקסטע ברכות דעם באַקאַנטן אַרבעטער־טוער פון פאַרמלחמהדיקן לובלין, צום דערגרייכן צו די אַכציק. אַ סך געזונט און אריכות ימים.

★

אויף מענדאַלע געוועריץ — אַ בן שמונים

אַז מיר ריידן שוין וועגן אונדזערע בני־עיר מיט, קיין עין־הרע, אַ „מעטריקע" פון 80 יאָר — קומט האַרציק צו באַגריסן אונדזער לאַנדסמאַן אין תל־אביב, דעם איבערגעגעבענעם מיטגליד אונדזערן און האַרציקן ייד — מענדאַלע געוועריץ.

★

שלמה זינשטיין, ניו־יאָרק — אַ בן שבעים.

אין „יידישער קעמפער" וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק, האָבן מיר געפונען אַ גאַנצע ריי באַגריסונגען פאַר אונדזער בן־עיר, וואָס פאַרנעמט אייניקע וויכטיקע, אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אינעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די פאַר. שטאַטן — שלמה זינשטיין. אונטער די אַלע ברכות פאַר שלמה'ן און זיין פרוי רחל, זענען אונטערגעשריבן: דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד; מסדה־צווייג 403; די באַנד־דיוויזיע; די בראָנקס־מערך צווייגן 15, 50, 149, 236; דער ניו־יאָרקער ראַיאָן־קאָמיטעט פון אַרבעטער־פאַרבאַנד; דער פאַרבאַנד פון געוו. קאָצעטלערס און אַנטי־נאַצי קעמפערס.

פאַרשטייט זיך, אַז די לובלינער יידן אין ישראל, זענען פולע שותפים צו די אַלע ווונטשן פאַר שלמה זינשטיין און פרוי.

★

ישראל טעמפּעלדינער, בוענאָס־איירעס —

צום 70סטן געבוירנטאָג פונעם פרעזידענט פון דער לובלינער סאָסיעטי אין אַרגענטינע — אַ סך נחת און פרייד, מיט אַ גוטער עלטער.

★

אסתרל און משה'לע קאַץ, פּאַריז.

מיר האָבן באַקומען אַן איינלאַדונג צו באַטייליקן זיך אין דער שמחה פון אַריינשטעלן אַ ספר־תורה אין דער גרויסער סינאַגאָגע אין פּאַריז, געשריבן אויף די נעמען פון אונדזערע בני־עיר משה'לע כץ און זיין פרוי אסתרל. אין דער פייערונג האָט זיך באַטייליקט דער הויפּט־רב פון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, הרב יעקב קאַפּלאַן, פיל פאַרבעטענע געסט, לאַנדסלייט און פריינד.

★

לאָזער גאָלדבוים, סאַן־פּאַולאָ:

דער סעקרעטאַר פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין בראַזיל, לאָזער גאָלדבוים, איז געוואָרן אַ בן־שבעים — עד מאה ועשרים! די לובלינער אין ישראל און אין דער וועלט באַגריסן האַרציק דעם געזעלשאַפטלעכן טוער צו דער געבורט־דאַטע.

★

גיטעלע און יידל עדעלשטיין, פּאַריז — האָבן זיך פאַרדינט אַ האַרציקן מזל־טוב צו דער בר־מצווה פון זייער אייניקל לאַראַן, דער זון פון מישעל און טערעז, וואָס איז מיט אַ סך

יידישער שמחה געפייערט געוואָרן אין פּאַריז, ווי מיר האָבן דאָס אויך געזען אין די צענדליקער באַגריסונגען אין דער פּאַריזער יידישער טאָגצייטונג „אונדזער וואָרט" פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס און יחידים.

דער אירגון יוצאי לובלין בישראל שיקט איבער די האַרציקסטע ברכות די משפחות עדעלשטיין און גוטמאַן צו זייער שמחה.

★

זהבה ליכטענבערג, קיבוץ עברון —

אין „השבוע", די וואָכנשריפט פון קיבוץ ארצי השומר הצעיר, געפינען מיר אַ מעלדונג וועגן דער בילדער־אויסשטעלונג פון אונדזער בת־עיר, די מאָלערין זהבה ליכטענבערג, אינעם קלוב פון איר קיבוץ. פּאַראַיאָרן האָט די אויסשטעלונג פון זהבה'ס בילדער אין תל־אביב געהאַט גרויס דערפאָלג.

★

אבא סלאָמאַ, מאָנטרעאַל, 65 יאָר.

אין דער ישראלדיקער „לעבנס־פראַגן" האָבן מיר געפונען אַ באַגריסונג פאַר אבא סלאָמע פון מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, צו זיין 65סטן געבוירנטאָג. שליסן מיר זיך אָן אין די ברכות פון געזונט און אַ סך יאָרן געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

★

מרדכי לערמאַן, פּאַריז, באַקומען דעם מאַקס צוקערמאַן־פּרייז

דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור אין פראַנקרייך, דער באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער מרדכי לערמאַן, האָט באַקומען דעם פּרייז א. נ. פון מאַקס צוקערמאַן, פאַר זיין זשורנאַליסטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

צום באַקומען דעם פּרייז האָט די פּאַריזער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איינגעאָרדנט אַ גרויסע אונטערנעמונג, אויף וועלכער דער גע־פּרייזטער איז באַערט געוואָרן דורך דער אָרטיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

★

לעאָ שיפמאַן, פּאַריז, מחבר פון אַ וויסנשאַפטלעך בוך.

פּראָפ' לעאָ שיפמאַן (באַקאַנט אין פאַרמלחמהדיקן לובלין מיטן פּסעוודאָנים „בעל צדק") האָט ענדלעך מצליח געווען אַרויסצוגעבן אין פּאַריז אַ גרויס וויסנשאַפטלעך ווערק וועגן דעם פראַנצויזישן געלערנטן **לאַמאַרק**, וואָס האָט געלעבט אין 18טן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך. אונדזער בן־עיר האָט איבער דעם בוך געאַרבעט 10 יאָר אין פּוילן און די אַקאַדעמיע אין פּאַריז האָט עס איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן אין פראַנצויזיש. דער ספר האָט געהאַט זייער גינסטיקע אָפּרופן אין דער אַקאַדעמישער וועלט. דער פראַנצויזישער ראַדיאָ האָט דעם בוך געווידמעט אַן אוידיציע פון 45 מינוט, מיטן אָנטייל פון אַ ריי געלערנטע. אונדזער ברכה דעם פּראָפ' לעאָ שיפמאַן.

★

ליטעראַטור־פּרייז פון יידישן שרייבער־פאַריין אין ישראל פאַר דוד שטאָקפיש

דעם 6טן יוני ה. י. איז אין בית לייוויק אין תל־אביב פאָרגעקומען די צוטיילונג פונעם פּרייז פאַר ליטעראַטור, עטאַבלירט פון אונדזערע לאַנדסלייט רבקה און ישעיה גאָלדבערג. היי־יאָר זענען די באַערטע מיט דעם פּרייז געווען דער רופא־חולים און שרייבער **לייב קורלאַנד** און דער פּובליציסט און רעדאַקטאָר **דוד** שטאָקפיש. ביי אַ פול געפּאַקטן זאַל און יום־טובדיקער שטימונג, האָט דער פאַרזיצער פון פאַראיין, **מרדכי צאַנין**, געעפנט די פייערונג.

די מאָטיוון פון דער זשורי האָבן געלייענט: וועגן דוד שטאָקפיש — **שלמה שווייצער**; וועגן לייב קורלאַנד — **שמחה פּאָליאַקעוויטש.**

פון ישעיהו גאָלדבערגס אַ בוך האָט געלייענט אַ פראַגמענט די פרוי **רבקה גאָלדבערג** און פון ל. קורלאַנדס סקיצן האָט געלייענט שרה גרינהויז־טורקאָוו.

די פייערונג איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ וואַרעמען רוף פון אונדזער בן־עיר, סעקרעטאַר פון שרייבער־פאַריין עובדיה פעלד, צו זיכערן דעם יידישן פען־מענטש אַ בכבודיקן קיום און אים העלפן אַרויסגעבן זיין בוך.

אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל און אין די תפוצות ווערן געבעטן צו שרייבן אונדז וועגן משפחה־שמחות ביי זיי, יובל־דאַטעס פון געבורטן, אויפטועון און שפּענדונגען פון געזעלשאַפטלעכן (און לאַנדסמאַנשאַפטלעכן) כאַראַקטער, כדי מיר זאָלן וועגן דעם אַלעמען אינפאָרמירן לובלינער יידן אין דער וועלט און **אין ישראל.**

דער 65סטער געבוירן־טאָג פון סוכער פּאַכטשאַש, וויצע־פּרעזידענט פון די לובלינער אין מאָנטרעאָל, איז געפייערט געוואָרן פּאַראַיאָרן, מיטן אָנטייל פון די דעלעגאַטן פון פראַנקרייך אין ישראל צו דער סעסיע פון וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור. אויפן בילד (שטייען פון רעכטס): די פרויען בראַוערמאַן, שפּיראָ, לערמאַן, נעימן און רחלע זימעלשטערן, אברהם און רוזשקע צווייקאַפּט, גיטעלע עדעלשטיין, סוכער און פּאַלע פּאַכטשאַש, מרדכי לערמאַן. זיצן פון לינקס: יידל עדעלשטיין, רבקהלע און דוד שטאָקפיש.

teatrnn.pl

אויף דער חתונה פון דער טאָכטער פון רבקה און טוביה טאָוב, רעננה, 1983.

אויף דער בר־מצווה פונעם אייניקל פון באַלטשע און ישראל אייזענבערג, ל. אַנזשעלעס,

אויף דער בר־מצווה פונעם אייניקל פון סימאַ און לייבל מאַנדעלבוים, תל־אביב 1983.

אויף דער חתונה פון דער טאָכטער פון בלומאַ און מאָטל טרייסטמאַן, מעלבורן 1966.

צום 65סטן געבוירנטאָג פון משה קאָרן

אפרים איינשטיין

(פון אַ רעדע, וואָס איז נישט געהאַלטן געוואָרן)

חשובער עולם,

כמעט 250 לובלינער מענער און פרויען, זענען געקומען פון אַלע עקן לאַנד נישט נאָר כדי טועם זיין פון די אַלע גוטע מאכלים, נאָר קודם כל זענען זיי אויסן געווען אָפּצוגעבן כבוד אונדזער „בן־יחיד" משה קאָרן און זיין פרוי לובא, פאַר זייער ברייטהאַרציקער, געבענטשטער טעטיקייט לטובת דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט. איך דאַרף נישט איבערגעבן קיין פרטים — דאָס האָבן שוין געטאָן די פריערדיקע רעדנער, דוד שטאָקפּיש און עובדיה פעלד. און איך בין זיכער, אַז זיין פילאַנטראָפּישע טעטיקייט נעמט אויך אַרום אַנדערע געביטן, אויסער לובלינער.

פיל לובלינער יידן אין ישראל און אין די תפוצות האָט צוגעשפּילט דאָס מזל און זיי זענען „ווערט", לויט דעם אַמעריקאַנער סלענג, אַ סך מיליאָנען. נאָר ווייזט אויס, אַז געלד פאַרשטיינערט דאָס האַרץ און פּאַראַליזירט די הענט. אָבער נישט ביי אונדזער משה קאָרן, וואָס איז אין דער הינזיכט אַ בן יחיד. מ'זאָגט (נאָר ס'זאָל בלייבן צווישן אונדז), אַז ער איז געבאָרן געוואָרן מיט אַ „פעלער": זיין רעכטע האַנט געפינט זיך ביי דער לינקער זייט האַרץ — און ביידע געפינען זיך אין דער קעשענע... נישט איינמאָל טראַכט איך, אַז די חרוב געוואָרענע לובלינער קהילה האָט נישט קיין מזל. אונדזער שטאָט איז געווען די דריט גרעסטע קהילה אין פוילן. אין דער געשיכטע פון די קהילות, איז איר אָרט ביי דער מזרח־וואַנט. טאָ ווי קומט עס, אַז לובלינער יידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן נישט מצליח געווען צו פאַראייביקן די שטאָט „וו מיר האָבן אונדזער יוגנט פאַרבראַכט" — מיט אַ בכבודיקן מאָנומענט, אַ פונדאַמענטאַלע אינסטיטוציע, ווי עס קומט איר. מיר האָבן אויפגעשטעלט, אויף דעם געבראַכטן פון מיידאַנעק אַש, אַ מצבת זכרון, אָבער דאָס איז דער מינימום וואָס אויך קלענערע לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן געטאָן. מיר האָבן אַרויסגעגעבן 2 יזכור־ביכער, אין יידיש און עברית, וועלכע בעטן זיך ממש באַנייט צו ווערן מיט נייע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, באַאַרבעט פון פאַכמענישע כוחות, ווי: היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן, דעמאָגראַפן און פען־מענטשן, ווייל איבער דער צייט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סך מאַטעריאַל וועגן לובלין. טאָ ווו זייט איר, לובלינער גבירים, צעשפּרייטע איבער אַלע קאָנטינענטן און אין ישראל? אויב דער גורל האָט אייך געגעבן „שמן טוב", פאַר וואָס זאָלט איר נישט אַ טראַכט געבן וועגן „שם־טוב"? זייט וויסן, אַז די צוויי באַגריפן גייען צוזאַמען און גיבן פיל סאַטיספאַקציע.

זאָלן משה און לובא מיר אַנטשולדיקן, וואָס כ'האָב אַ קאַפּעטשקע אָפּגענויגט פון דער טעמע. מיר אַלע זענען קינדער פון דער שואה, און דאָס וואָס כ'האָב געזאָגט, איז פאַר מיר געווען אַ גייסטיקע נויטווענדיקייט.

די טעג האָט זיך אין ירושלים פאַרענדיקט דער וועלט־קאָנגרעס פון יידן, אָפּשטאַמיקע פון צפון־אַפריקע. זייער לאָזונג איז געווען — „זוכט אייערע וואָרצלען". אָבער די וואָרצלען פון משה קאָרנס אָפּשטאַם — דאַרף מען נישט זוכן. מיר, יידן פון לובלין, האָבן זיין גאָטזעליקן פאָטער געקענט, ר' בינם קאָצקער (ווער ס'האָט אים נישט געקענט אָדער נישט געהערט פון אים — איז נישט קיין לובלינער), וועמענס גרויסקייט איז באַשטאַנען אין זיין אויסערגעוויינלעכער למדנות און באַשיידנקייט. אין גאַס פלעגט ער גיין נאָר נעבן די ווענט, כדי, חלילה, נישט אַדורכגיין צווישן צוויי פרויען. זיין גרויסקייט איז געווען אין דעם הויכן מאָראַלישן ניוואָ, אין זיינע מידות און תמימות, וואָס איר געפינט זיי נישט אפילו ביי „פּראָפעסיאָנעלע" צדיקים. ווען ר' בינם קאָצקער וואָלט געהאַט אַ גוטן „געשעפטס־פירער", אַ לייטישן גבאי, וואָלט ער אַליין געקענט אויפשטעלן אַ רבנישן הויף מיט חסידים, נעמען קוויטלעך מיט פדיונות, ווייל ער האָט דערצו געהאַט אַלע קוואַליפיקאַציעס. ר' בינם קאָצקער איז אָבער געווען אויסער די אַלע הוויות פון עולם הזה. זיין וועלט איז געווען דער „ים התלמוד" און די פלוגתא צווישן אביי ורבא האָט אים מער אינטערעסירט, ווי די פראַגע: וווּ נעמט מען אויף שבת?

פאַרשטייט זיך, אַז די פרנסה איז נישט געווען אַזוי איי איי, דעם עיקר עול פון דער פרנסה האָט געטראָגן אויף זיך משה'ס מאַמע ע"ה.

די חכמי התלמוד זענען צעטיילט אין דער פראַגע: וואָס איז בילכער ביים רבונו של עולם — תורה אָדער צדקה? פאַרשטייט זיך, אויב ביידע גייען צוזאַמען, איז אוודאי גוט, אָבער כדרך העולם, זענען תורה־יידן נישט קיין געלט־מענטשן, און געלט־יידן, זענען נישט קיין תורה־לערנער, ווייל די צוויי „ליידנשאַפטן" גייען נישט צוזאַמען, זיי פאָדערן דעם גאַנצן מענטש. פון אייניקע אמירות חז"ל, וואָס איך ציטיר ווייטער: „גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה" („צדקה דערנענטערט די גאולה"); „שקולה צדקה כנגד כל המצוות" („צדקה וועגט איבער אַלע מצוות") (בבא בתרא י, ט'); „צדקה מארכת ימיו ושנותיו של אדם" (אליהו זוטא פ' א), („צדקה פאַרלענגערט דעם מענטשנס יאָרן"). פון דעם זען מיר, אַז צדקה, אין אַלע אירע פאָרמען, פאַלט נישט אַרונטער מיט איר וויכטיקייט פון תורה לערנען, און שטייגט אפשר זי נאָך אַריבער. הייסט עס, אַז משה קאָרן גייט אין זיין טאַטנס וועגן, זייערע מעשים דערגאַנצן זיך, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ גוטן שטאַם, פון „וואָרצלען" — דער עפּל פאַלט נישט ווייט פון בוים.

ס'איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז די מערהייט פרויען פון פילאַנטראָפּן, צוימען זייערע מענער אין דער טעטיקייט, אָבער נישט לובא קאָרן. זי מוטיקט אים צו ווייטערדיקע מעשים טובים.

משה האָט מיר פאַרשפּראָכן איינצולאַדן צו זיין 70סטן געבוירנטאָג. הגם קיין עדות זענען נישט געווען דערביי, בין איך זיכער, אַז ער וועט מקיים זיין דעם צוזאָג...

המעוניינים לקבל את ספרו של **שלמה שטוקפיש** **„במעגל הזעם"** (שהופיע בעברית) תמורת החזרת ספרו ביידיש **„אין ראָד פון צאָרן"** — יפנו בערב האזכרה למחבר, או לארגון יוצאי לובלין, תל־אביב, דיזנגוף 158.

במסיבת יום הולדת ה־65 למשה קורן ב„בית הרופא" בת"א.

אויף דער מסיבה צום 65סטן געבוירנטאָג פון משה קאָרן.

יידיש לובלין

חיים זעלצער

רוזשאַ פישמאַן־שניידמאַן, „מיין לובלין", בילדער פון לעבנס־שטייגער פון יידן אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, י. ל. פרץ פאַרלאַג, תל־אביב, מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון נחמן בלומענטאַל און 32 פאָטאָ־בילדער גאַסן פון לובלין.

די מחברטע האָט מלכתחילה נישט געהאַט בדעה צו שרייבן אַ ליטעראַריש ווערק. דעפינירט וואָלט איך דעם זשאַנער ווי קינסטלערישע פאָטאָגראַפיע. זי האָט אַ שאַרף אויג און אַ פענאָמענאַלן זכרון, אַן איינגעבוירענעם עסטעטישן חוש און איז באַהאַוונט אין די נאָרמעס פון פּאָעטיק און ליטעראַרישער וואָרט־שאַפונג. אַ דאָקומענטאַרע אויטאָביאָגראַפיע, מיט אויטענטישע נעמען און אַדרעסן. פראַגמענטן, וואָס גרענעצן מיט עטנאָגראַפיע פון פאָלקלאָר. זי פאָטאָגראַפירט פון די געלונגענסטע אָבסערוואַציע־ווינקלען, זי צייכנט אין פאַס און אין פראָפיל מיט אַ געניטער האַנט און דינסטע שטריכן, מיט אַלע דעטאַלן פון לבוש און כאַראַקטער.

פונעם ערשטן און לויפיקן לייענען, ווערט מען ממש איבעראַשט פון דער רייכקייט און פינקטלעכקייט פון די אַנצאָליקע געמעלן: ברייטע פאַנאָראַמעס און איינצלנע הייזער. באַזונדערע אינטימע ווינקעלעך אין שטובן און ווימלדיקע געמערקן, שמאָלע און פינצטערע דלות־ליקעלעך און ברייטע ליכטיקע גאַסן, בידנע שוסטער־וואַרשטאַטן און גרויסע פאַבריקן, אָרעמע גראַשנדיקע געוועלבלעך און הורטאָווע געשעפטן... דאָס אַלץ האָט זיך באַוועגט, געוועזן באַלעבט און באַוווינט פון לובלינער אָרעמקייט און מיטלשטאַנד: סוחרים, בעלי־מלאכות און בעלי־יידישע פרנסות. „דאָס בילד וואָלט נישט געווען גאַנץ", זאָגט די מחברטע, ווען איך לאָז אַדורך די טרעגערס, וואָס האָבן זיך אַריינגעשריבן אין דער גאַס ווי אירער אַ כאַראַקטעריסטישער באַשטאַנדטייל. זיי פלעגן שטיין גרופּנווייז און וואַרטן אויף אַ שטיקל אַרבעט, צו שלעפּן שווערע לאַסטן אויף די פלייצעס...". די בילדער זענען אַדורכגעפלאָכטן מיט מעשיות און געשיכטעס וועגן פאָגראָמען און איבערפאַלן, שריפות און אַנדערע פורעניותן, ענגשאַפט און קרענק אין די קאָפּ־אויף־קאָפּ באַזעצטע הייזער און הייף — אַ סך אומגליק און ווייניק פרייד... אַזוי האָט אויסגעזען די יידישע שטאָט לובלין אין די אויגן פון אַ יידיש קינד, דערנאָך אַ שילערין אין די העכערע קלאַסן גימנאַזיע.

ווי אָרעם און אין דחקות מען האָט געלעבט, האָבן די עלטערן געשיקט זייערע קינדער לערנען. שכר־לימוד איז געווען די שווערסטע הלכה, ווייל אין אַ יידישער שטוב אין לובלין האָבן אַלע קינדער געלערנט. אָפט פלעגט מען אָפּשיקן די קינדער אַהיים, פאַר נישט אָפּצאָלן די ראַטעס באַצייטנס. קינדער האָבן געלערנט און זיך אויסגעלערנט. די זיכרונות וועגן די שול־יאָרן, חברים און חברטעס, לערערס און לערערקעס, לימודים און עקזאַמענעס — פאַרנעמען אַ היפּש און בכבודיק אָרט אין בוך...

דאָס בוך דאַרף מען לייענען און באַוווּנדערן די התמדה פון יידישע קינדער אין די שווערסטע אומשטענדן, די איבערגעגעבנקייט פון די פעדאַגאָגן און זייער ליבע צום פאַך ווערן געשילדערט מיט אַ סך וואַרעמקייט און הומאָר.

די אַבסאָלווענטן מיט דער מאַטורע אין האַנט האָבן געשטרעבט צו הויכבילדונג. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַטעריעלע פאַרמעגלעכע. נישן פאַר די נישט פאַרמעגלעכע. זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אויף מאַטעריעלער, נאָך מער — אויף גייסטיקער דעגראַדאַציע. אין יענע יאָרן (1933־1934) איז די יידישע יוגנט געשטאַנען פאַר אַן אַלטערנאַטיווע, אין רומעניע, וווּ איך האָב געלעבט, אין פוילן, וווּ רוזשאַ פישמאַן־שניידמאַן האָט געזוכט איר וועג אין לעבן, איז די לאַגע געווען די זעלבע. דער שרייבער משה אַלטמאַן האָט דעמאָלט געשריבן: „אונדזער יוגנט וואָס לעבט שוין אין דער קאַטאַסטראָפע, איז דאָס ריין־געשיכטלעכער איבעריקער באַלאַסט". זי, די יוגנט, האָט געגאַרט נאָך ממשותדיקן אינהאַלט, פילאָזאָפישן זין און אַפּליקאַטיוון טאַט.

האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן לינקס... דאָס קאַפּיטל „מענטשן, טרוימען, מעשים" שפּיגלט אָפּ דעם דערנער־וועג פון אַ דעזאָריענטירטן דור, וואָס האָט שפּעטער געליטן און איבערגעטראָגן אַ טיפן פאַרדראָס און אַנטוישונג.

דאָס בוך דערשיינט אין ישראל. דאָס איז סימבאָליש. נאָר קיין יידישע מלוכה — מדינת ישראל איז דעמאָלט נאָך נישט געווען. די מערהייט פון דער יידישער יוגנט האָט זיך אָריענטירט אויף דעם ראַטן־פאַרבאַנד, צוליב היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן. און איצט — צי איז די צוציאונגס־קראַפט פון דער נאַציאָנאַלער היים אויסגעוואַקסן? ווו איז אונדזער אידעאַליסטישע יוגנט? אַזעלכע און ענלעכע פראַגן וועקט דאָס בוך, וואָס איז אויך אַ ביאָגראַפיע פון אַ דור צווישן וועלט־מלחמות. שוין דער פאַקט באַשטימט דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן ווערט פונעם בוך.

וואָס שייך דעם קינסטלערישן ווערט — זענען פאַראַן אין דעם דאָזיקן ספר אַ סך זייטלעך פון גוטער יידישער פּראָזע, וואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

(„לעצטע נייעס", 31.12)

השר זבולון המר מקבל את הזוג גולדברג בענין תרגום לעברית „ביים פנקס פון לובלין" של מ. שולשטיין.

מינ. זבולון האַמער האָט אויפגענומען רבקה און שיע גאָלדבערג וועגן דער איבערזעצונג פון מ. שולשטיינס „ביים פנקס פון לובלין".

אַ יישר כוח פאַר ווערטפולע מתנות

צום 65סטן געבוירנטאָג פון **משה קאָרן**, האָט אונדזער קאָמיטעט־מיטגליד **משה זאַלצמאַן** אים איבערגעגעבן זיין מתנה — אַ קאָפּיע פון ווידעאָ־פילם פון לובלינער יום העצמאות באַל אין האָטעל „פלאַזאַ" אין תל־אביב. די קוזינען פון משה זאַלצמאַן, לובאַ און משה קאָרן, האָבן דעם פיינעם געשאַנק איבערגעוויזן דעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, וואָס וועט אונדז דערמעגלעכן צו דעמאָנסטרירן דעם פילם פאַר אונדזערע בני־עיר ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

דאַנקען מיר האַרציק פאַר דער מתנה און ווינטשן משה זאַלצמאַן און די קאָרנס אַ סך געזונט און יאָרן.

✶

אויך **בלומאַ** און **מאָטל טרייסטמאַן** פון מעלבורן האָבן אונדז צוגעשיקט אַ קאָפּיע פון אַ ווידעאָ־פילם פון אַלע אונטערנעמונגען פונעם דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף, וועלכן זיי האָבן „געדרייט" בעת זייער באַזוך אין ישראל. קומט אויך זיי אַ האַרציקן דאַנק.

ארגון יוצאי לובלין בישראל

דער כוח פון אַ מעטריקע

אפרים איינשטיין

דוד שטאָקפיש „אין גאַנג פון געשעענישן" — זאַמלונג פון 260 אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן, אָפּהאַנדלונגען, רעצענזיעס, דערשיינען אין די יאָרן 1945 — 1980 אין דער ישראלדיקער און אויסלענדישער פּרעסע, פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב. 784 ז"ז.

ווען נישט „די שרעק פאַר דער מעטריקע" וואָס איז באַפאַלן דוד שטאָקפיש, וואָלטן מיר נאָך אפשר באַדאַרפט וואַרטן מיטן דערשיינען פון זיין בוך. ווייזט אויס אַז פּחד — הגם נישט קיין באַגרינדעטער — (ווייל וועלכער „צוציק" האָט נישט היינט קיין 70 יאָר ?) — גיט אָפּטמאָל אויך גוטע רעזולטאַטן, זענען מיר טאַקע באַשאַנקען געוואָרן מיט אַ בוך — נישט צום פאַרזינדיקן.

גלייך ווי שטאָקפיש האָט מיר דערלאַנגט דעם ספר, האָב איך דערפילט, אַז ס'איז אַ וואָגיק בוך. קומענדיק אַהיים, האָב איך אויס נייגיר אָנגעהויבן בלעטערן און כאַפּן אַ קוק דאָ, אַ בליק דאָרטן, אויף איין אָרט איבערגעלייענט אַ זייטל, אויף אַ צווייטן אָרט — אַ גאַנץ קאַפּיטל, און איינגעזען, אַז דער באַגריף „וואָגיק" האָט צוויי באַדייטונגען, צוויי עלעמענטן: קוואַליטעט און קוואַנטיטעט. דעריבער האָט גוט געטאָן דער מחבר, וואָס האָט דעם רייכן און פאַרביקן אינהאַלט איינגעטיילט אין זיבן אָפּטיילונגען, מיט אָפּגעקליבענער טעמאַטיק, וועלכע פּאַסט זיך אַריין אין יעדער אָפּטיילונג, אַזוי אַז מ'קאָן דאָס בוך אָנהייבן לייענען פון מיטן און צוריקגיין צום אָנהויב, אָדער פון סוף — און צוריקגיין צום מיטן. יעדער קאָן דאָרט געפינען, וואָס אים אינטערעסירט.

דוד שטאָקפיש איז געבאָרן געוואָרן (און דאָס וועט קיינער נישט אָפּלייקענען) מיט אַ חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אַ חוש פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, באַזונדערס ווען דאָס באַציט זיך צום אַרבעטס־מענטש. ער זעט אויך די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אַנאָמאַליע פון די יידישע פאָלקסמאַסן אין פּוילן, וואָס לעכצן נאָך נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גאולה. און דאָס ברענגט אים אין די רייען פון לינקע פּועלי ציון, דאָרט געפינט ער די סינטעזע פון זיין וועלטאַנשויונג, צוגעפּאַסט צו זיינע שטרעבונגען — און בלייבט איר טריי ביז היינטיקן טאָג. אין דער פּאַרטיי הייבט ער אָן זיין געזעלשאַפטלעכע און זשורנאַליסטישע טעטיקייט, פאַרמאָגט אַ גוט אָבסערוואַציע־אויג און ברענגט אַלץ צום אויסדרוק, קלאָר סטיליזירט, נישט פאַרנעפּלט. מען ווייסט וואָס ער וויל און מ'דאַרף נישט פרעגן „וואָס מיינט ער מיט דעם צו זאָגן", אָדער „וואָס איז ער אויסן ?", ווי דאָס טרעפט אָפּט ביי אַ סך זשורנאַליסטן, וואָס האָבן אפילו געענדיקט אוניווערסיטעטן. ער איז ווי מען רופט דאָס אויף עברית, אַן „איכפּתניק", אַן איבערגענומענער, עס גייט אים אָן, אים אַרט און ס'טוט אים וויי, ער האָט פאַרדרוס און אומצופרידן פון דעם וואָס עס טוט זיך אָפּ. ער זעט דעם ציניזם, פאַלשקייט און צביעות ביי אַ סך פּאַרטיי־פירער, וואָס ביי זיי איז אַלץ איינגעהילט אין אידעאָלאָגישער, אפילו שמעקעדיקער וואַטע, בעת די כוונה איז פּאַקטיש — אינטערעסן, בענקלזוכעריי און מאַטעריעלע שטייגונג. אָט קעגן דעם אַלעמען קעמפט דוד שטאָקפיש מיט זיין פעדער — און דאָס גייט אַדורך ווי אַ רויטער פאָדעם כמעט אין אַלע זיבן אָפּטיילונגען פון דעם כמעט 800־זייטיקן בוך.

איין ביישפּיל וועגן זיין עמפּינדלעכקייט וועל איך ברענגען: ער ריזיקירט מיט פאַרלירן די פריינדשאַפט פון אַן אַלטן, גוטן חבר, וואָס האָט גלייך נאָך דער מלחמה געפּרעדיקט און גערופן אַלעמען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. די גאַנצע גרופּע האָט עולה געווען, נאָר איינער איז כלומרשט געפאָרן זיך זען מיט קרובים און דאָרט געבליבן שטעקן. און דוד פרעגט אים: „זאָג מיר, נאָך אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן און אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי נאָך דער מלחמה, האָסטו געהאַלטן פלאַם־פייערדיקע רעדעס וועגן עליה, געהאַט טענות צום ,בונד', פאַר וואָס זיי שטערן צו פאָרן קיין ישראל, געהאַלטן זיי ממש פאַר פאַררעטער. מען האָט דיר געמאַכט אַ געזעגענונג־אָוונט צו דיין אַוועקפאָרן קיין ישראל, און צום סוף ביסטו געבליבן שטעקן אין פּאַריז. זאָג, ווי לאַנג דאַרף מען זיך פרייען מיט קרובים ?. (זע „אָפענער בריוו צו אַ פאַרזעסענעם' חבר", זייט 626).

די פּאָליטיש־פּאָלעמישע אַרטיקלען אין דעם בוך, באַזונדערס מיט מפא"י, אין דער צייט ווען מפ"ם איז נישט געווען אין דער רעגירונג, זענען, נאַטירלעך באַלויכטן מיט אַ סוביעקטיוון פּראָזשעקטאָר, וואָס איז לעגיטים, ווייל אַ פּובליציסט און יעדער אַנדערער דאַרף פאַרטיידיקן די אידעאָלאָגישע שטעלונג פון זיין באַוועגונג. ווו איז דען געשריבן, אַז אין דער אָביעקטיווקייט ליגט דער אמת ? איז דען בכלל פאַראַן פּאָליטישע, אָביעקטיווע זשורנאַליסטיק ? פאַראַן וואָסערדיקע זשורנאַליסטן, וואָס ווילן זיך נישט איינרייסן. טאָ גיט מען אַ גלעט דעם צד, און דעם צווייטן, אַבי ס'זאָל זיין שלום ביי יידן. דאָס זענען „הויף־זשורנאַליסטן". דאַקעגן די פּאָלעמישע אַרטיקלען אין שטאָקפיש'ס בוך, גיבן צו אַ סך קאָלאָריט. איך פערזענלעך האָב אַן הנאה צו לייענען אַ פּאָלעמיש אַרטיקל. „אין גאַנג פון געשעענישן" האָט ביי מיר אויפגעוועקט איינגעדרימלטע זכרונות פון יענער תקופה.

אינטערעסאַנט איז די אָפּטיילונג „קולטור־פּראָגן, שרייבער און ביכער" (ז' 671). די אַלע וואָס יידיש איז פאַר זיי נישט סתם אַ שפּראַך, דאַרפן נישט אַדורכלאָזן יענע אַרטיקלען. אפשר וועט עס פאַרטרייבן די מרה־שחורה און שרעק, וואָס פּראָפעסיאָנעלע קברנים פון יידיש־לשון האָבן אויף זיי אָנגעוואָרפן במשך צענדליקער יאָרן ! ווי „גוטע מענטשן" מיט אומריינע כוונות, זאָגן אָן מיט נישט ווייניק שאָדן־פרייד, אַז אָט־אָט גייט זי אויס, די אַלטע, גוטע מאַמע יידיש, וואָס קלערט אָבער נישט צו שטאַרבן, להכעיס אַלע שוואַרצזעער. און דווקא ארץ־ישראל, ווו ס'איז געבאָרן געוואָרן דער „גדוד מגיני השפה" איז געוואָרן דער צענטער פאַר יידיש־שאַפונג. לייענט יענע אָפּטיילונג — און דער גלויבן אין יידיש־המשך וועט זיך ביי אייך שטאַרקן.

דאָס בוך פאַרמאָגט אַ סך דאָקומענטאַרן מאַטעריאַל פאַר די קומענדיקע היסטאָריקער, וואָס וועלן שרייבן די געשיכטע פון אונדזער תקופה. דאָס בוך איז געשריבן אין אַ ריינעם יידיש, אין גייסט פון דער רומפולער יידישער פּרעסע אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

אינעם לעצטן, זיבעטן אָפּטייל פונעם בוך וואָס טראָגט דעם נאָמען „מיין היימשטאָט לובלין און אַנדערע ישובים", געפינען מיר אַרטיקלען און ראַדיאָ־רעדעס וועגן אונדזער עיר ואם בישראל, ווי אויך אַ גרעסערן רעפּאָרטאַזש פון זיינעם אַ באַזוך מיט 8 יאָר צוריק ביי אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן און לאַנדסלייט אין פּאַריז, בריסל, מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ, לאָנדאָן, ניו־יאָרק, לאָס־אַנזשעלעס, בוענאָס־איירעס, סאַן־פּאַולאָ און ריאָ־דע־זשאַנעיראָ.

✶

באַשליסנדיק צו שרייבן וועגן דעם בוך, האָב איך זיך געפונען אין דער לאַגע פון אַ פרוי, וועלכע גייט אין סופּערמאַרקעט קויפן עפּעס אַ נויטווענדיקע זאַך פאַר איר ווירטשאַפט, אָבער אַריינגייענדיק דאָרט, טרעפט זי אָן פולע פּאָליצעס מיט כל טוב. נאָר וויסנדיק איר בודזשעט, מוז זי באַגנוגענען זיך מיט אַ סך ווייניקער... אין דער זעלבער סיטואַציע האָב איך זיך געפונען, וויסנדיק די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון אונדזער „לובלינער שטימע". ס'האָט זיך געוואָלט שרייבן וועגן דעם בוך אַ סך מער, נאָר דער „בודזשעט" (דאָס אָרט) — דערלאָזט נישט. ווי זאָגט אַ פּויליש ווערטל: „אַז ס'איז נישטאָ וואָס מען האָט ליב, האָט מען ליב וואָס ס'איז דאָ"...

לובלינער יידן שרייבן אונדז

אין לעצטן יאָר האָבן מיר באַקומען צענדליקער בריוו פון לובלינער יידן, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דער וועלט. די אַלע בריוו און ווענדונגען האָבן באַקומען אַן ענטפער — די קאָרעספּאָנדענץ האַלט אָן. לײַדער, פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס מאַכן אַ שווייג, גלייך נישט זיי מיינט מען...

מיר ברענגען ווייטער אויסצוגן פון בריוו, וואָס באַרירן אַלגעמיינע, געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

העניעק פּרוכטמאַן, ניו־יאָרק:

...אַ האַרציקן דאַנק פאַר דעם „קול לובלין" נומ' 17, ווו כ'האָב אויך געפונען דיינעם אַ באַריכט וועגן צונויפטרעפן מיט לובלינער אין עטלעכע לענדער. באַזונדערס האָט מיך גערירט דיין דערמאָנען מיין גוטן פריינד פּרץ שעכטמאַן פון סידני, וואָס האָבן געהאַט אַ געשעפט פון שניידעריי־צודאַטן אויף קאָזשע־גאַס. איך בין מיט אים אין קאָנטאַקט.

די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק האָט הײַ־יאָר פאַרלוירן איר פּרעזידענט, לעאָ פלוג ז"ל, וואָס איז אַ סך יאָרן געווען אַקטיוו אין דער סאָסייעטי. איצט בין איך געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער און כ'וויל גלויבן, אַז אונדזערע פאַרבינדונגען וועלן זיין פעסטער ווי ביז איצט.

שלמה זינשטיין דאַרף באַזוכן ישראל און ער וועט אייך איבערגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון ניו־יאָרק. בייגעלייגט די איינלאַדונג צו דער יזכור־אַקאַדעמיע אין ניו־יאָרק. איך שיק 50 דאָלאַר פאַרן זשורנאַל. די בעסטע גרוסן פאַר אַלע לובלינער.

✶

יוסף שנור, לאָס־אַנזשעלעס:

מיין פרוי און איך האָבן פאַרלאָזט ישראל מיט די בעסטע איינדרוקן פונעם דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף, און גאַנץ באַזונדערס — פון דעם יום העצמאות באַל. אויפן וועג אַהיים, קיין לאָס־אַנזשעלעס, האָבן מיר אָפּגעטרעטן אין פאַריז. אויך דאָ האָט אונדז דערוואַרט אַ פיינער הכנסת־אורחים מצד אונדזערע לובלינער. טעשקע פאַרשטעטער האָט אונדז מיטגענומען אויף דעם גרויסן אָנדענק־אַקט אין יאָרטאָג פון דעפּאָרטירן די יידן קיין אוישוויץ. אַ 200 קילאָמעטער פון פאַריז, זענען פאַראַן 2 דענקמעלער לזכר די אומגעקומענע און דעפּאָרטירטע. דאָרט איז אויך געווען אַן אויסשטעלונג פון די שול־קינדער אויף דער טעמע פון אומקום און ווידערשטאַנד.

מיר האָבן אויך בייגעוווינט אַ זיצונג פון לובלינער קאָמיטעט אין פראַנקרייך. נאָך דער זיצונג, האָט גיטעלע און יידל עדעלשטיין אונדז געוויזן פאַריז.

איך וויל אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק טעשקען, גיטעלען און יידלען, פאַר דער האַרציקער אויפנאַמע זייערער אין פאַריז: די פריינד לובאַ און משה קאָרן פאַרן דערמעגלעכן הונדערטער לובלינער פון דער וועלט און פון ישראל צו פרייען זיך מיטן 35סטן יום העצמאות; און דעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל פאַרן אָרגאַניזירן דעם איינדרוקספולן וועלט־צוזאַמענטרעף.

✶

ישראל אייזנבערג, לאָס־אַנזשעלעס:

...שטעלסט זיך גאָרנישט פאָר, ווי געשמאַק עס לייענט זיך יעדער נומער „לובלינער שטימע". ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס פיל לובלינער יידן אין דער וועלט האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייער פאַרגאַנגענהייט, פון דער שטאָט און אירע מענטשן, וואָס זענען געבליבן נאָך דעם גרויסן חורבן. אין מיינע אויגן איז „קול לובלין" נישט קיין זשורנאַל, צי אַ צייטונג, נאָר אַ הייליק ספר. איך ווייס, אַז די ווען איך גיב די אויסגאַבע אין לאָס־אַנזשעלעס, האָבן אַ שטאַרקע הנאה פון לייענען און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אַ נייעם נומער.

✶

בראָניע וואַסערמאַן־עקהאוס, מעלבורן

מיט עטלעכע טעג צוריק דערהאַלטן די „לובלינער שטימע". אַ זייער רייכער אינהאַלט. די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט מעגן זיין שטאָלץ מיט דער אויסגאַבע. אַ שאָד, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי

שפּעט געטראָפן און פאַרשטענדיקט. אונדזערע לובלינער דאָ, אין מעלבורן, זענען „בעסער געוואָרן". אויף אַן אָוונט (אַ מוצאי־שבת) ביי אונדז אין דער היים, זענען געקומען עטלעכע פערציק לובלינער יידן און פון אומגעגענט. ביי אַ טיי מיט צובייס, האָבן מיר געשמועסט, דערמאָנט זיך פון די פאַרגאַנגענע צייטן, זיך געוויצלט און אויך — געזונגען (מיר האָבן דאָך דעם חזן שטערנפיין, אונדזער בן־עיר). דער רעזולטאַט פון דעם צוזאַמענטרעף איז געווען דער גרויסער אַנטייל פון לובלינער אויף דעם אַלגעמיינעם יזכור־אַקט ביים שואה־דענקמאָל (בעת מיט אַ יאָר פריער איז קוים געווען אַ מנין...). מיר אַרבעטן מיט מיטן פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן און „קדימה" וועגן רעאַליזירן דעם פּראָיעקט פון אַ מוזעאום געווידמעט דעם אומקום און גבורה.

...דיין באַזוך אין מעלבורן האָט געהאָלפן אויפוועקן פון לעטאַרגישן שלאָף אונדזערע לובלינער יידן. איך און מישאַ וועלן אַוודאי קומען צום דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף.

✶

מאַטיס זשעלאַזאָ, פאַריז:

דערהאַלטן דעם זשורנאַל, ווי אויך די איינלאַדונג צום וועלט־צוזאַמענטרעף. דער פּראָגראַם פון צוזאַמענטרעף איז זייער אַ רייכער און באַווייזט אייערע אַקטיוויטעטן און פאַרמעסטן, אין וועלכע איך זע אַ המשך פון די רייכע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טראַדיציעס פון דער יידישער לובלין, וואָס האָט מיט ליכטיקע אותיות זיך פאַרשריבן אין אונדזער געשיכטע.

איך קום צו פאָרן קיין ישראל דעם 3טן אַפּריל און וועל זיך באַטייליקן אין אַלע אונטערנעמונגען און האָף אויך צו טרעפן חברים און פריינד פון די יוגנט־יאָרן.

✶

לייבל גאָזשיטשאַנסקי, פאַריז:

דער צוזאַמענפאָר פון די לובלינער איז געווען זייער אַ געלונגענער. איך שטעל זיך פאָר, אַז דאָס אַלץ האָט זיך נישט געמאַכט אַליין. קומט טאַקע אַ דאַנק די אַלע וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צום דערפאָלג. אויף שריט און טריט האָט זיך געפילט די וואַרעמקייט און פריינדשאַפט פון אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל, ספּעציעל פון דיר. פאַר אַזאַ איינעם ווי איך, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען אָפּגעריסן פון דער סאָסייעטי, זענען די אַלע צוזאַמענטרעפן געווען אַ שטאַרקע, אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג.

✶

יעקב ווייצענפעלד, מיאַמי:

אַ דאַנק פאַר דער איינלאַדונג צום וועלט־צוזאַמענטרעף, אָבער נישט געקאָנט קומען, ווייל אין דער צייט איז אויך פאָרגעקומען אין וואַשינגטאָן דער אינטערנאַציאָנעלער צונויפקום צום 40טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. פון פלאָרידאַ זענען געפאָרן אַ 100 מענטשן — און מיר צווישן זיי. לײַדער, אין וואַשינגטאָן נישט געטראָפן קיין סך לובלינער, נאָר די פאַמיליע אייזענבערג (פון לאָס־אַנזשעלעס), פּרוכטמאַן, זינשטיין און מיטעלמאַן (פון ניו־יאָרק). אפשר איז נאָך ווער געווען, נאָר איך ווייס נישט פון אַנדערע. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט אויף אַלע אָנוועזנדיקע (מען שאַצט — 50 טויזנט מענטשן) די אויפטריטן פון די ישראל־דיקע אַנסאַמבלען.

און איצט — אַ טרויעריקע ידיעה: מיר האָבן הײַ־יאָר באַגלייט צו אייביקער רו אונדזער בן־עיר סאָל (צלאל) פליישהאַקער. נפטר געוואָרן דעם 22סטן יאַנואַר 1983. ער האָט פאַריתומט אַ פרוי און קינדער. כבוד זיין אָנדענק!

✶

ד"ר בינם ווייס, וואַרשע:

4.2.1983

...אַ האַרציקן דאַנק פאַר דעם איילאַדונג

צום וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער. ווי נאָר מיר וועט געלינגען צו דערליידיקן די פּאַספּאָרט־פאָרמאַליטעטן, וועל איך קומען צו דער פייערונג פון אַמאָליקע לובלינער יידן. מיר גייט שטאַרק אין לעבן, צו טרעפן זיך מיט אייך, אין אַזאַ גרויסער געזעלשאַפט. כ׳וועל אַלץ טאָן, וואָס נאָר אָפּהענגיק פון מיר, צו באַגעגענען זיך מיט לאַנדסלייט.

די בעסטע גרוסן און צום ווידערזען. שלום!

28.3.1983

כ׳בין זייער פאַרצווייפלט און דערדריקט, וואָס כ׳קאָן זיך נישט באַטייליקן אינעם וועלט־צוזאַמענטרעף פון די געוועזענע איינוווינערס פון לובלין. כ׳האָב אַזוי געוואָלט זיך באַטייליקן, צוזאַמען מיט אַלע אין די פייערונגען לכבוד די טראַגישע, און גלייכצייטיק העלדישע יאָרצייטן. כ׳בין געווען זיכער, אַז מיר וועט געלונגען צו טרעפן זיך מיט לאַנדסלייט, פריינד, חברים, וואָס איך געדענק זיי, אָדער זיי געדענקען מיך, פאַרברענגען עטלעכע טעג אין אַ סביבה פון נאָענטע מענטשן.

מיר איז נישט געלונגען דאָס צו רעאַליזירן, וואָס טוט מיר שטאַרק וויי. נאָר זיי זיכער, ליבער דוד, אַז אין די דאָזיקע טעג וועל איך מיט מיינע געדאַנקען זיין מיט אייך. אייער טרויער און ווייטיק איז אויך מיין טרויער און ווייטיק, ווייל מיר, די לעבן־געבליבענע, וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן די אונדז טייערע לובלין און די טראַגעדיע פון די לובלינער יידן.

נישטאָ קיין יידן אין לובלין. נישטאָ די קוואַרטאַלן, ווו יידן האָבן געוווינט. נישטאָ די גאַסן, ווו ס׳האָט געשפּרודלט מיט יידיש לעבן. נישטאָ די שעראָקע און פּאָדזאַמטשע, די נאַדרסטאַוונע און קראַוויעצקע, יאטעטשנע און זאַמקאָווע. ס׳זענען נאָר געבליבן דערינערונגען.

וויפל מאָל איך קום קיין לובלין, דוכט זיך מיר אויס, אַז כ׳וועל באַלד ווידער דערזען די גאַסן, פאַרפולט מיט די אַזוי טייערע געשטאַלטן. אָבער ס׳איז נישט מער ווי אַן אילוזיע. אילוזיע! ס׳איז שווער און פּיינלעך משלים צו זיין מיט דעם, אַז „אין יעדן הויפן אַש, זוך איך מיינע נאָענטע". זאָל אונדזער טרייסט און היילונג זיין „עם ישראל חי"!

גרוסן פאַר דיר און פאַר אַלע אַנטייל־נעמערס אינעם וועלט־צוזאַמענטרעף.

✶

מיט אַ וואָך צוריק, דעם 16טן אויגוסט, בין איך געווען אין לובלין און דאָרט דאַרף מען אָנרופן אַ גאַס אויפן נאָמען „די מאַרטירער פון לובלינער געטאָ" (אוליצאַ „מענטשענ־ניקאָם געטאַ לובעלסקיעגאָ"). דער ענין איז שוין באַשטעטיקט דורכן שטאָט־פּרעזידענט, לויט אַ באַשלוס פון שטאָטראַט. אויף וועלכן אָרט די גאַס וועט זיך געפינען, איז נאָך נישט באַוווסט. ערשט אין סעפּטעמבער וועל איך זיין אין לובלין און דעמאָלט וועט דער ענין דעפיניטיוו באַשטימט ווערן.

נאָך עפּעס: איך האָב פריער אָפּגערעדט, אַז אויף עטלעכע געביידעס זאָל ווערן איינגעמויערט אָנדענק־טאָוולען: אויפן בנין פון דער געוועזענער ישיבת חכמי לובלין, פון יידישן שפּיטאָל, פונעם פּרץ־הויז, ווי אויך אויפן אָרט ווו סזענען געשטאַנען די מהרש"ל שיל און מהר"ם־שיל. האָסט מיר געשריבן, אַז מעגלעך אַ באַזוך פון אַ גרופּע לובלינער אין פּוילן, אפשר וועט זיך לאָזן אין דער צייט אַדורכפירן די פייערונג פון אָנרופן די גאַס, אָדער פון אָנקלאַפּן די טאָוולען.

אויסער דעם זאַמל איך מאַטעריאַלן אויף אָנצושרייבן צוויי אַרטיקלען וועגן לובלין: 1) וועגן דער ישיבה. 2) וועגן יידישע דאָקטוירים אין לובלין. וואָס שייך דעם לעצטן, וועט ער ווערן אָפּגעדרוקט אינעם „אַרכיוו פאַר געשיכטע און פילאָזאָפיע פון דער מעדיצין", אַן אויסגאַבע וואָס איך בין דער פאַרטרעטער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר. וואָס שייך דער ישיבה, וועל איך געפונען אַ פאַרלאַג וואָס וועט דאָס אָפּדרוקן.

אַ בקשה און ווענדונג: אויב ווער פון די לובלינער יידן האָט מאַטעריאַלן און בילדער וואָס האָבן אַ שייכות צו די צוויי דערמאָנטע טעמעס און מיר געוואָלט זיי צושטעלן — וועל איך אים זייער דאַנקבאַר זיין ס׳איז אויך געווונטשן מאַטעריאַלן וועגן „טאָז", וואָס איז געבונדן מיט דער פראַגע פון דאָקטוירים.

איך ווינטש דיר, דיין פרוי און אַלע לובלינער — אַ סך געזונט און גוטע שטימונג. מיט האַרציקע גרוסן, שלום —

ב. ווייס

★

איטקע און יעקב פעלדמאַן, תל־אביב

אויך היי־יאָר פאַרגעסן מיר נישט אונדזער חוב און שיקן איבער 500 שקל פאַר אונדזער אויסגאַבע „קול לובלין", וואָס ווערט אינטערעסאַנטער און אינהאַלטרייכער פון יאָר צו יאָר. די צייטונג לאָזט נישט פאַרגעסן די יידישע לובלין, אירע יידן, אונדזערע משפחות.

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר איבערשיקן די בעסטע ווונטשן דעם רעדאַקטאָר פון „קול לובלין", דוד שטאָקפיש, צו זיין ווערן אַ בן־שבעים — און ווילן אים דאַנקען פאַר דער ווערטפולער, אינטערעסאַנטער צייטונג.

ארגון יוצאי לובלין בישראל

דו"ח הכנסות והוצאות מ - 1.10.82 עד 30.9.83

הוצאות	
מענקים לנצרכים	83,000
מלגות לימוד	54,000
ספרים	27,000
חוברת קול לובלין	31,825
אזכרות	4,570
כנסים,אספות,מסיבות.	210,545
שליחויות ונסיעות	14,233
דואר ובולים	8,059
ישיבות וכו'	1,745
החזקת משרד ושכ"ד	5,006
משרדיות ושונות	11,946
סה"כ	451,929
תשלום חב' נאמנות בלל.	17,532
סה"כ הוצאות	469,461

הכנסות		
דמי חבר ותרומות בשקלים		214,864
דמי חבר ותרומות במט"ח		214,402
מכירת ספרים		4,816
מכירת תמונות		40,000
סה"כ הכנסות		474,082
הוצאות		469,461
יתרה		4,621
רבית פקדון מט"ח	80,773	
ניכוי מס-הכנסה	28,271	52,502
הפרשי המרת מט"ח		97,538
יתרה		154,661
הפרשי שערוך מט"ח ל-30.9		
דולר ארה"ב	1,475,932	
לפי ספרים	761,643	714,289
דולר קנדי	58,647	
לפי ספרים	35,336	23,311
יתרה שלא נוצלה		892,261

אקטיב		
רכוש		
חדר לובלין	6,000	
ציוד ורהוט	3,000	9,000
בנק הדואר עו"ש		672
בנק הפועלים עו"ש		16,357
בנק הפועלים		
דולר ארה"ב	23906.45	1.475.932
דולר קנדי	1738.70	58,647
תשלומים ע"ח חוברת לובלין		20,000
סה"כ		1.580.608

פסיב	
היתרה ל-30.9.82	688,347
היתרה ל-30.9.83	892,261
סה"כ	1,580,608

יו"ר:	המזכיר:	הגזבר:
ד. שטוקפיש	מ. הורן	י. רחמן

יתרות בחברה לנאמנות של בנק לאומי בע"מ:

1. קרן עזרה ע"ש בלה דובז'ינסקה ז"ל - ל=25.7.83	539,218 שקל
2. קרן עזרה ע"ש יצחק שבח לוינשטיין ז"ל ל=31.7.83	233,413 "
	772,631 "

לייבל (אריה) מנדלבוים ז"ל

באנו להיפרד ממך, לייבל, על קברך הרענן: המשפחה, החברים, הידידים, בני עירך לובלין. כה רבים באו. הרי אהבת אנשים, אהבת אותם באשר הם.

המחלה האיומה שניצחה את הגוף, לא יכלה לנפש עירנית ורגישה.

בימי המלחמה, בתקופת השואה, מצאת מקלט בברית־המועצות. האכזבות מן החיים שם גרמו לכך, שבשנת 1956 עלית ארצה, יחד עם רעיתך היקרה סימה ושני ילדיך — בן ובת. הקמת משפחה לתפארת בהרצליה.

רצון עז היה לך לדעת, לעקוב אחרי המתרחש, להיות מעורב בכל הבעיות של הלובלינאים. לכן הצטרפת לארגון יוצאי עירנו כחבר הנשיאות ויו"ר ועדת הסעד. דאגת לעזור לנצרכים.

זוכרים את דמותך, לייבל: זקוף, סוער, עליז, עם החיוך הלבבי. ובמסיבות — בשירה מלבלבת.

מצאנו בבית שלכם הכנסת אורחים, אווירה מיוחדת במינה והתענינות רבה בענינים ציבוריים בכלל, ובבעיות יוצאי עירנו בפרט.

קשה להשלים עם העובדה המרה, שמרדן ולוחם כמו לייבל, נכנע למחלה ממארת, למרות מאמצי הרופאים ומסירותה והקרבתה של רעיתך סימה וילדיה.

הסתלקותו של לייבל, היא אבידה לא רק למשפחה, אלא גם ליוצאי לובלין בישראל ובתפוצות.

אנו, יחד עם המשפחה, חייבים לדאוג לכך, שעם סתימת הגולל, לא ישכח שמו של לייבל מנדלבוים, אלא להנציחו בצורה מכובדת.

יהי זכרו ברוך!

מ. הורן

דברים על קברו

דער גוטהאַרציקער לייבל

מיט לייבלען האָט מיך געבונדן אַ סך יאָרן פון פריינדשאַפט — סיי אין דער פאַרמלחמה־דיקער לובלין, ווי דאָ, אין מדינת ישראל. פון דער אַלטער היים געדענק איך לייב מאַנדעלבוים, ווי דעם אַקטיוון יוגנט־חבר ביי לינקע פועלי־ציון און פון ספּאָרט־קלוב „שטערן". אין די פּאַרטיי־לאָקאַלן אויף רינעק 10, רוסקע 18 און גראָדזקע 16, האָט מען זיך געטראָפן נישט איינמאָל און פון די אָפטע שמועסן און קאָנטאַקטן ביי פאַרשיידענע אַרבעטן, האָט מען גלייך געזען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן ערנסטן בחור, מיט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש, וואָס וויל צולייגן אַ האַנט צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון יידישן פאָלק.

געבוירן דעם 6טן מערץ 1914, ביי די עלטערן יעקב און יוכבד, וואָס האָבן געוווינט אויף יאַטעטשנע 6.

דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט צונישט געמאַכט אַלע שיינע טרוימען. מיט זיין פרוי סימע אַנטלויפט ער קיין סאָוויעט־רוסלאַנד און דאָרט מאַכט מען אַדורך דעם יסורים־וועג פון אַ פליט און מ'פאַרשיקט זיי קיין סיביר. נאָר די אַלע וואָס זענען מיט זיי געווען צוזאַמען אין יענע יאָרן, ווייסן צו דערציילן פון דער האַרציקייט, פריינטלעכקייט און הילף, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן מענטשן אין אַ נויט.

אין 1946 קומט מען צוריק קיין פוילן מיט דער רעפּאַטריאַציע פון רוסלאַנד, נאָר אין דער חרובער לובלין ווילן זיך נישט באַזעצן די מאַנדעלבוים'ס. זיי אָרדענען זיך איין אין דזשערזשאָנוו (רייכבאַך), ווו לייבל אַרבעט אין אַ שניידער־קאָאָפּעראַטיוו.

אין יאָר 1957 קומען סימע, לייבל און זייערע 2 קינדער קיין ישראל. זיי באַזעצן זיך אין הרצליה. לייבל אַרבעט אַלס צושניידער־מאָדעליסט אין אַ פאַבריק. נאָר אַזוי ווי די נייגונג צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז ביי אים פאַרבליבן נאָך פון דער אַלטער היים, ווערט ער אַקטיוו ביי דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל. ער ווערט אויסגעקליבן אין דער פאַרוואַלטונג, דערנאָך אין פּרעזידיום, ווו ער נעמט אויף זיך דעם עול פון דער א. ג. סאָציאַלער אָפּטיילונג. ביי לייבלען איז דער דאָזיקער אַמט נישט געווען קיין „בענקל", אָדער „שליפעס" — נאָר אַ הייליקע אויפגאַבע, אַ וויכטיקע שליחות פון באַזוכן 2 מאָל (און אויך מערער) אין יאָר, ברענגען אַ נויטבאַדערפטיקן ייד דעם טשעק אין שטוב אַריין, צוזאַמען מיט אַ „חג שמח" און — דער עיקר — מיט אַ סך וואַרעמקייט און מיטגעפיל פאַר דעם וואָס האָט זיך געניייטיקט אין אַ גוט וואָרט — און דאָס אַלץ האָט לייבל פאַרמאָגט בשפע.

אויף אַלע לובלינער אונטערנעמונגען, האָבן מיר אים געזען ביים אַריינגאַנג, ווו ר'האָט גענומען איינטריט־געלט ביי די באַזוכערס. די דאָזיקע אַרבעט, ווי אַלע אַנדערע אויפגאַבן, וועלכע ער האָט אויף זיך גענומען פרייוויליק, האָט ער אויסגעפירט מיט אחריות און ליבשאַפט.

מיט 4 יאָר צוריק אַרויס אויף פּענסיע, אָבער ר'איז געווען באַליבט ביי די אַרבעטער און אונטערנעמערס — און ווייטער ממשיך געווען אין דער אונטערנעמונג.

זאָל מיר אויך דערלויבט זיין אַ פּערזענלעכע דערמאָנונג לזכר אַ נאָענטן חבר און פריינד: אין נאָוועמבער 1982 בין איך מיט מיין פרוי פאַרבעטן געוואָרן צו די מאַנדעלבוימס אויף אַ שבת־צו־נאַכטס, צו טרעפן זיך מיט לובלינער יידן. בעצם, זענען אַזעלכע פאַרבעטונגען נישט געווען קיין נייעס אין דער באמת גאַסטפריינטלעכער היים זייערער אין הרצליה, ווו מיר זענען געווען אָפטע געסט. נאָר דאָס מאָל האָט מיך דערוואַרט אַ סיורפּריז, ווייל די גאַסטגעבערס האָבן גאָר צוגעגרייט אַן אויפנאַמע לכבוד מיינע זיבעציק יאָר און פאַרבעטן ביי אַ 40 מענטשן, צו געדעקטע טישן כיד המלך. כ'בין געווען איבעראַשט און גערירט פון דער פריינדלעכקייט פון סימאַן און לייבלען און אים געווונטשן, אַז ביי זיינע זיבעציק, זאָל איך אים אויך „אָפּטאָן אַ שפּיצל" און איינאָרדענען אַ מסיבה.

ווערט פאַרקלעמט דאָס האַרץ איבערן טראַגישן גורל פון דעם האַרציקן מענטש, וואָס כ'האָב נישט זוכה געווען מקיים צו זיין לגבי אים מיין צוזאָג. די שרעקלעכע קאַנסער־קראַנקייט איז בייגעקומען דעם שטאַרקן, ענערגישן, לעבנסלוסטיקן און גוטהאַרציקן מאַן, פאָטער, זיידע און איבערגעגעבענעם ייד דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט.

לייבל האָט פאַריתומט זיין טרייע לעבנס־באַגלייטערין סימאַ, אַ זון, שנור מיט צוויי קינדער, אַ טאָכטער, איידעם מיט צוויי קינדער, זיין שוועסטער בעלאַ מיטן מאַן. אויך לובלינער יידן אין ישראל פילן זיך פאַריתומט און פאַרלאָזן, און גאַנץ באַזונדערס — די איינזאַמע און נויטבאַדערפטיקע, פאַר וועמען דער פאַרשטאָרבענער איז געווען ווי אַ טאַטע.

כבוד זיין אָנדענק!

דוד שטאָקפיש

האזכרה לקדושי לובלין

ביום ד' 23.11.83 –
י"ז כסלו תשמ"ד, ב=7
בערב בבית המליץ בת"א.
האולם פתוח מ=6 בערב.

אוה אלזון ז״ל

נולדה ב־25.3.1924, נפטרה ב־13.2.1983

אוה אלזון ז״ל נולדה בפולין בשנת 1924 והייתה הצעירה מבין עשרת אחיה ואחיותיה. עם פרוץ המלחמה עברה את השואה במחנות העבודה פלשוב וסקרז׳יסקו, שם ניספו ששה מאחיה.

בתום המלחמה השתחררה על גדות הנהר אלבה. בשנת 1946 נשאה לבעלה נתן (יליד לובלין) ובשנת 1949 עלתה לארץ עם בעלה ובתה הקטנה.

שנותיהם הראשונות בארץ היו מהקשות ביותר, והם התגוררו תחילה בעיר יפו, שם גם נולד בנם.

לאחר מספר שנים עברה המשפחה להתגורר בחולון. על־אף הקשיים באותה תקופה, דאגה האם תמיד לכל מחסורי הבית, ותמיד עם חיוך שלא מש משפתותיה. ילדיה גדלו ונישאו, ואז נולדו הנכדים. וכשם שהיתה אם מסורה, כך הפכה להיות סבתה נפלאה ואהובה על כולם. משאלתה הגדולה בחיים הייתה להגיע לבר־המצווה של הנכד הבכור, אך הגורל האכזר קטע את תקוותיה, והיא נפלה למשכב. לאחר מספר ימי מחלה נפטרה. בת 59 שנים הייתה.

השאירה במותה בעל, בת, בן, חתנים, וחמישה נכדים.

יהיה זכרה ברוך.

המשפחה

✱

לולה גריזולט-שפירא ז״ל

עם מותה של לולה, שהכרתיה עוד בנעוריה, הציף גל של זכרונות את ראשי מהימים ההם.

הוריה נפטרו בגיל צעיר, בסוף מלחמת עולם הראשונה, ממחלת הטיפוס, שהשתוללה אז בפולין והשאירו לגורלם שבעה ילדים — שש בנות ובן אחד. ולא קל היה להם לנהל את מלחמת הקיום בעיר, שרוב הנוער היהודי היה מחוסר עבודה והמשרות הממשלתיות והעירוניות היו סגורות בפניהם. בימים ההם לא היו קיימים ביטוח לאומי, מענקי־לידה, קיצבות לילדים, מענקי אבטלה, אפילו בתור מושג. אבל, לפי הפתגם ביידיש „נויט ברעכט אייזן״, מצאו בכל זאת, חלק מהבנות שאפירא והבן, משרות וקיימו את המשפחה בכבוד בכוחות עצמן.

לולה מצאה משרה בקואופרטיב היהודי היחידי שהיה בלובלין, בקרן הרחובות לוברטובסקה—בוניפרטרסקה, שנקרא בפולנית „ספולדז׳ילניה״.

בנות שאפירא היו ידועות בלובלין כיפיפיות.

לולה מצאה פורקן לאידיאלים שלה בשורות „פועלי ציון שמאל״ והיתה פעילה במפלגה. השתתפה בכל הועדות ולדעותיה היה משקל רב.

לולה גריזולט־שפירא ז״ל

חן הליכותיה והופעתה הרשימה את ברל גריזולט ז״ל, לו נישאה בשנת 1930. ברל בא ממשפחה „בורגנית״ (לפי המושגים בימים ההם), וגם הוא היה חבר פעיל ב„פועלי ציון״.

בשנת 1933, הם עלו ארצה עם תינוקת בת שנתיים. ברל התחיל את עבודתו הראשונה בעשיית בלוקים לבנין. זו היתה עבודה מפרכת, ובקבלנות. וכאשר גם עבודה זו לא היתה, קיבל ברל כל עבודה שהוצעה לו ע״י הלשכה. אבל ההיצע היה מועט והדרישות מרובות, כי שוק העבודה היה מצומק מאד. מענקי אבטלה לא היו קיימים. לכל היותר יכולת לקבל הלוואה עד 10 לירות בבנק „הלואה וחסכון״, אם היו לך 2 ערבים מהימנים. בינתיים נוספה עוד בת למשפחה, וזה שם קץ לתקוותה של לולה, לצאת לעבודה לעזרת המשפחה. העבודה בשביל בנות בימים ההם היתה משק בית. בלית־ברירה פנו למסחר, ומשפחת שפירא־גריזולט פתחו מכולת, שלא דרש השקעה גדולה — ובזה עסקו, עד ליציאתם לפנסיה.

זכור לי מקרה, שפעם ביקרתים בחנות המכולת. ברל לא הרגיש עצמו בנוח, כשראיתיו מאחורי הדלפק. הוא אמר לי: „אפרים, לא פיללתי, שאהיה חנווני בארץ־ישראל, זה נוגד כל האידיאלים שלי וכל מה שספגתי מתורת בורוכוב על פרודוקטיוויזציה של העם היהודי בארץ־ישראל״. עניתי לו: „תנוח דעתך, ברל, לפרנס משפחה בכבוד — זה אידיאל הכי נשגב״.

ביתם של לולה וברל, היה בית מפגש פתוח לחברי פועלי ציון וסתם בני־עיר. הזוג גריזולט היו ממייסדי ארגון יוצאי לובלין הראשון וברל שימש בו כגזבר. שניהם עסקו באיסוף כספים למשלוח חבילות בגדים ומזון לבני לובלין בגלות רוסיה במלחמת העולם השניה. הוא הספיק גם להיות חבר ועד בארגון יוצאי לובלין הנוכחי. גורלם של ארבעת אחיותיה והאח, היה כגורל כל יהודי לובלין. לולה הספיקה להציל מצפורני הנאצים את אחותה בת הזקונים שרה׳לה (כעת רבינוביץ).

אחרי מותו של ברל, הידרדר בריאותה של לולה. היא נפגעה במוחה ובמשך שבע שנים היתה במוסד, תחת השגחתם המסורה של בנותיה ונכדיה.

לולה השאירה משפחה ענפה — שתי בנות, חתנים שהיו לה כבנים, נכדים ונינים.

ביקרתי בביתם של הבנות, ראיתי בתים מסודרים כבימינו, אבל צער ויגון שררו בתוכם על האם הטובה שסיימה את חייה על כסא גלגלים ומתוך הכרה מטושטשת, שרק החיוך המקסים נשאר על פניה.

קרוביה וידידיה הרבים יזכרו זמן רב את דמותה האצילה, את לולה החייכנית, המבירה פנים לכולם, ובעלת קסם אישי רב.

יהי זכרה ברוך!

אפרים איינשטיין

✱

ירחמיאל גרנדה ז״ל

נפטר ב־6.6.82 (ט״ו בסיון תשמ״ב), כאשר מתוך עיניו הסובלות ניבטת התקווה, כי ימשיך לחיות.

וכך היה כל ימיו — מקוה לטוב, בעל דמיון וחוש הומור.

כל פינה בבית וכל חפץ זכה לטיפול מידו

teatrnn.pl

ומבטו — כל־כולו הבית והמשפחה, לה היה מסור בכל מאודו והיא כל גאוותו.

נולד ב־1918 בעיר לובלין, כבן למשפחת סוחרים אמידה. לאחר השואה, נותר שריד יחיד למשפחה, בת 9 נפשות. עלה ארצה ב־1949 ובזיעת אפו הקים בית לתפארת.

השאיר אשה קלרה, בת, בעלה ו־2 ילדים, בן ו־2 ילדים.

יהי זכרו ברוך!

הבת שרה

★

שלמה וואַלבערג ז״ל

פון מאָנטרעאַל האָבן מיר דערהאַלטן די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פון שלמה וואָלבערג, דער ברודער פון רחלע זימעלשטערן און שוואָגער פון נעיטן זימעלשטערן, פרעזידענט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל. אונדזער טרייסט דער משפחה. דער פאַרשטאָרבענער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין באַשיידן, ערלעך לעבן. כבוד זיין אָנדענק!

עו״ד נתן טמקין ז״ל

נולד בלובלין ב־1908. הוריו, שהקדישו חייהם להענקת חינוך והשכלה לעשרת בניהם ובנותיהם, החדירו בהם יחס של כבוד והערכה למורשת היהודית. יחס זה הותיר בו רושם עמוק ובמשך שנים ניכרו בו השורשיו היהודיים.

בהיותו בן 16 סיים את בית־הספר היהודי בלובלין. למרות ההתנכלויות מטעם השלטונות הפולניים למוסדות יהודיים, עבר בהצלחה את כל המכשולים — ויחד עם קומץ חברים הוענקה לו תעודת הבגרות. את לימודיו המשיך בוורשה, בפקולטה למשפטים. חיי הסטודנטים היהודיים בבירת פולין, היו רצופים קשיים ומכשולים מצד האנטישמיים. אך למרות כל אלה, סיים בהצלחה למודיו והוסמך כעורך־דין. לאחר סיום התמחותו, ניהל משרד עורכי־דין בוורשה, עד פרוץ מלחמת העולם השניה.

בספטמבר 1939, יחד עם יהודים רבים, נמלט מאימי הצורר הנאצי לברית־המועצות. שם נלחם על קיומו, יחד עם עוד פליטים. מחלות, רעב ורדיפות היו מנת חלקם, מלוּוות עם ידיעות על המתרחש בפולין בימי השלטון הנאצי, ובפרט בלובלין, בה נשארו הוריו ורוב אחיו ואחיותיו.

מיד עם גמר המלחמה, חזר ללובלין ונודע לו, שכל בני המשפחה שנשארו בעיר (פרט לבן אחותו, ממשפחת הורוביץ) — ניספו.

בשנת 1945 נישא ועבר מלובלין למערב פולין. בצד עבודתו כעורך־דין, היה פעיל בחוגים ציוניים ועמד בראש הפעולה המקומית להעברת שארית הפליטה לישראל. הוא עצמו עלה ארצה עם משפחתו בשנת 1948. כאן עמד מחדש בבחינות לקבלת רשיון עורך־דין, שעבר בהצלחה והחל לעבוד במשרד המסחר והתעשייה. עם הקמת המוסד לביטוח לאומי, נבחר מבין מעומדים רבים לנהל את מחלקת התביעות במחוז תל־אביב.

תרומתו לעיצוב דפוסי עבודה במערך הביטוח הלאומי, היתה ניכרת. תמיד זכר, כי החוק נועד למען האנשים — ולא להיפך.

כשחלה ונחלש, המשיך להיאבק בגבורה, לא ויתר על הליכה לעבודה, כל עוד עמדו לו כוחותיו. משנבצר ממנו לבוא למשרדו, המשיך בעבודה חלקית בביתו. ניסה להסתיר את כאב וסבלו מן המחלה. פרט לקרובים לו מאד, לא ידע איש על יסוריו.

בשנות הששים היה המנוח פעיל בארגון יוצאי לובלין כחבר ועד והצטיין במסירותו ואחריותו ל„לנדסמנשפט״.

עו״ד נתן טמקין השאיר אשה, בן, בת, נכדים ואחיות. למרות שחומרת מחלתו היתה ידועה לכל הסובבים אותו, נפל מותו על כולם כרעם ביום בהיר והשאירם שרויים באבל כבד.

יהי זכרו ברוך!

המשפחה

★

חנה ליזרוביץ ז״ל

(לבית אפשטיין)

נולדה ב־6.6.17, בלובלין נפטרה כ׳ תמוז תשמ״א — ירושלים.

סבתא חנה לא רצתה ללכת לגיטו, כמו אביה ובעלה. היא רצתה להשאר בחיים. אחיה עזר לה לברוח מפולין לגרמניה. לפי התוכנית שלו, בתה אסתר (היא אמי) היתה צריכה להשאר באימוץ במשפחה פולנית, כפי שעשו הרבה משפחות. אבל הפרידה היתה קשה וחנה החליטה שיהיה מה שיהיה, היא לא נפרדת מבתה. הן ברחו ברכבת כפולניות וכאשר היו צריכות לעבור את ביקורת המסמכים, חנה הציגה, כאילו היא מחפשת את התעודות (שלא היו לה) והעיניים הכחולות של אסתר והשיער הבהיר נראו לפקיד הנאצי — כ„אריות״ לכל דבר ונתן להן לעבור.

את מלחמת העולם השניה עברו חנה ו־

חנה ליזרוביץ׳ ז״ל

אסתר בשני מקומות בגרמניה: במסעדה בעיר אקנפרדה ובמחנה־עבודה של פולנים ועמים אחרים, על גבול שלזוויג־הולשטיין.

אחרי השחרור, עברו להמבורג לבלנקנזה — במקום זה נאספו הרבה ניצולים, בעיקר ילדים ונוער. לשם הגיעו שליחים מישראל, שהעלו אותם ארצה. חנה עבדה במטבח, עד שהחליטו שאי־אפשר להשאיר אותה, כאם יחידה. כל השאר היו בדרך כלל יתומים. וכך עברה לעיר סמוכה הנובר. בהנובר פגשה את נתן, שהיה גם כן ניצול ממחנות ריכוז והם התחתנו.

אסתר עלתה בעליית הנוער ב־1947. לאחר 18 חודש, ב־1948 (אחרי קום המדינה) עלו חנה ונתן ארצה. הם קיבלו דירה מן הרכוש הנטוש בירושלים ולקחו את אסתר אליהם מחולדה, הקבוצה שקלטה את אסתר עם עלייתה.

חנה היתה אשה מאוד אופטימית, עם המון רצון לחיות והרבה תושיה. רק המחלה הנוראה הכריעה אותה. הניחה בעל, בת ו־שלושה נכדים.

הנכדה יעל, בת 13

★

החזן יעקב סמק ז״ל

קהל רב ליווה למנוחת עולמים את החזן יעקב סמק, שנפטר באורח פתאומי מהתקף לב, בעת ביקור בארה״ב, בשנת ה־75 לחייו.

הוא כיהן במשך 28 שנה כחזן הראשי של ביה״כ והמרכז הקהילתי של „איחוד שיבת ציון״, מיסודם של יוצאי גרמניה, ברחוב בן־יהודה בת״א, הופיע בטקסים חגיגיים בעיר. כן היה פעיל בהתנדבות בארגונים שונים, ובכללם מגן דוד אדום וארגון ותיקי ההגנה. היה עובד משרד החינוך והתרבות.

ארונו הוצב בבית הכנסת „איחוד שיבת ציון״, שם הספידו אותו הרב ד״ר יהודה אנסבכר והרב אפרים צמל, רבני המרכז הקהילתי. הם ציינו, כי תפילתו כשליח ציבור הרעידה לבבות, והוא היקנה בה תוכן מיוחד לכל אירוע. כן העלו על נס את פעלו בתחומי

החזן יעקב סמק ז"ל באזכרה לקדושי לובלין

התנדבות, כאשר סייע לחולים ולחלשים.

יוצאי לובלין בישראל זוכרים את החזן יעקב סמק ז"ל, שהופעותיו — בהתנדבות — באזכרות ליוצאי עירנו בבית המלין ובנחלת יצחק, הרשימו את הקהל. ה„אל מלא רחמים" וה„קדיש" שלו גרמו להתרגשות ולדמעות. נזכור את אישיותו המלבבת ודמותו האצילית.

תנחומים למשפחה. יהי זכרו ברוך.

דניאל קלאוויר ז"ל

דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט פון די לובלינער אין אַרגענטינע, דניאל קלאוויר, איז אַלס קינד געקומען קיין בוענאָס־איירעס. אין דער היים האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציונג. ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו זיין היים און צו זיינע לאַנדסלייט. צוזאַמען מיט די עלטערן, עקאָנאָמיש זיך באַפעסטיקט, אויפגעשטעלט אַ פאַמיליע און די קינדער דערצויגן אין יידישן גייסט.

דניאל קלאַוויר איז געווילט געוואָרן אויפן הויכן אַמט פון פאַרזיצער פון די לובלינער אַ דאַנק זיינע פאַרדינסטן פאַר דער סאָסייעטע און פאַר אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן פאַר ישראל־מגבית און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אחריות און לעבהאַפטער טעט'קייט.

די לובלינער יידן אין בוענאָס־איירעס, דריקן אויס דעם טיפסטן מיטגעפיל -דער אלמנה, דער טאָכטער, וואָס איז ספּעציעל געקומען פון די פאַר.שטאַטן, ווו זי אַ יידישלערערין, דעם זון און דער פאַרצווייגטער משפחה קלאוויר. ס'איז נישט געווען קיין יום־טוב, אַז מיר זאָלן זיך נישט האָבן מיטגעפרייט מיט דער משפחה — און איצט נעמט צו אונדזער צער און טרויער צו דער פטירה פון אומפאַרגעסלעכן דניאל'ן.

כבוד זיין אַנדענק!

קאַפּל

✶

זעליג קופּערשמידט ז"ל

פון סידנעי איז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פון מיין פעטער זעליג קופּערשמידט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין לובלין אין 1907, אויף דער זשעלאַזנע־גאַס, ווו זיין מוטער חיה האָט געהאַט אַ קאַלדרע־פאַבריק.

ער האָט געענדיקט די מיטלשול אין קרעמעניץ, ווו ס'האָט געוווינט זיין עלטערע שוועסטער, מיין מוטער. צוריק קומענדיק קיין לובלין, האָט ער דאָרט חתונה געהאַט, געוווינט אויף קרולעווסקע־גאַס, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן זיין ערשט קינד.

אין 1934 פאַרלאָזט ער פּוילן, קיין אויסטראַליע, ווו עס וווינען שוין זיינע ברידער אַבוש און יעקב און שוועסטער מילקע. אָבער ער באַווייזט ניט אָראָפּצוברענגען אַהין זיין פרוי און קינד, וואָס זענען אומגעקומען אין לובלינער געטאָ.

ער איז געשטאָרבן אין אַפּריל 1983, אין סידנעי, אין עלטער פון 76 יאָר.

כבוד זיין אַנדענק!

זיין שוועסטער־קינד,

אידקע שטערן

כדי אונדז אויסמיידן שווערוקייטן און איבעריקע הוצאות, בעטן מיר אַלע לאַנדסלייט אין דער וועלט, וועלכע שיקן שפּענדונגען דורך טשעקן, אויסצושרייבן די טשעקן נישט אויפן נאָמען פון אַ פּריוואַטן מענטש, נאָר דירעקט אויפן נאָמען פון
IRGUN IOTZEI LUBLIN.

נר זכרון לאחי יעקב ז'יטומירסקי
(עשר שנים לנפלו במלחמת יום הכיפורים)

א. יום הולדתו ויום מותו

„הנה ריח בני כריח השדה, אשר ברכו ה'" — נאמר על יעקב במקרא. בחג השבועות נולד יעקב שלנו. בחג השבועות, שבו היו ילדי ישראל מקשטים את בתיהם בירק רענן — בחג השבועות, שבו היו מביאים בכורים, מבכורי השדה והאילן — בחג השבועות, שבו היו קוראים את מגילת רות, המעלה ניחוחות של קציר־שעורים וקציר־חטים — בחג נודף בשמי שדות מבשילים, בחג של צפיות ל־ברכת־האדמה, בחג נושא תקוות ליבולים, — בחג זה נולד יעקב שלנו, וניחוחו של אותו חג ליווהו בדרכו תמיד.

אהב יעקב ללכת בשבילי המולדת. אהב את חיי הכפר. אהב את עבודתו, עבודת ה־אדמה. חוזר היה מהשדה ונעליו כבדות מ־רגבי־עפר שדבקו בהן ורטובות מטל, ועיניו טובות וחיוכו רחב.

ביום האחרון של חג הסוכות נפל יעקב שלנו. בשלהי הקיץ, בחג שבו יושבים בני ישראל תחת סכך ריחני וירוק, בסוכה בשומה, צבעונית, צוהלת, מקושטת במבחר הפירות שבשלו — בחג האסיף, זמן שמחתנו, שבו כלה האכר לאסוף את יבוליו, גאה על אסמיו שמלאו — בחג האסיף נאסף אל עמיו יעקב שלנו. בחג ברכת־האדמה — רחקה הברכה מאתנו. יעקב שלנו שב אל אדמתו אשר אהב, דבקו בו רגבי עפרו ולא ימתקו עוד. ב„זמן שמחתנו" נעצמו עיניו הטובות, נדם חיוכו הרחב. ביום שבו מרקדים בני־ישראל ב־רחובות, ביום שמחת־תורה רחקה השמחה מעמנו, הלכה עמו, ואלונו לא תשוב.

ב. שמו על המצבה

שמו על המצבה: יעקב ז'יטומירסקי.

„יעקב" — כשם סבו, אבי־אמו. „ז'יטומירסקי" — שם משפחת אביו. וצרוף שני השמות יחד — שתי משפחות גוועות ש. הושיטו יד אחרונה להאחז בחיים. והוא נושא השם, נושא שמן ותקוותיהן של שתי משפחות

שאבדו. שתי משפחות כל כך גדולות ומסועפות היו משפחות הוכברג וז׳יטומירסקי, שנספו בשואה. ואיך אפשר להנציח את כולם ? והרי היו שם סבים וסבתות, הורים, דודים ודודות, אחים ואחיות, חתנים, כלות, ילדים ? — — — רק בן יחיד נולד לנו. יעקב ז׳יטומירסקי קראנו לו.

יעקב ז׳יטומירסקי — ילד אחד, ששמו הוא תמציתן של שתי המשפחות.

יעקב ז׳יטומירסקי — זהו הרצון הנואש לחיות ולא למות. להקים יד ושם למתים כולם.

יעקב ז׳יומירסקי — לו הוא יחיה לפנינו, ויהיה המשך לשתי משפחות שאינן עוד, ויהיו חיים חדשים — — —

יעקב ז׳יטומירסקי — ענף צעיר וירוק שלבלב מתוך אפרם של שני גזעים גדועים, שרופים.

צעיר. יפה. פורח. אוהב אדם ואדמה. שהאיר את חיינו העצובים באורו החם והטוב. כה הרבה תקוה היתה בשמו. היתה בו. ואיננה עוד. כבה אורו וכבו חיינו.

ונותר שם על המצבה : „יעקב ז׳יטומירסקי" — והוא עצמו איננו.

ג. שכול

באונו ימים של שכול. מהו שכול ? שכול פירושו לחיות את צדו האפל של העולם. הנה לירח שני צדדים : צדו המאיר, הקורן, וצדו השחור, האפל. גם לעולמנו שני צדדים. האנשים השכולים חיים בצדו האפל של העולם. אין הם לבושים שחורים, אך את השחור נושאים הם בלבם, שהיה לאפר.

במעמקים מסתתר שכולם. יושבים הם בקרב אנשים אחרים, ומבחוץ לא תכירם. אם הם שונים. כי מתוך ליבם של האחרים קורן, מחמם ומאיר ניצוץ החיים, ובלבם של השכולים בוכה הסוד — סוד לבם הכבוי.

איש לא יבין את עצבות עולמים, יגון חייהם. יומם לא־אור, ולילם לא־מנוחה. שבתם לא־שלום, וחגם לא־שמח. ונר־הזכרון בביתם נצח.

נטע ז׳יטומירסקי־אבידר

✶

די טראַגעדיע פון משה ווייסמאַן ז״ל

מיט אַ צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען דאָס בוך פון י. בערגער־ברזילי „זוהר בחצות" — און דער דאָזיקער אויטאָביאָגראַפישער, פאַרכאַפנדיקער ספר, ווו עס ווערט אויך דערמאָנט, מיט אַ סך וואַרעמקייט, אונדזער אַ בן־עיר, האָט מיך אָנגערעגט צו שרייבן וועגן משה ווייסמאַן, דער גוט באַקאַנטער אין פאַרמלחמהדיקן לובלין, טוער פון „בונד" און סעקרעטאַר פון אייניקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין שטאָט, וואָס איז געשטאָרבן אין אַ סאָוויעטישער תפיסה אין יאָר 1953.

נאָר פאַר אַלעמען — אַ פאָר ווערטער וועגן י. ברזילי :

זיין פריערדיקער נאָמען איז געווען בערגער. אַ ייד פון קראָקע, וואָס איז אין יאָר 1920 געקומען קיין ארץ־ישראל, בראש מיט אַ גרופּע חברים פון השומר הצעיר. נאָך עטלעכע יאָר, שליסט ער זיך אָן אין דער פּ.ק.פּ. (פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי). אין 1931 פאָדערט אים אַרויס דער קאָמינטערן קיין מאָסקווע — און פון דאָנען הייבט זיך אָן זיין דערנער־וועג, וועלכן ס׳האָבן אַדורכגעמאַכט די טרייעסטע קאָמוניסטן אין די סאָוויעטישע תפיסות, לאַגערן און פאַרשיקונגערטער, ביז דער סטאַליניסטישער טעראָר האָט זיי אומגעבראַכט.



משה ווייסמאַן מיט זיינע צוויי זין נאַטאַן ז״ל (לינקס) און מענדל (איצט אין קאָפּענהאַגען).

נאָך 20 יאָר ליידן און זיין הינטער די קראַטעס, ווערט בערגער־ברזילי רעהאַביליטירט, באַפרייט, קומט קיין פּוילן און פון דאָרט — קיין ישראל. דאָ האָט ער אָנגעשריבן זיין בוך, אין וועלכן ער דערציילט אויך, אין אַ באַזונדער קאַפּיטל, זיינע באַגעגענישן מיט משה ווייסמאַן, וועמען ער שילדערט ווי אַ מענטש מיט אַ הויכן מאָראַלישן ניוואָ און שרייבט וועגן אים מיט טיפער סימפּאַטיע.

לייענענדיק דאָס בוך, האָט אין מיין זכרון אויפגעטויכט דאָס געשטאַלט פון משה ווייסמאַן, מיט אַ סך אַ סך יאָרן צוריק. ער האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט מיט זיינע דעליקאַטע געזיכט־שטריכן. ער איז געווען אַנגאַזשירט אין דער בונדישער פּאַרטיי און אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ביי וואַל־אַקציעס צו דער קהילה, שטאָטראַט און סיים, פלעגט ער מיט רואיקער זאַכלעכקייט אויפקלערן די שטעלונג פון „בונד" און מאָטיווירן, פאַר וואָס מ׳דאַרף פאַר אים שטימען.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, באַשליסט ווייסמאַן נישט וואַרטן ביז די דייטשן וועלן פאַרנעמען לובלין. ער מיט זיין פאַמיליע אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. און צוזאַמען מיט אַנדערע פליטים — אַוועקגעשיקט אין איינער פון די פּראָווינץ־שטעט אין צפון פון לאַנד, ווו ער האָט זיך איינגעאָרדנט ביי זיין פאַך (שניידעריי). רוסלאַנד האָט אין יענער צייט געפייערט דעם „האָניק־חודש" פון דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך.

אין די פרידנס־באַדינגונגען, וואָס האָבן נאָך געהערשט אין רוסלאַנד, האָט ווייסמאַן געקענט זען די אמתע ווירקלעכקייט אין דער גרעסטער סאָציאַליסטישער מדינה אין דער וועלט, וועלכע האָט דעמאָלט געהאַט די סימפּאַטיע און הילף פון דער פּראָגרעסיווער וועלט. ער האָט איינגעזען, אַז אַלע אמת׳ן, די טראַגעדיע פון משה — 2 — „לובלין"אַ. וואָס ער האָט אָנגעזאַפּט אין זיין סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — „בונד", — האָבן נישט אין סאָוויעט־רוסלאַנד קיין שום ווערט. אַלץ איז נישט מער ווי אַ בייזער חלום. צום ביישפּיל, די פּראָבלעמען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, מיט אַ בולטער דיסקרימינאַציע לגבי פעלקער, באַזונדערס — לגבי דעם יידישן פאָלק.

ווייסמאַן האָט געוווּסט, אַז אין יענעם לאַנד עקזיסטירט נישט קיין פרייע פּרעסע, ס׳איז אויך פאַרבאָטן צו שטרייקן. אָבער אַז דער פּרט זאָל זיך געפינען אונטער אַ שטענדיקער קאָנטראָל, אַז עלטערן זאָלן מורא האָבן פאַר זייערע קינדער — דאָס האָט ער נישט געוווּסט... אויך האָט אויף אים געמאַכט אַ שווערן איינדרוק דער נידעריקער לעבנסניוואָ פון דעם סאָוויעטישן פּויער און אַרבעטער.

אָבער ווייסמאַן האָט געוווּסט, אַז מען טאָר נישט פרעגן קיין קשיות און אַפילו דאָס בלויזע טראַכטן טראָגט אין זיך אַ סכנה. האָט ער געטאָן זיין אַרבעט, נישט פאַרנומען זיך מיט פּאָליטישע שמועסן, דערווייטערט זיך פון חברים בונדיסטן, כדי נישט צו פירן קיין דיסקוסיעס. אין צווישנצייט זענען דערגאַנגען ידיעות פון פּוילן, אַז די דייטשן מאָרדן די יידישע באַפעלקערונג. האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי פרידאַ : „אַז מיר וועלן צוריקפאָרן קיין פּוילן נאָך דער מלחמה, וועט פּוילן זיין פאַר אונדז נישט מער ווי אַ טראַנזיט — מיר וועלן זוכן אַ וועג קיין פּאַלעסטינע". (דאָס האָט מיר דערציילט זיין פרוי).

אין יאָר 1944, נאָך דער דייטשער מפּלה ביי סטאַלינגראַד, איז שוין געווען קלאָר, אַז היטלער האָט די קריג פאַרשפּילט. דאַן האָט די נ.ק.וו.ד. זיך גענומען צייט צו קאָנטראָלירן די פּאָליטישע כשרות פון די פליטים. אויף וועמען ס׳איז געפאַלן אַ חשד, האָט

מען אַרעסטירט. אויך וויסמאַן איז אַרעסטירט געוואָרן „פאַר בונדיש־מענשעוויקישער טעטיקייט". אויף זיין טענה אַז דאָס איז געווען אויסער די רוסישע גרענעצן, האָט מען אים געענטפערט, אַז לויטן סאָוויעטישן געזעץ, קאָן מען אויך באַשטראָפן פאַר קאָנטררעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אויסער רוסלאַנד.

ביי דער אויספאָרשונג איז ער אויפגעפאָדערט געוואָרן זיך מודה צו זיין אין אַנטיסאָוויעטישער טעטיקייט. ער האָט מיט גבורה אויסגעהאַלטן דעם דרוק און נישט געוואָלט זיך אַליין באַשולדיקן אין נישט באַגאַנגענע חטאים, ווי נישט מסכים געווען צו ווערן אַ מסור (אונטערהערן און איבערגעבן וואָס עס שמועסן זיינע חברים אַרעסטאַנטן). צום סוף האָט מען אים מודיע געווען, אַז ער איז אונטער די אויגן פאַרמשפט געוואָרן אויף 10 יאָר אין אַן אַרבעט־לאַגער און בקרוב שיקט מען אים אַוועק מיט נאָך אַ גרופּע. מ'האָט אים נאָר איבערגעפירט אין אַ טורמע אין צפון־רוסלאַנד, אין אַן איינצל־קאַמער, אין וועלכן ער איז געזעסן פון 1945 ביז 1949. ערשט אויף דעם נייעם אָרט איז אים קלאָר געוואָרן די סיבה, פאַר וואָס ער האָט „זוכה" געווען נישט געשיקט צו ווערן אין לאַגער, נאָר אין תפיסה.

דער טורמע־נאַטשאַלניק איז געוואָר געוואָרן, אַז משה וויסמאַן איז אַ גוטער שניידער — און פּוילישע שניידעריי איז געווען אַ שם־דבר אין רוסלאַנד. ער האָט די נייעס דערציילט אויך די נ.ק.וו.דיסטן, וואָס אַלע האָבן געהאַט ווייבער און קינדער מיט נאָענטע און ווייטע קרובים. האָט מען וויסמאַנען אַוועקגעזעצט און באַפוילן: „באַקלייד אונדז און באַניי אונדז", האָט וויסמאַן געאַרבעט 10—12 שעה אַ טאָג און אַלס לוין פאַר דער שווערער האַרעוואַניע באַקומען אַ בעסערן „פּאַיאָק", אַפּטער אים געטוישט די וועש און דערלויבט אים זיך באָדן. ער האָט אויך באַקומען ביכער אין דער פרייער צייט, וואָס איז געבליבן ווייניק. דער עיקר, וואָס מען האָט אים דערלויבט שרייבן בריוו צו זיין פרוי און קינדער. מען האָט אים אויך צוגעזאָגט, אַז מ'וועט דערלויבן דער משפחה, אים באַזוכן — אָבער דאָס האָבן זיי נישט מקיים געווען.

אין יאָר 1947 איז אים זיין פרוי מודיע בריוולעך, אַז ס'איז אַרויס אַ רעפּאַטריאַציעגעזעץ: בירגער פון פּוילישער אָפּשטאַמונג, האָבן דאָס רעכט זיך אומצוקערן אין זייערע היימען און אַז דאָס געזעץ איז אויך חל אויף פּאָליטישע און קרימינעלע פאַרברעכער. זי פאָרט צוריק קיין פּוילן און האָפט זיך מיט אים בקרוב צו טרעפן. חדשים־לאַנג וואַרט משה וויסמאַן אויף ווייטערדיקע ידיעות פון זיין פאַמיליע. אין צווישנצייט האָט מען אויך אים רעגיסטרירט צוריק צו שיקן קיין פּוילן. ער פילט אויס די געהעריקע פּאַפּירן.

אָבער די נאַטשאַלסטווע האָט נישט בדעה צו פאַרלירן אַזאַ גוטן שניידער — און שיקט נישט אָפּ זיינע פּאַפּירן ווו מען דאַרף. נאָר וויסמאַן האָט נישט געוווּסט וועגן דעם. ער האָט מורא צו פרעגן, וואָס ס'איז געשען מיט די פּאַפּירן, פאַר וואָס פאַרשפּעטיקט זיך די באַשטעטיקונג צוריקצופאָרן קיין פּוילן. זיי גיבן אים פאַרשידענע תשובות. ער פאַרלאַנגט פונדאַסניי איבערשיקן זיינע פּאַפּירן צו אַ העכערער אינסטאַנץ. זיי נעמען ביי אים די בקשות, נאָר מיט אייניקע חדשים שפּעטער דערציילט אים בסוד אַ ייִדישער באַאַמטער פון דער תפיסה־קאַנצעלאַריע, אַז זיינע פּאַפּירן זענען נישט אַוועקגעשיקט געוואָרן. וויסמאַן קאָן אויף דעם נישט רעאַגירן, ער וויל נישט שטעלן אין סכנה דעם ייִדישן באַאַמטן. ער פילט, אַז זיינע „ברויט־געבער" האָבן אים אָפּגענאַרט מיט זייערע זיסע רייד, ער פאַלט אַריין אין יאוש, דערקלערט אַ הונגער־שטרייק, זאָגט זיך אָפּ פון עסן, אָבער נישט פון דער אַרבעט, ווייל ער האָט מורא, מען זאָל אים אַלס שטראָף אַוועקשיקן אין אַ לאַגער, פאַר וועלכן ער האָט זיך זייער געשראָקן. ער באַקומט ווייטער באַשטעלונגען. ער הונגערט און אַרבעט — און דאָס ברעכט אונטער זיין געזונט. דער טורמע־נאַטשאַלניק וויל אים מיט עפּעס מפייס זיין, געפינט ער אויס דעם אַדרעס פון וויסמאַנס פאַמיליע, אַז זיי זענען שוין אין אַ שטעטל אין נידערשלעזיע. פון דעם פאַרשטייט משה וויסמאַן, אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט איינאָרדנען אין לובלין. ער רייסט איבער דעם הונגער־שטרייק און צאַפּלט זיך ווייטער צווישן האָפענונג און יאוש.

סוף 1948, איז אומגעריכט אַרויס אַ דעקרעט פון דער סאָוויעטן־מאַכט צו „פאַרפרירן" די רעפּאַטריאַנטן־רשימה פון די פּוילישע בירגער. דאָס מיינט, אַז ווער ס'איז נישט אין דער רשימה, האָט שוין נישט קיין אויסזיכטן צוריקצופאָרן אין זייערע היימען. וויסמאַן נעמט דאָס אויף ווי די שווערסטע טראַגעדיע, ווייל לויטן באַפעל, דאַרפן אַלע איבערגעבליבענע פּוילישע בירגער, אָננעמען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט. ער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ און פאָדערט זיינע רעכט ווי אַ פּוילישער בירגער: ער איז דאָך געבוירן אין פּוילן, געדינט אין פּוילישן מיליטער. אָבער אַזעלכע אַרגומענטן ווירקן נישט אויף אַ סאָוויעטישן טורמע־נאַטשאַלניק. איבעריקנס, קען ער אים נישט העלפן, די רעפּאַטריאַנטן־רשימות זענען הערמעטיש געשלאָסן.

סוף 1949 איז געשען דאָס, פאַר וועלכן וויסמאַן האָט זיך שטענדיק געשראָקן — ער ווערט פּלוצלינג איבערגעשיקט, מיט נאָך אַרעסטאַנטן, אין אַ סיבירישן אַרבעט־לאַגער, ווו ר'איז אָנגעקומען אַ קראַנקער און פאַרצווייפלטער. ער פילט, אַז ר'וועט שוין נישט דערלעבן צו זען זיין פרוי און קינדער.

דער לאַגער־נאַטשאַלניק טוט אים אַ „טובה" און שיקט אים נישט זעגן ביימער אין וואַלד, צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד — נאָר אין אַ שניידער־אַרטעל. דער אָנפירער פון אַרטעל איז אַ ליטווישער נאַצי־פאַרברעכער און וויסמאַן לעקט נישט פון אים קיין האָניק. אָבער משה פאַרשוויַיגט נישט, און דאָס פאַרגרעסערט נאָך מער דעם צאָרן פון דעם ליטווינער.

צוזאַמען מיט די ידיעות וועגן חורבן פון די פּוילישע ייִדן, דערגייט צו אים די ידיעה וועגן אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, וואָס מאַכט אַן איבערקערעניש אין זיין געדאַנקענגאַנג און ברענגט אים צו נייע מחשבות — איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן אָט די צוויי, אומקום און אויפקום?

אין לאַגער טרעפט ער ווידער זיין טורמע־פריינד ברזילי — און זייער פריינדשאַפט פאַרשטאַרקט זיך נאָך מער. ברזילי שרייבט וועגן אים מיט טיפער פאַרערונג. אין די לאַגער־באַדינגונגען, זאָרגט יעדער נאָר פאַר זיך, אָבער ביי משה וויסמאַן זענען די געזעלשאַפטלעכע זאָרגן גרעסער פון זיינע פּערזענלעכע דאגות. אַלץ ווערט ביי אים געמאָסטן מיט אַ מאָראַלישן סענטימעטער. אַזוי צ. ב. טיילט ער נאָך אָפּ פון זיין אָרעמען פּאַיאָק פאַר אַנדערע. ער געדענקט נאָך פון חדר די תלמודיסטישע שפּריכווערטער: „עניי עירך קודמים".

די שווערע אַרבעט אין שניידער־אַרטעל, זיין דערשלאָגנקייט, די אָרעמע באַשפּייזונג, דאָס נישט האָבן קיין ידיעות פון דער משפחה — זענען גורם צו אַ שטאַרקער פאַרערגערונג פון זיין געזונט. ער ווערט אַן אָפּטער באַזוכער אין שפּיטאָל. אָנהייב 1952 פאַרערגערט זיך זיין געזונט־צושטאַנד, ער פילט, אַז דער סוף איז נאָענט. די דאָקטוירים פירן אים אַריבער אין צענטראַלן שפּיטאָל־לאַגער צו אָפּערירן — און פון דאָרט איז ער נישט אַרויס קיין לעבעדיקער.

אָנהייב 1951 ווערט י. ברזילי פּלוצלינג אַריבערטראַנספּאָרטירט אין אַן אַנדער פאַרשיקונג־אָרט. אָבער ברזילי פאַרגעסט נישט אין משה וויסמאַן. ער שיקט אים אַ שפּייזפּאַקעט און באַקומט אַ באַשטעטיקונג, אַז ער האָט דעם פּאַקעט דערהאַלטן. זומער 1952 שיקט ער ווידער אַ שפּייז־פּאַקעט, וואָס קומט צוריק מיט אַ צושריפט: „געשטאָרבן"...

זיין פאַמיליע וועלכע איז צוריקגעפאָרן קיין פּוילן אין 1947, האָט אים אַרומגעזוכט אין משך פון 10 יאָר. אַלע זייערע ווענדונגען צו דער פּוילישער רעגירונג און צום רויטן קרייץ, גיבן נישט קיין רעזולטאַטן. שטענדיק ווערן זיי געבעטן צו דערגאַנצן די בקשות וועגן גורל פון זייער מאַן און פאָטער, מיט נאָך הילפס־דאָקומענטן — ביז ענדלעך אין פעברואַר 1952, ממש פאַר זייער פאַרלאָזן פּוילן אויפן וועג קיין ישראל, באַקומט די פאַמיליע וויסמאַן אַן אָפיציעלן בריוו פון פּוילישן רויטן קרייץ.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער מאַטירער־

וועג פון משה ווייסמאַן. אַן ערלעכער מאַן און פאַטער, אַן איבערגעגעבענער אַרבעטער־טוער, וואָס איז מיט אייגענע כוחות צוגעקומען צו אַ הויכן געזעלשאַפטלעכן מעמד אין לובלין און אויסער איר. אַן ערלעכער סאָציאַליסט און געטרייער זון צו זיין פאָלק. אַן ערלעכער ייִד, אפשר אָן מצוות, אָבער מיט אַ סך מעשים טובים.

איך גלויב, אַז משה ווייסמאַן האָט נישט שלום געמאַכט מיט זיין גורל און איז געשטאָרבן מיט אַ פּראָטעסט אויף זיינע ליפּן, קעגן דער אכזריותדיקער פירונג...

דאָ ניט לאַנג האָב איך באַזוכט די אלמנה פון משה ווייסמאַן, פרידאַ ווייסמאַן, וואָס וווינט אין חדרה — און זי האָט מיר איבערגעגעבן די מיטיילונג פון פּוילישן רויטן קרייץ, וועלכע זי האָט באַקומען אויף אירז פילמאַליקע ווענדונגען וועגן גורל פון מאַן

✶

וועגן לעבן און הערא̈ישן אומקום פון בעלאַ שאַפּיראַ *

משה זאַלצמאַן

* פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט.

פאַר די קאַרגע צוויי צענדליק יאָר וואָס איך פאַרנעם דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז, האָב איך אַזוי פיל איינגעאָטעמט אין זיך פון דער געשיכטע פונעם ייִדישן ישוב אין דער שטאָט און אירע פּערזענלעכקייטן, אַז ס'איז מיך באַפאַלן אַ ווילן אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט די געשטאַלט פון בעלאַ שאַפּיראַ, טראָץ דעם, וואָס כ'האָב זי פּערזענלעך נישט געקענט, אָבער אירע מעשים האָבן אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.

42 יאָר זענען פאַריבער, זייט די געסטאַפּאָ האָט אכזריותדיק פאַרפּייניקט צום טויט איינע פון די גייסטיק־שיינע פרויען־געשטאַלטן אין דער ייִדישער לובלין, צווישן ביידע וועלט־מלחמות — די פון אַלעמען באַליבטע בונדישע טוערין בעלאַ שאַפּיראַ, וועלכע איז אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט. ס'איז אָבער נישט באַוווּסט געניי ווו, ווען און ביי וועלכע אומשטענדן. עס איז נאָר באַוווּסט, אַז זי האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, מיט דער האָפענונג צו באַפרייען איר מאַן, יאַנקל ניסענבוים, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן — צוליב איר.

בעלאַ שאַפּיראַ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1891 אין אַ חסידישער משפחה, אָבער זי אַליין האָט זיך אין אירע יונגע יאָרן דערנענטערט צו דער וועלט פון פרייען געדאַנק און צום „בונד", אין וועלכן זי איז געוואָרן אַן אויפגייענדיקער שטערן, ווי נאָר זי איז אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי אין יאָר 1918. אַ יאָר שפּעטער איז זי שוין געוואָרן אויסגעוויילט אַלס ראַטמאַן פון „בונד" אין לובלינער שטאָטראָט. פאַר אירע דרייסטע אַרויסטרעטונגען, איז זי געוואָרן אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף דריי יאָר תפיסה. זי איז אָפּגעזעסן אַ יאָר, געניסנדיק פון דער אַמנעסטיע. אָבער זי האָט ווייטער אומדערשראָקן פאַרגעזעצט איר קאַמף פאַר די רעכט פון די ייִדישע אַרבעטער אין לובלין. זי איז געווען לאַווניק אין שטאָטראָט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, און ביז דאַן איז זי אויך געווען, אָנהויבנדיק פון 1924, די פאָרזיצערין פון דער ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע. מיט איר געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צו אָט דער אַרבעט, האָבן אַלע געזען אין איר די נשמה פון דער ייִדישער פאָלקס־שול, די מוטער פון אַלע ייִדישע קינדער.

די זעלבע מוטיקייט, געטריישאַפט און ליבשאַפט צום מענטש, האָט בעלאַ שאַפּיראַ אַרויסגעוויזן אויך אין די פינצטערע יאָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, אין געטאָ, ביז וואַנען זי איז פון דאָרט אַוועקגעפירט געוואָרן צום טויט. צוערשט, נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן אין דער שטאָט, האָט זי זיך צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם רעדאַקטאָר פון „לובלינער טאָגבלאַט", יעקב ניסנבוים, אַוועקגעלאָזט אויף דער סאָוויעטישער זייט. אָבער אַן אַנטוישטע פון דעם פאַרשוועכטן סאָציאַליזם, האָט זי זיך צוריקגעקערט אין איר היימשטאָט און דאָרט געטיילט דעם גורל פון אירע ייִדן. זי האָט דאָס געטאָן נאָך דעם, ווי זי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אַרעסט פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

דער בונדישער צענטער אין וואַרשע האָט צוגעצויגן בעלאַ שאַפּיראַ צו דער אַרבעט פון דעם אונטערערדישן לאַנדראַט פון דער פּאַרטיי. אין לובלין גופא האָט זי איבערגעאָרגאַניזירט דעם אונטערערדישן בונדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און דעם יוגנט־בונד „צוקונפט". דער פּאַרטיי־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון בעלאַ שאַפּיראַ, יעקב קעלנער, יאַנקל בראַנשטיין, אלתר זאַטערמאַן, יאַנקל קעניגסוואַלד. דער פאָרשטייער פון דער יוגנט אין קאָמיטעט איז געווען — יאָסל דראַנג. דער יוגנט־קאָמיטעט איז באַשטאַנען בלויז פון דריי חברים: חנה'לע מערנשטיין, יחיאל לערער (דער זון פון בונדישן פירער לייבל לערער) און יאָסל דראַנג. דער פאָרשטייער פון די עלטערע אין יוגנט־קאָמיטעט איז געווען יאַנקל קעניגסוואַלד. די פאַרבינדונג מיט דער „פוילישער גאַס", דער עיקר מיט דער פּ.פּ.ס., האָבן אָנגעהאַלטן בעלאַ שאַפּיראַ און יעקב ניסנבוים. יעקב ניסנבוים האָט אויך באַקומען די אויפגאַבע צו פאַרצייכענען און פאַרשרייבן די גרוילטאָטן פון די היטלעריסטישע בעסטיעס איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג.

עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַן אַקטיווע טעטיקייט, מיט פאַרבינדונגען מיט די צענטראַלע קערפּערשאַפטן אין וואַרשע און אַ הילפס־אַרבעט, אין פאַרבינדונג מיט די פאַרשידענע הילפס־אָרגאַניזאַציעס. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ באַשפּייזונג־דינסט פאַר דערוואַקסענע — אין דער ערשטער ריי פאַר די מאַסן פּליטים, וואָס זענען געווען באַזונדערס גרויס אין לובלין, וווהין עס האָבן געשטראָמט ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, אַנטלויפנדיק פון די אכזריותדיקע דייטשע רדיפות.

יעקב צעלעמענסקי, דער „קוריער" פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט, דערציילט אין זיין בוך וועגן אַ באַראַטונג, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט מיט 30 בונדישע טוערס, אין דער וווינונג פון יאָסל דראַנג, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער אומלעגאַלער ביבליאָטעק. אויף דער באַראַטונג זענען געווען פאָרשטייער פון אַלע פאַכן, צווייגן, פון קולטור־ און הילפס־אָרגאַניזאַציעס. מיט באַזונדערער ליבשאַפט און יראת הכבוד האָט מען גערעדט אויף בעלאַ שאַפּיראַ, וועלכע האָט געדאַרפט אָנקומען, אומבאַמערקט פון אַ זייטיק אויג.

אין 1941 האָט די געסטאַפּאָ גענומען אַרומזוכן בעלאַ שאַפּיראַ, איר איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן מיט דער הילף פון פּ.פּ.ס.־טוערס. ווען די געסטאַפּאָ איז דערגאַנגען, אַז יעקב ניסנבוים איז איר מאַן, האָט זי אים אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין תפיסה. זיי זענען צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל אויסגעבן ווו בעלאַ שאַפּיראַ באַהאַלט זיך אויס, אָבער ער האָט זיך נישט איינגעבראָכן, נישט געקוקט אויף די שרעקלעכע פּייניקונגען און יסורים.

ווי נאָר בעלאַ האָט זיך דערוווּסט וועגן אַרעסט פון איר מאַן, איז זי אַרויס פון איר באַהעלטעניש און גענומען מאַכן באַמיאונגען אים צו באַפרייען, הגם חברים האָבן זי געוואָרנט, אַז מיטן איבערגעבן זיך אין דער געסטאַפּאָ, וועט זי במילא נישט קענען באַפרייען איר מאַן, זי האָט אָבער נישט געקאָנט ביי זיך פועלן, אַז ער זאָל דאַרפן אַדורכמאַכן די פּייניקונגען צוליב איר.

יעקב צעלעמענסקי באַשרייבט וועגן זיינע דורכגעפאַלענע באַמיאונגען — אַלס שליח פון צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע — אַרויסצובאַקומען זי פון די הענט פון דער געסטאַפּאָ. יעקב ניסנבוימען האָט זיך איינגעגעבן צו באַפרייען זיך פון תפיסה. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס באַאַמטער אין דער קהילה. אַ געוויסע צייט שפּעטער האָט אים די געסטאַפּאָ אַוועקגענומען פון זיין אַרבעטס־טיש אין דער קהילה און אים גלייך אויף דער גאַס דערשאָסן.

דעם זעלבן טאָג האָט מען אַרויסגענומען פון שטוב אַרויס אויף דעם שניידער־אַרבעטער דוד שעפער, פאָרזיצער פון לובלינער פאַראיין פון די באַקלייד־אַרבעטער, אַן אַקטיווער בונדיסט, אויך אים האָבן די דייטשן דערשאָסן אויף דער גאַס.

וועגן דעם טראַגישן גורל פון בעלאַ שאַפּיראַ איז נאָר באַוווּסט, אַז זי איז אכזריותדיק געפּײַניקט געוואָרן און בלוטיק געשלאָגן געוואָרן אין דער געסטאַפּאָ. ווו און ביי וואָס פאַראַ אומשטענדן זי איז אומגעקומען, איז קיינעם נישט באַוווּסט.

KOL
VOICE OF **LUBLIN**
ANNUAL OF LUBLINERS IN ISRAEL AND DIASPORA

„LUBLINER SHTIME" • TEL-AVIV • NOVEMBER 1983 • No. 18

HE FEELS OWN EMOTIONS, THOSE OF HIS PARENTS

Holocaust Survivor Caught Between 2 Worlds

By MARLENE CIMONS, Times Staff Writer

WASHINGTON — Beverly Hills attorney David Eisenberg, 41, is a Jew caught between two worlds.

He was 1 year old in Lublin, Poland, when his parents were sent to concentration camps. Abandoned in the snow by the family maid, he was rescued, taken to an orphanage and raised as a Catholic. Somehow, his parents survived the war and found him.

As a result, Eisenberg is both a survivor of the Holocaust and a member of the second generation — a child of Holocaust survivors. "I feel my own emotions as well as the emotions of my parents," he said in an interview Tuesday.

"If my mother hadn't found me, I might have grown up to be the next Pope," he said, making a grim joke of his harrowing experience. Nodding approval, his father said, "It's important to make jokes. That's our strength."

10,000 GATHER

The Eisenberg family is in Washington this week, along with more than 10,000 others in the first American gathering of Holocaust survivors.

The survivors have come looking for others who lived in their hometowns, or who had shared their concentration camp barracks, persons who had come from a part of their lives they have been unable to leave behind even after 40 years or more.

They wandered the Washington Convention Center Tuesday, wearing hand-lettered signs bearing the names of their European villages. They took turns standing at a microphone, pleading to meet someone from their past. Their homemade signs contrasted sharply with the bank of sophisticated computers brought here to file and locate American members of the Holocaust population.

Friends, some of whom had not met for decades, embraced. Often the wept.

"We know each other since we were kids," said Harry Fruchtman of Brooklyn, N. Y., clutching the arm of Eisenberg's father, Israel, 67, who runs a men's clothing business in Los Angeles. Israel Eisenberg's face is scarred by a bullet wound.

"I haven't seen him since the day he got shot, more than 40 years ago," Fruchtman said. "We escaped from the ghetto. I was going to hide in a building. He was already hiding in a building. I beard a shot and found him. He played dead. But you can see a face, even after 40 years, and remember."

The senior Eisenbergs, married before the war, were sent to separate concentration camps. They left David behind in an effort to save him. When both parents were liberated, they returned to Lublin and found each other. "I began searching for my son," said Mrs. Eisenberg, now 65. "I went back to the girl I'd left him with. She told me he'd died."

But, she said, another woman told her that she had seen the maid leave the child in the snow. Mrs. Eisenberg started searching orphanages; an official at one of them told her that a policeman had found her son, suffering from pneumonia. The sick infant had been transferred to a church orphanage nearby, where she found him.

(April 13, 1983)

teatrnn.pl